Louis Palack

age 7 3/-

16 Stake Newington
Road.

D 12

ספר

געימות יעקב

דיא זיסע רייד פון הרב ר' יעקב (דובנער מגיד)

דא האבין מיר מעתיק גיוועזן אויף עברי טייטש דרושים פון דעם גרויסין בארימטין דרשן הרב ר' יעקב דובנער מגיד. דרינען געפינט זיך מוסר השכל אונ שיינע רייד אין עניני שבת ויו"ט. אונ ר"ה ויום כפור. אויך זייער שיינע משלים. ווער עס וועט לעזין וועט גרוים פערגעניגען האבין (והיה לו למשיב נפש):

נעתק מאת צדוק צדיקאוויץ ממינסק

ווארשא

בדפוס הרבני מהו' נתן שריפטגיסער נ"י.

שנת תרמ"ב לפ"ק

НЕИМОУСЪ ЯКОУВЪ,

или Проповѣди якова изъ Дубны.

ВАРШАВА 1882

Въ типографіи Н. Шрифтгисеръ улица палевка № 13.

Дозволено Цензурою.
Вильна 27 Іюля 1882 года.

נעימות יעקב

מיר געפונען אין דער תורה הק[illegible]ה אז השי"ת האט אונז פאר זאגט וועגן שבת אזוי: ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון וכו'. איז טייטש זעקס טעג קענסטו טאן אין מלאכה און אין דעם זיבענטין טאג זאל זיין איין רוהונג צו אייך. פאר שטייט מען ניט פון וואס וועגן דארף שטיין צווייא ווערטער שבת און שבתון וואס ביידע בעדייטען אלץ איינס עס וואלט דאך גינוג געוועזען איין ווארט שבת אליין. נאר מען קען דאס פאר ענטפערין אז עס מוזין שטיין צווייא מאל שבת און שבתון מיר געפונען דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק לא ייעף ולא ייגע דאס הייסט אז השי"ת ווערט קיין מאל ניט מיד און ניט אפ געמאטערט אבער במי אני יגע דאס הייסט מיט וועמען ווער איך יוא אפ גימאטערט במי שהוא מכעים לפני בדברים בטלים מיט דעם דער וואס דער צארענט מיך מיט דברים בטלים. פאר שטייט מען דער פון אז שבת קען דער מענטש זיך האבין איין רוהונג אבער השי"ת קען ער מאכען איין יגיעה צו פאר ליידען דעם מענטשינס זינד ח"ו וויא דער נביא מלאכי זאגט הוגעתם ה' בדבריכם איז טייטש אז איר מאכט מיד השי"ת ח"ו מיט אייערע רייד ווארום דורך דעם וואס זיי וועלין זיין שבת רוהיג פון מלאכה פערזאמלען זייא זיך אויף אין איינעם און פאר ברענגען דעם גאנצין טאג אין דברים בטלים און אין אנדערע פיל נארעשקייטין און דאס איז דאך ידוע וואס פון פיל דברים קען ארויס קומען און צו וואס זייא קענען ברענגען דעם מענטשין. דעריבער האט דיא תורה הקדושה גישטעלט צווייא מאל שבת און שבתון דאס קומט אונז צו לערנען אזוי וויא איין מענטש מוז אליין רוען אין דעם טאג אזוי דארף דער מענטש זעהען אז השי"ת זאל אויך רוהיג זיין אין דעם טאג דאס הייסט ער זאל פאר ברענגען דעם היילינען טאג אין לערנען תורה יעדערער נאך זיין ערך און

זאל

זאל ח"ו ניט פאר ברענגען דעם טאג אין דברים בטלים אדער
אין אנדערע נארישקייטן .

אויך קענען מיר דאס פאר שטיין דורך איין משל איין
פאטער האט איין מאל געבראכט זיין קליינעם זון איין זייגער במתנה
ווען ער איז געקומען פון וועג כדי צו מאכן אים איין נחת רוח
דער מיט . וויא דאס קינד האט אבער מיט אים אנגיהויבן צו
שפילן האט ער אים באלד צו בראכן אונ האט אים זייער שטארק
פר דארבן אונ דער נחת פון דעם קינד איז פאר קערט גיווארין
צוא דעם גרעסטן צער . האט אים דער פאטער גיזאגט מיין קינד
האב איך דען גימיינט צו מאכן דיר דעם צער . מיין ווילען איז
דאך גיוועזן צו מאכן דיר דעם גרעסטן נחת רוח . כך אזוי זענען
מיר אויך אזו . השי"ת האט אונז אוועק גיגעבן אזוי איין טייערע
מתנה פון זיינע אוצרות וויא דער טאג שבת איז . אין אים קען
דאך דער מענטש גיפונען איין רוהונג צו זיין גוף אונ צו זיין נשמה
אונ איין פרייטונג צו זיינע פרויערקייט אונ אפ מאטערונג . ווען
איין מענטש אבער נעמט דעם טאג אונ פאר ברענגט אים אין
דברים בטלים אדער אין אנדער הבלים קען דאך זיין אז דער
הייליגער טאג שבת זאל אים ברענגען צו פיל שלעכטס אונ ער
וועט דאך לסוף מוזין ליידין זייער גרויסע עונשים דעריבער שטעלט
אונז דיא תורה הקדושה שבת אונ שבתון צו פאר זאגין אונז
אז מיר זאלין קענען האבין שבתון . דאס הייסט רוען אונ צו
האבין דעם גרויסין תענוג לעולם הבא . על כן מוזין מיר זעהן צו
היטין דעם הייליגין טאג פון שבת מיט אלע זיינע דינים אזוי וויא
אונזערע חכמים האבין אונז פאר באטן כדי מיר זאלין זיך קענען
מתענג זיין מיט דעם גרויסין תענוג לעוה"ב מיט אלע צדיקים
אונ חסידים :

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר
התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה : דאס הייסט פון מארגין
נאך שבת ווען איר וועט ברענגען דעם עומר . זאלט איר אפ ציילין
זיבין גאנצע שבתים גיפונען מיר אויף דעם פסוק אין מדרש אזוי .

תני ר׳ חייא שבע שבתות תמימות תהיינה . דָאס וָואס דִיא תּוֹרָה
הֵייסְט צוּ צֵיילִין זִיבִּין שַׁבָּתִים אוּנ זַייא זָאלִין זַיין גַאנְצֶע . זָאגְט
רַבִּי חִיָּיא אַזוֹ . אימתי הן תמימות וֶוען זֶענֶען דִיא דָאזִיגֶע שַׁבָּתִים
גַאנְצֶע בשעה שישראל עושין רצונו של מקום אִין דֶער צַייט וֶוען
דִיא יִשְׂרָאֵל טוּעֶן דֶעם ווִילִין פוּן הקב״ה קֶען מֶען דָאךְ פְרֶעגִין ווָארוּם
הָאבִּין אוּנזֶערֶע חֲכָמִים ז״ל תּוֹרָה גִיוָוען דִיא דָאזִיגֶע מִצְוָה אָן דִיא
וָואס טוּעֶן דֶעם ווִילִין פוּן הקב״ה דַוְוקָא מֶער ווִיא אַלֶע מִצְוֹת פוּן
דֶער תּוֹרָה . נָאר מֶען קֶען זָאגִין רַבִּי חִיָּיא הָאט דָאס גִימֵיינְט אוּנז
צוּ לֶערְנֶען . אִין זַיין מַאֲמַר קֶענֶען מִיר גִיפִינֶען זֵייעֶר אֵיין קְלוּגֶען
אוּנ אֵיין טִיפֶען מוּסָר . דָאס זֶעהֶען מִיר דָאךְ גִיווִיס אַז וָואס אִיז
דִיא גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה בַּייא דֶעם צַדִּיק . בַּייא אִים אִיז דִיא גְרֶעסְטֶע
שִׂמְחָה פוּן דִיא טֶעג וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען . וֶוען עֶר דֶער
מַאנְט זִיךְ פִיל טַייעֶרֶע סְחוֹרוֹת הָאט עֶר אוֹיף דֶעם דָאזִיגֶען יֶערִיד
אֵיין גִיהַאנְדֶעלְט אוּנ קֶען שׁוֹין פָארִין אַהֵיים . פִיל תּוֹרָה אוּנ
מַעֲשִׂים טוֹבִים הָאט עֶר אַיין גִיזַאמֶעלְט וָואס דָאס אִיז גִיוֶוען זַיין
רֶעכְטֶער קוּמֶען אוֹיף דֶעם יֶערִיד דָאס הֵייסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט . אוּנ
דִיא טֶעג חָאצְבֶּע זַייא זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעסְט וֶועגִין
זֶענֶען זַייא אַלֶע אִין גַאנְצִין אָבֶּער נִיט אַזוֹי דֶער רָשָׁע וָואס עֶר
פַאר בְּרֶענְגְט אַלֶע זַיינֶע טֶעג אִין הבלים אוּנ אִין אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן
דֶער וֶועלְט וָואס זַייא זֶענֶען הבל עֶר הָאט קֵיין שׁוּם נַחַת נִיט פוּן
דִיא טֶעג וָואס גֵייעֶן אַוֶועק . ווָארוּם עֶר הָאט אוֹיף דֶעם יֶערִיד גָאר
נִישְׁט אַיין גִיקוֹיפְט . אוֹיף זַייא זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה הפסוק
רשעים ואינם אִיז טַייטְשׁ אַז דִיא רְשָׁעִים זָאלִין זִיךְ אוּם קֶערִין אוּנ
צֻקוּק טָאן אוֹיף דִיא טֶעג וָואס זֶענֶען אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיז גָאר נִיט
אוֹיף וָואס צוּ קוּקִין ווָארוּם זַייא הָאבִּין זֵייעֶר גַאנְצִין יֶערִיד נָאר
פַאר בְּרַאכְט אִין הֲבָלִים דִיא גַאנְצֶע פְרַייד פוּן דֶער רָשָׁע אִיז נָאר
מִיט דִיא טֶעג וָואס וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר קֶענֶען ווַייטֶער אוֹיס פִירֶען
זַיינֶע תַּאֲווֹת . אַזוֹי ווִיא יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא הָאט גִישְׁטְרָאפְט דִיא רְשָׁעִים
פוּן דֶעם דוֹר . הָאט עֶר אַזוֹ גִיזָאגְט דִיא רְשָׁעִים זָאגִין אַזוֹי . אתיו

אקחה יין ונסבאה שכר קוּמְט לָאמִיר נֶעמֶען ווַיין אוּנ לָאמֶער זִיךְ
אָן זוֹיפְן מִיט שְׁטַארְקֶע ווַיין יהיה כזה יום מחר גדול יותר מאד
הַהֲוַואי זָאל זַיין מָארְגֶענְדִיגֶען טָאג נָאךְ פִיל גְרֶעסֶער . קֶען מֶען
פַאר שְׁטֵיין אַז דִיא שִׂמְחָה פון דֶעם רָשָׁע אִיז נָאר מִיט דִיא טֶעג
וָואס וֶועלִין קוּמֶען . דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה אִין תְּהִלִים . ימי
שנותינו בהם שבעים שנה אִיז טַייטְשׁ דִיא טֶעג פון אוּנְזֶער לֶעבִּין
אִיז אַז פִיל זִיבְּעצִיג יָאר אִיז דָאךְ דֶער וָוארְט בָּהֶם נָאר
אִיבֶּערִיג וָוארוּם אָן אִים וָואלְט דָאךְ דֶער פָּסוּק אוֹיךְ גוּט גִיוֶועזֶן
אָבֶּער נָאךְ דֶעם עִנְיָן נָאךְ קֶען מֶען דָאךְ זֶעהֶען אַז דֶער צַדִיק אוּנ
דֶער רָשָׁע אִין זַייעֶר לֶעבִּין זֶענֶען גְלַייךְ צוּ צְווייא אָרֶעמֶע לַייט וָואס
זֵייא זֶענֶען אַרוּם גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער דֶער וֶועלְט צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט
מִיט זַייעֶרֶע אַרְבֶּעט זֵיי פְלֶעגִין שְׁטֶענְדִיג גֵיין בֵּיידֶע אִין אֵיינֶם נָאר אֵיינֶער
אִיז גִיוֶועזֶן אֵיין חָכָם אוּנ אֵיינֶער אִיז גִיוֶועזֶן אֵיין נַאר . דֶער נַאר
ווִיא עֶר פְלֶעגְט נָאר עֶפֶּעס קְרִיגֶען הָאט עֶר דָאס בַּאלְד אוֹיף
גִיגֶעסִין אוּנ עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גִיוֶועזֶן אָן אֵיין פְּרוּטָה . אָבֶּער דֶער חָכָם
ווִיא עֶר פְלֶעגְט עֶפֶּעס אוֹיף מַאכִין עֶטְלִיכֶע פְּרוּטוֹת הָאט עֶר פַאר
אַבִּיסֶעל גִיקוֹיפְט שְׁפַּייז אוֹיף עֶסִין אוּנ דִיא אִיבְּרִיגֶע הָאט עֶר זִיךְ
גִיקְלִיבִּין אוּנ הָאט זֵייא אַיינְגִיבִּיטִין אִין גִילְדֶען אוּנ דֶער נָאךְ אִין
טָאלֶער אוּנ דֶער נָאךְ אִין רֶענְדְלִיךְ . אַזוֹ אִיז דֶער צַדִיק אוֹיךְ . אַלֶע
זַיינֶע טֶעג פַאר בְּרֶענְגְט עֶר נָאר אִין תּוֹרָה אוּנ אִין מַעֲשִׂים טוֹבִים
אוּנ עֶר קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע טֶעג פון זַיין לֶעבִּין פון זִיבֶּען
טֶעג וֶוערְט בַּייא אִים אֵיין וָואךְ אוּן פון פִיר וָואכִין וֶוערְט אֵיין
חוֹדֶשׁ אוּנ פון צְוֶועלְף חֳדָשִׁים אֵיין יָאר אוּנ אַזוֹי זַאמֶעלְט עֶר זִיךְ
אֵיין זַיין גַאנְצִין לֶעבִּין . אוּנ חָאטְשֶׁע דֶער עֶצֶם צֵייט גֵייט דָאךְ
אַוֶועק אָבֶּער דִיא עִנְיָנִים אוּנ דִיא מַעֲשִׂים פון דִיא אַלֶע טֶעג בְּלַייבִּין
דָאךְ אִין גַאנְצִין . אוּנ אַז עֶס קוּמְט זַיין צַייט צוּ פָארִין אַהֵיים בַּייט
עֶר אוֹיס דִיא אַלֶע טֶעג פון דֶער וֶועלְט אוֹיף אֵיין בֶּעסֶערִין לֶעבִּין
מִיט גְרֶעסֶערֶע אוּנ לֶענְגֶערֶע טֶעג מִיט דִיא גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּגִים לְעוֹלָם
הַבָּא . נִיט אַזוֹ אִיז אָבֶּער דֶער רָשָׁע אַז עֶר פַאר בְּרֶענְגְט זַיין
גַאנְצִין לֶעבִּין אִין הַבָלִים אוּנ אִין תַּאֲוֹות הגופניות וָואס פון דֶעם

קען ער דאך מיט זיך אהיים גאר נישט גענעמען קען מען אויף אים
זאגין אז עס קומט זיין צייט צו גיין אהיים האט ער פון אלע זיינע
טעג גאר נישט נאר דעם טאג וואס ער לעבט נאך אבער די טעג
וואס זענען אוועק גיגאנגען זענען גלייך ווי זיי וואלטין גאר ניט
גיוועזען אויף זייא זאגט שלמה המלך ע"ה ׃ ושנות רשעים תקצורנה
איז טייטש די יארין פון די רשעים ווערין אפ גישניטין זייא זענען
גלייך ווי זייא זענען גאר ניט גיוועזען . די רשעים זענען גלייך צוא
איינעם וואס האט גיגעבין איין גביר באהאלטין הונדערט רענדלאך
אז ער זאל אים פון די געלט געבין אלע טאג איין גילדין הייגט
אז עס קומט דער לעצטער טאג בלייבט דאך אים נאר איין גילדין .
זאגט דוד ע"ה ימי שנותינו בהם שבעים שנה אז די טעג פון
אונזערע יארין אין זייא איז זיבעציג יאר קומט דער ווארט בהם
צוא ווייזין אז די טעג פון צדיק ווען ער לעבט אום זיינע זיבעציג
יאר זענען אלע אין גאנצין . ניט אזו איז אבער בייא דעם רשע
האטשע ער לעבט דאך אויך אפ זיבעציג יאר פון דעסט וועגין האט
ער מער ניט ווי טעג וועלכע ער האט עפעס גיטאן איין מצוה
אדער אנדערע מעשים טובים . אבער די איבעריגע טעג וואס דער
רשע לעבט זענען זייא גאר ניט גירעכענט . קענען מיר ערשט פאר
שטיין פון דעם דאזיגין ענין אז דאס וואס הקב"ה האט אונז גיהייסין
ציילין פון פסח ביז שבועות פופציג טעג ווארום אין די דאזיגע
טעג האבין זיך די ישראל גיראפט מטהר זיין פון דער טומאה פון
מצרים כדי זייא זאלין קענען דער נאך מקבל זיין די תורה הקדושה
האט אונז דעריבער דער פסוק פאר זאגט שבע שבתות תמימות
תהיינה אז זייא זאלין זיין זיבען גאנצע וואכין דערשענט אויף דעם רבי
חייא אין מדרש אימתי הן תמימות ווען קען מען זייא אן רופין
גאנצע בשעה שישראל עושין רצונו של מקום אין דער צייט ווען די
ישראל טוען דעם ווילין פון הקב"ה אונ דעריבער האבין די חכמים
תולה גיוועזען אן די וואס טוען דעם ווילין פון הקב"ה דווקא ווארום די
צדיקים אז זייא פאר ברענגען זייערע טעג אין מצות אונ אין מעשים
טובים ווערין זייערע טעג אן גירופין גאנצע . פון דעם דאזיגין ענין

קען

וְקָען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַרוֹיס נֶעמֶען אַמוּסָר וִויא עֶר זָאל זִיךְ פִירֶען מִיט זַיינֶע טֶעג אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל זֵייא נִיט פַאר בְּרֶענְגֶען מִיט הבלי העולם אוּנ עֶר זָאל זֶעהֶען אַז זֵייא זָאלִין זַיין אַלֶע גַאנְצֶע דָאס הֵייסְט עֶר זָאל זֵייא זֶעהֶען צוּ פַאר בְּרֶענְגֶען אִין תּוֹרָה וּמִצְוֹת כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען קוּמֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת מִיט אַלֶע זַיינֶע טֶעג :

מִיר גִיפוּנֶען אִין דֶער תּוֹרָה אַז זִיא הָאט אוּנְז פַאר זָאגְט וֶועגִין דֶעם יוֹם טוֹב פוּן שְׁבוּעוֹת אַזוֹ. וקראתם בעצם היום הזה אִיז טַייטְשׁ אַז אִיר זָאלְט רוּפִין אִין מִיטִין דֶעם דָאזִיגִין טָאג . זָאגְט אוֹיף דֶעם דִיא מְסוֹרָה אַזוֹ . פִיל מָאל גִיפוּנֶען מִיר אַזֶעלְכֶע פְּסוּקִים וָואס הֵייבִּין זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָוארְט וקראתם . דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אִיז וִויא אוֹיבִין אִיז גִישְׁרִיבֶּן . דֶעם אַנְדֶערִין גִיפוּנֶען מִיר אוֹיךְ אִין דֶער תּוֹרָה וקראתם דרור בארץ דָאס הֵייסְט אִיר זָאלְט רוּפִין פְּרַייהֵייט אִין דֶער לַאנְד . דֶעם דְרִיטֶען פָּסוּק גִיפוּנֶען מִיר אִין (מלכים א') וקראתם בשם אלהיכם . דָאס הֵייסְט אִיר זָאלְט רוּפִין אִין דֶעם נָאמֶען פוּן אַייעֶר גָאט . אוּנ דֶעם פֶערְדִין פָּסוּק גִיפוּנֶען מִיר אִין ירמיה וקראתם אותי והלכתם והתפללתם אלי דָאס הֵייסְט אִיר זָאלְט נָאר רוּפִין צוּא מִיר אוּנ אִיר זָאלְט גֵיין תְּפִלָּה טָאן נָאר צוּ מִיר מֶען זָאל פַאר שְׁטֵיין וָואס מֵיינְט דִיא מְסוֹרָה מִיט דֶעם דָאזִיגֶען מַאֲמַר וֶועלִין מִיר פַארְשְׁטֶעלִין דִיא אַלֶע מַאֲמָרִים וָואס רֵיידִין וֶועגִין דֶעם דָאזִיגֶען עִנְיַן . מִיר גִיפוּנֶען אַז יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גִיוָואלְט מִתְעוֹרֵר זַיין צוּ תְּשׁוּבָה הָאט עֶר אוּנְז אַזוֹ גִיזָאגְט התעוררי התעוררי קומי ירושלים אשר שתית מיד ה' את כוס חמתו דָאס הֵייסְט דֶער וֶועק זִיךְ אוּנ שְׁטֵייא אוֹיף דוּא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם וָואס דוּא הָאסְט גִיטְרוּנְקֶען פוּן דֶער הַאנְט פוּן גָאט ב"ה דֶעם כּוֹס פוּן זַיין צָארִין . הָאט אוּנְז ישעיה הנביא דֶער מִיט גִיוִויזִין אַז אוּנְזֶער יְשׁוּעָה אוֹיף וֶועלְכֶער מִיר הָאפִין וֶועט זִיךְ נָאר פוּן אוּנְז אַלֵיין מִיר אַלֵיין מוּזִין פִיל טְרֶערִין פַאר גִיסֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג צִיוֹן דִיא גֶעלוּסְטִיקֵייט פוּן יִשְׂרָאֵל וָואס עֶר אִיז וִויסְט וִויא יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא זָאגְט אוּנְז וַוייטֶער אל דמי לכם ואל תתנו דמי לו עד יכונן ועד ישים את ירושלים תהלה בארץ דָאס הֵייסְט עֶס זָאל צוּא אַייךְ יִשְׂרָאֵל נִיט זַיין קֵיין שְׁוַוייגוּנְג

אוּנ

אונ איר זאָלְט צוא השי"ת אויך קיין שְׁווייגוּנג ניט גֶעבּין בּיז עֶר וועט אויף ריכְטִין דיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אונ עֶר זאָל איר מַאכִין צוּ אֵיין רִימוּנְג אויף דֶער גַאנְצֶער וועלְט פַאר שְׁטֵייעֶן מִיר פוּן דֶעם פָּסוּק אַז מִיר יִשְׂרָאֵל אַלֵיין מוּזִין תְּפִלָּה טָאן אונ פִיל טְרֶערִין פַאר גִיסִין צוּא השי"ת אַז עֶר זָאל אָפּ טָאן פוּן אוּנְז דֶעם חֵיִי צַעַר וָואס מִיר הָאבִּין יֶעצְט אונ מִיר זָאלִין זוֹכֶה זַיין אָן צוּ זֶעטִיגֶען זִיךְ מִיט דִיא פְרֵייד פוּן זַיין הֵיילִיגֶען פָּנִים אונ דָאס קֶען אַנְדֶערְש נִיט זַיין נָאר אַז מִיר זָאלִין טָאן אֵיין תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה וָוארוּם דוּרְךְ דֶעם וָואס אוּנְזֶער הַארְץ קֶערְט זִיךְ אָפּ פוּן השי"ת קוּמֶען מִיר דֶער פוּן צוּ אַזֶע גְרֶעסְטֶע צָרוֹת אונ אוּנְזֶער בְּרוֹיט דָאס הֵייסְט אוּנְזֶער פַּרְנָסָה קוּמְט אוּנְז אָן מִיט דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁוָועריקֵייטִין אונ יְגִיעוֹת אונ עֶס אִיז אויף אוּנְז מְקוּיָם גִיוָוארִין וִויא יִרְמְיָה הַנָּבִיא ע"ה הָאט גִיקְלָאגְט בנפשנו נביא לחמנו דָאס הֵייסְט מִיט דִיא יְגִיעוֹת פוּן אוּנְזֶער נֶפֶשׁ אונ נְשָׁמָה בְּרֶענְגֶען מִיר אוּנְזֶער בְּרוֹיט דָאס הֵייסְט דוּרְךְ דִיא כחות פוּן אוּנְזֶער נֶפֶשׁ אונ נְשָׁמָה וָואס זֵייא זֶענֶען גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין דֶעם מֶענְטְשִׁין נָאר אויף עוֹסֵק צוּ זַיין זִיךְ אִין דֶער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מוּזֶען מִיר דִיא דָאזִיגֶע כחות הַיינְט אִין גַאנְצֶען אַרַיין לֵייגֶען אִין דֶעם עֵסֶק פוּן פַּרְנָסָה צוּא הָאבִּין שְׁפַּייז פַאר אוּנְז אויף דֶעם דָאזִיגֶען עוֹלָם ההבל אונ נִיט לְעוֹלָם הַבָּא וַוייא אִיז אוּנְז אַז מִיר זָאלִין זִיךְ דֶער מַאנֶען אַז השי"ת הָאט אָן גִיגְרֵייט פִיל גוּטְס פוּן אוּנְזֶערְט וֶועגִין אונ עֶר הָאפְט אַלֶע מָאל צוּא עֶפֶענֶען פַאר אוּנְז זַיינֶע גוּטֶע אוֹצְרוֹת אונ צוּ גֶעבִּין אוּנְז זַיינֶע פוּלֶע בְּרָכוֹת אונ השי"ת כביכול בַּאוֵויינְט אוּנְז דָאס דִיא דָאזִיגֶע גוּטְס קֶען אוּנְז נִיט אָן קוּמֶען אַזוֹי וִויא דֶער נָבִיא יִרְמְיָהוּ זָאגְט ואם לא תשמעוה במסתרים תבכה נפשי מפני גוה אִיז טַייטְשׁ אַז איר הֶערְט נִיט אִין דִיא רֵייד פוּן דֶער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה טוּט השי"ת כביכול. וַויינֶען אִין אֵיין פַאר בָּארְגֶענֶעם אָרְט פַאר דִיא גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִיא יִשְׂרָאֵל. דַרְשְׁנוּת אויף דֶעם דִיא גְמָרָא הַקְּדוֹשָׁה אִין חגיגה מאי מפני גוה וָואס אִיז דֶר טַייטְשׁ דֶער וָוארְט גוה עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא מפני גאותם של ישראל שניטלה מהם אִיז טַייטְשׁ אַז השי"ת טוּט וַויינֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז צוּ גִינוּמֶען

גיוָארין דיא גרויסקייט פון ישׂראל . עס איז איין משל צוא איין גרויסען עושר וואס בייא אים האבין זיך ניט גיהאלטען זיינע קינדער ר״ל ער האט פיל תפלה גיטאן צוא השי״ת אונ ער האט אים גיגעבין איין זון וועלכער איז גיוועזען איין גרויסער מופלג אונ איין מושלם אין פיל מעלות אונ יעדערין יאר ווען ער פלעגט קומען פון וועג פלעגט ער אים ברענגען איין פאר טייערע קליידער אונ פלעגט זייא באהאלטין אין איין באזונדערין חדר אז קיינער זאל זייא ניט זעהען ווארום ער האט מורא גיהאט פר איין עין הרע אונ ער האט גיקלערט אז איך וועל זוכה זיין צוא דער צייט פון זיין חופה וועל איך דענסטמאל עפענען מיין אוצר אונ וועל אים אן קליידין מיט פיל צירונג אונ אז עס איז אבער גיקומען דיא צייט פון זיין חופה איז דער זון אין דעם זעלביגען טאג גישטארבין ר״ל פלעגט אלע טאג דער פאטער אריין גיין אין דעם חדר אין וועלכין עס איז גילעגין דיא בגדים אונ די צירונג פון זיין זון אונ פלעגט קלאגין אונ וויינען מיין זון מיין זון וועד וועט ערשט טראגין דיא דאזיגע טייערע קליידער אונ צירונג דער נמשל איז אזוי השי״ת האט פאר אונז אן גיגרייט זייער פיל גוטס וואס קיין אויג האט זייא ניט גיזעהען וויא ישעיהו הנביא האט גיזאגט עין לא ראתה אלהים זולתך איז טייטש דיא גוטס וואס השי״ת האט פאר אונז אן גיגרייט האט קיין אויג ניט גיזעהען חוץ דיר גאט . אונ אין דער צייט פון חורבן גיפונען מיר אין מדרש איכה אמר הקב״ה לירמיה גאט האט גיזאגט צו ירמיהו אני דומה היום איך בין היינט גלייך כמי שמוליך את בנו לחופה ומת ברוך חופתו צו איינעם וואס פירט זיין זון צו דער חופה אונ אין יענעם טאג שטארבט ער ר״ל אונ הקב״ה כביכול גייט אלע טאג אין זיינע אוצרות אונ וויינט אונ קלאגט וויא איז מיין טייערער אונ גילוסטיגער זון אזוי וויא דיא גמרא זאגט אין חגיגה אויף דעם פסוק במסתרים תבכה נפשי אין פאר בארגענעם טוט וויינען מיין נפש זאגט אויף דעם דיא גמרא אז עס איז פאר האנדין איין ארט וואס ער רופט זיך מסתרים וואס אין אים ליגען באהאלטין אלע גוטס פון דיא ישראל אונ אין יענעם ארט וויינט השי״ת אויף דיא פולע

גוטס

גוטס וואס זיי קענין אונז ניט אן קומען אונ פאר די גרויסקייט פון ישראל וואס עס איז פון זייא צוא גינומען גיווארין . אונ דארום קומט דער פסוק אונז אויף צו וועקין פון אונזער שלאף וויא ישעיה הנביא האט גיזאגט עורי עורי לבשי עזך ציון דאס הייסט דער וועק זיך אונ קלייד זיך אן מיט דיינע שטארקייט דוא שטאט ציון לבשי בגדי תפארתך ירושלים עיר הקודש קלייד אן דיינע שיינע קליידער דוא הייליגע שטאט ירושלים : וכמה התמרמר החסיד ע״ה אונ וויפיל האט דוד המלך ע״ה גיוויינט פאר הקב״ה אונ האט גיבעטין אלי אלי למה עזבתני מיין גאט מיין גאט ווארום האסט דוא מיך פאר לאזין . דארף מען אין דעם פסוק פאר שטיין ווארום האט ער דא גיזאגט מיט דעם ווארט אל אונ ניט מיט דיא אנדערע שמות הקדושים פון הקב״ה נאר מען קען דאס פאר שטיין דורך איין משל צו איין גרויסען גביר וואס ער האט גיצארינט אויף זיין זון ווייל ער האט אנטקעגין אים פיל גיזינדיגט אונ דער פאטער האט אים ארויס גיטריבין פון זיין הויז אונ דער זון האט זיך ארום גישלעפט פון איין שטוב צו דער אנדערער שטוב צוא גיפונען איין ארט זיך אויף צו האלטין ער האט אבער ניט גיפונען דא האט צו אים איין גוטער פריינד אזו גיזאגט הער צוא מיין עצה פאר געס זיך אויף דיין פאטערס הויז אונ אויף דיין שטאט אונ גייא אוועק אויף דער וועלט מיט ארעמע לייט וועסט דו האבין ברויט . דיא דאזיגע עצה איז דעם בן הגביר זייער גיפעלין גיווארין . נאר ער האט זיך באקלערט איך וועל בעסער גיין דא אין דיא הייזער אונ האט באלד אן גיהויבין אום צוא גיין איבער דער שטאט אונ האט גימאכט פיל נדבות ווארום אים האט מען מן הסתם מער גיגעבין וויא אנדערע ארעמע לייט ויהי היום האט ער זיך באקלערט אריין צו גיין צו זיין פאטער אויך . אונ וויא ער איז אריין אין זיין פאטערס הויז האט ער זיך גישטעלט בייא דער טיר וויא דער שטייגער פון איין ארימאן . נאר וויא דער פאטער האט אים דער זעהען האט ער אויף אים איין גישרייא גיטאן צא בן בליעל גייא ארויס דוא שלעכטער זון פון מיין שטוב . דא האט דער זון אן

גיהויבין צו וויינען פאַר דעם פאָטער אונ האָט אים אַזו גיזאָגט . מיין ליבער פאָטער אויב מיינע זינד האָבין גורם גיוועזן אַז דו זאָלסט פון מיר אָפּ טאָן דעם רחמנות פון איין פאָטער אויף זיין קינד בעט איך דיך אַז דוא זאָלסט וויינגסטענס ניט אָפּ טאָן פון מיר דעם רחמנות אונ דיא חסדים וואָס דוא טוסט צוא אַלע אָרימע לייט וועלכע קומען צו דיר אונ דוא פרעגסט זיך גאָר ניט ביא זייא אויב זייא זענין צדיקים אָדער רשעים. דער נמשל איז אַזו. דיא ישראל ווערין דאָך אָן גירופין קינדער צוא השי"ת אַזו וויא אין דער תורה גיפונען מיר בנים אתם לה' אלהיכם קינדער זייט איר צוא אייער גאָט אונ פון אייביג אָן איז דאָך גרויס גיוועזן צו ישראל זיינע רחמנות אונ חסדים אין כמה מעלות טובות אָבער ערשט אַז אונזערע זינד האָבין באמת גורם גיוועזן אַז ער זאָל זיינע גוטס פאַר מיידין פון אונז ח"ו דעריבער האָט דוד המלך גיבעטין ביא השי"ת מיט דעם וואָרט אל וואָס דורך דעם שם הקדוש ווערט גישפייזט דיא גאַנצע וועלט אַזו וויא בעלי מקובלים זאָגין אויף דעם פסוק חסד אל כל היום דאָס הייסט דער גינאָד פון גאָט ב"ה איז דעם גאַנצין טאָג צוא אַלעמען צוא צדיקים אונ צוא רשעים אונ האָט אַזו גיזאָגט פון דיא כנסת ישראל ווענין אַז השי"ת זאָל פון אונז וויינגסטענס ניט אָפּ טאָן זיינע חסדים וואָס ער טוט מיט דיא גאַנצע וועלט אַזו וויא עס ווייזט דער שם אל .

נאָך קען מען זאָגין אויף דעם פסוק אלי אלי למה עזבתני רחוק מישועתי דברי שאגתי דאָס הייסט מיין גאָט עס איז דאָך ווייט פון מיין היקף דיא רייד פון מיין גישרייא האָט דאָך דער פסוק גאָר קיין פשט ניט . נאָר מען קען אים ערקלערין אויף דעם אופן וויא איינער וואָס גייט קלויבין נדבות פאַר איין אַנדערין איז דאָך אַז איינער וויל אים ניט געבין קיין נדבה קען ער דאָך טענען איך נעם דאָך ניט מיר דיא נדבות איך קלויב דאָך נאָר פאַר איין אַנדערין אויף דעם אופן איז גיוועזן דיא טענה פון דוד המלך עה"ש אלי אלי למה עזבתני מיין גאָט וואָרום האָסטו דוא מיך פאַר לאָזין אונ ווילסט ניט הערין מיין תפלה רחוק מישועתי דברי שאגתי

עס איז דאך וייט פון מיין היקף דיא רייד פון גישרייא דאס הייסט
איך טוא דאך תפלה ניט פאר מיר אליין מיין גיבעט איז דאך פאר
גאנץ ישראל אונ ניט פאר מיר אליין דרום דארפסט דו צו הערין
מיין גיבעט פאר זייא.

נאך קענען מיר אין דעם פסוק גיפונען זייער איין טיפן מוסר
מיר גיפונען אז דוד המלך ע"ה האט גיבעטין בייא השי"ת אזו.
אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש שבתי בבית ה' כל ימי חיי
דאס הייסט איינס בעט איך בייא השי"ת אונ דאס באגער איך
אז מיין זיצען זאל זיין מיין גאנצין לעבין נאר אין דיין הויז. דאס
דארפין מיר וויסען אז אונזערע גיבעט וואס מיר בעטין בייא השי"
זענין גיטיילט אין צווייא טיילען. איין טייל גיבעט איז וואס מיר
בעטין אויף דיא באדערפעניעם פון אונזער נשמה אונ דער אנדערער
טייל איז וואס מיר בעטין אויף דיא באדערפעניעם פון אונזער גוף.
נאר דער חילוק איז צווישען זייא אז בייא דיא באדערפעניעם פון
גוף למשל ווען עס פעלט עפעס איין מענטשין: ווייסט באלד דיא
הארץ פון מענטשין וואס עס פעלט אים אונ ער בעט אויף דעם
באלד בייא השי"ת למשל אויף פרנסה אויף גיזונט. אבער דאס
האבין מיר נאך ניט גיזעהען אז ער זאל בעטין מען זאל אים געבין
איין הארץ צוא וועלין גיזונט אדער פרנסה. ניט אזו איז בייא דיא
באדערפעניעם פון דער נשמה. מוזין מיר שוין בעטין בייא השי"ת אז
ער זאל אונז געבין איין גוטע הארץ צוא באגערין זיינע מצות דאס
איז גיווען דיא תפלה פון דוד המלך עה"ש אחת שאלתי מאת ה'
אותה אבקש איין זאך איז מיין גיבעט פון הקב"ה אז ער זאל מיר
געבין איין גוט הארץ אז איך זאל דאס באגערין עס זאל זיין שבתי
בבית ה' כל ימי חיי מיין גאנצער זיצען נאר אין גאטס הויז כלומר
איך זאל קענען טאן מצות אונ מעשים טובים: נאך איז פר האנדין
איין חילוק צווישין דיא באדערפיניש פון גוף אונ דיא נשמה. דיא
באדערפעניעש פון דער נשמה קען וויסין איטליכער מענטש אז ער
זאל קערנען אונ צוא הערין דיא ענינים וואס כמה וכמה מוסר
ספרים שרייבין וועט מען קענען וויסען ריכטיג וואס עס פעלט דער

נְשָׁמָה אָבֶּער בַּייא דִיא בַּאדֶערְפֶענְעם פוּן דֶעם גוּף קֶען גָאר אֵיין מֶענְטְשׁ נִיט וִויסֶען רִיכְטִיג אַז דָאס וָואס עֶס פֶעלְט אִים אוּיב עֶס וֶועט אִים זַיין דִיא זַאךְ וֶועט אִים זַיין בֶּעסֶער אָדֶער עֶס קֶען אִים ח"ו זַיין נָאךְ עֶרְגֶער וִויא אִים אִיז. אַז עֶר הָאט דָאס נִיט. לְמָשָׁל וֶוען אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז אָרֶעם דוּכְט זִיךְ אִים אַז הַשֵׁי"ת וָואלְט אִים גִיגֶעבִּין עֲשִׁירוּת וָואלְט אִים גִיוֶוען בֶּעסֶער קֶען עֶר דָאךְ דָאס רִיכְטִיג נָאר נִיט וִויסִין עֶס קֶען זַיין אַז עֶר וָואלְט הָאבִּין עֲשִׁירוּת וָואלְט אִים גִיוֶוען נָאךְ עֶרְגֶער וִויא אִין דֶער צַייט וָואס עֶר אִיז אָרוּם אַזוֹי וִויא מִיר גִיפִינֶען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה הָאט גִיזָאגְט יֵשׁ עוֹשֶׁר שָׁמוּר לבעליו לרעתו אָפְט גִיט הַשֵׁי"ת שְׁלֶעכְטֶעס דֶעם מֶענְטְשִׁין נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר גִיט אִים עֲשִׁירוּת זֶעהֶען מִיר פוּן דֶעם אַז אִין דִיא עִנְיָנִים פוּן צָרְכֵי הַגוּף קֶען אֵיין מֶענְטְשׁ רִיכְטִיג נִיט וִויסִין וָואס עֶס אִיז פַאר אִים גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט. אַזוֹי וִויא מִיר גִיפִינֶען אִין מִדְרָשׁ אוֹיף דֶעם פָּסוּק טוֹב ה' לקויו הַשֵׁי"ת אִיז גוּט צוּ זַיינֶע הָאפֶער פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דֶער מִדְרָשׁ יכול לכל מִיר וָואלְטִין קֶענֶען מֵיינֶען אַז הַשֵׁי"ת אִיז גוּט צוּא אַלֶעמֶען וָואס הָאפֶען צוּא אִים תלמוד לומר לנפש תדרשנו דֶער אִיבֶּער זָאגְט וַוייטֶער דֶער פָּסוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט אַלֶע מָאל דֶעם מֶענְטְשִׁין נָאר וֶוען עֶר בֶּעט אוֹיף דִיא בַּאדֶערְפֶענֶעשׁ פוּן דֶער נְשָׁמָה אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט בַּייא הַשֵׁי"ת אוֹיף דִיא בַּאדֶערְפֶענֶעשׁ פוּן דֶעם גוּף אוּנ עֶס קֶען זַיין אַז עֶר וָואלְט דָאס גִיהַאט וָואלְט אִים גִיוֶוען נָאךְ עֶרְגֶער דֶער אִיבֶּער אִיז נִיט אַלֶע מָאל עֶנְטְפֶערְט הקב"ה דֶעם מֶענְטְשִׁין אוּנ דָאס קֶענֶען מִיר זֶעהֶען אִין דֶער תְּפִלָּה פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה אַז עֶר הָאט תְּפִלָּה גִיטָאן צוּא הַשֵׁי"ת אוּנ הָאט גִיזָאגְט אלי אלי למה עזבתני גָאט מַיין גָאט וָוארוּם הָאסְט דוּא מִיר פַאר לָאזְט עֶנְטְפֶערְט דָוִד ע"ה זִיךְ אַלֵיין אוּנ זָאגְט רחוק מישועתי דברי שאגתי עֶס קֶען זַיין אַז דֶערִיבֶּער עֶנְטְפֶערְט מִיר נִיט הַשֵׁי"ת אוֹיף מַיין תְּפִלָּה וָוארוּם עֶס קֶען זַיין אַז דָאס וָואס אִיךְ בֶּעט בַּייא הַשֵׁי"ת אִיז וַוייט פוּן מַיין הֵיכֶף כְּלוֹמַר אַז אִיךְ וָואלְט גִיהַאט דָאס וָואס עֶס פֶעלְט מִיר וָואלְט מִיר גִיוֶוען נָאךְ עֶרְגֶער.

מיר גיפינען ישעיה הנביא האט גיזאגט פון השי"ת וועגין אזו
אנכי אנכי הוא מנחמכם השי"ת זאגט צוא ישראל איך בין דאך
אייער טרייסטער מי את ותיראי מאנוש ימות דער מאן זיך ווער דו
כנסת ישראל ביסט וואס דוא האסט מורא פאר איין מענטשין וואס
זיין סוף איז אז ער מוז שטארבין ומבן אדם חציר ינתן אונ פאר
איין מענטשין וואס ער ווערט צו וויאגעט גיך וויא דיא גראז ותשכח
ה' עושך אונ האסט זיך גאר פאר געסין אן גאט ב"ה וואס ער האט
דיך באשאפין נוטה שמים ויוסד ארץ ער האט דאך פאר שפרייט
דיא הימל אונ האט גיגרונד פעסטיגט דיא ערד ותפחד תמיד כל
היום אונ דוא שרעקסט זיך שטענדיג דעם גאנצען טאג מפני חמת
המציק פאר דעם צארן פון דעם איינגמאכער כלומר דער וואס טוט
דיר שלעכטס כאשר כונן להשחית גלייך וויא ער וואלט זיך שוין אן
גרייטען דיר שלעכטס צוא טאן אונ צו פאר דארבין דיך ואיה חמת
המציק אבער וויא איז דער צארין פון דעם וואס מאכט דיר ענג
אונ שלעכט אז מען זאל פאר שטיין דעם פשט פון דיא דאזיגע
פסוקים קען מען זיא פאר שטיין דורך איין משל צוא איין שר
וואס איז אין כעס גיווארין אויף זיין זון אונ האט אים פאר טריבין
פון זיין הויז אונ דער זון איז פאר וואגעלט גיווארין אין איין גאנץ
ווייטע שטאט צוא גיפינען פאר זיך איין מנוחה. אין איין נאכט איז
ער גיקומען צוא איין הויז פון זייער איין פראסטין מענטשין אונ
האט אנגיהויבין צוא קלאפין. אין דער טיר טאמער וועט ער דא
האבין איין ארט אויף איבער נעכטיגין. וויא דער בעל הבית האט
דער הערט איז ער באלד אויף גישטאנען אונ האט אויף גיעפינט
דיא טיר אונ האט אים אריין גילאזין צו זיך אין הויז וויא דער בעל
הבית האט דער זעהען זיין שיינעם גישטאלט אונ האט דער הערט
זיין חכמה האט ער באלד פאר שטאנען אז ער איז איין איידעלעס
קינד דא האט ער זיך באלד מרחם גיוועזען אויף אים אונ האט אים
צוא גינומען צוא זיך אין הויז ער זאל אים באדינען אין אלע זיינע
ארבייט. אונ אזו זענין איבער גיגאנגען כמה וכמה יארין ביז ער
האט זיך גאר פאר געסין זיין פאטער אונ זיין שטאט אונ האט

גִיטָאן אַלֶערְלַייא אַרְבֶּעט בַּייא דֶעם דָאזִיגֶען דָארְף מַאן גְלַייךְ וְויא עֶר וָואלְט גִיוֶועזִין אַיין עֶבֶד פוּן זַיין גֶעבָּארִין אָן לְסוֹף אַז דֶער דָארְף מַאן אִיז גִישְׁטָארְבִּין הָאט עֶר גֶעדִינְט בַּיי זַיין זוּן אָבֶּער דֶער זוּן אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר אַיין שְׁלֶעכְטֶער מַאן דָא הָאט עֶר אִים גִיגֶעבִּין זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט אַרִיבֶּער טְרָאגִין אוּנ דָאס הָאט עֶר אִים נָאךְ נִיט אָפּ גִיגֶעבִּין זַיין גִיזֶעצְטִין בְּרוֹיט דָא אִיז אִים גִיוָוארִין זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע טֶעג אִיז נִתְגַּלְגֵּל גִיוָוארִין אַז דֶער שַׂר אִיז זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג גִיוָוארִין אוֹיף זַיין זוּן וָואס עֶר וַוייסְט נִיט אִין וֶועלְכִין אָרְט עֶר אִיז . אוּנ אַזוֹ פִיל יָאר אֲפִילוּ קֵיין שׁוּם יְדִיעָה נִיט גִיהֶערְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט אִים . הָאט עֶר זִיךְ אַיין עֵצָה גִיהַאלְטִין אַז עֶר אַלֵיין מִיט אַלֶע זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע זָאלִין אַרוּם פָארִין דִיא גַאנְצֶע מְדִינָה אוֹיף צוּא זוּכֶען זַיין זוּן . אוּנ אִין יֶעדֶערִין אָרְט וְויא אַהִין זֵייא פְלֶעגִין קוּמֶען הָאט עֶר פַאר בָּאטִין אוּים צוּא רוּפֶען אִין אַלֶע מֶערְק אוּנ אִין אַלֶע גַאסִין אַז אִיטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַיין מִשְׁפָּט מִיט דֶעם אַנְדֶערִין אָדֶער אַיין קְנֶעכְט אוֹיף זַיין הַאר קֶען קוּמֶען גְלַייךְ צוּ אִים . וְויא מֶען הָאט דֶער הֶערְט דֶעם דָאזִיגֶען כְּרוּז פוּן שַׂר זֶענִין גִיקוּמֶען כַּמָה וְכַמָה מֶענְטְשִׁין אוּנ אוֹיךְ כַּמָה וְכַמָה עֲבָדִים וָואס הָאבִּין גִיהַאט פוּן אִים וָואס צוּ בֶּעטִין . צְווִישִׁין זֵייא אִיז אוֹיךְ גִיוֶועזִין דֶער זוּן וֶועלְכֶער הָאט זַיין פָאטֶער גָאר נִיט דֶער קֶענְט אוּנ הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ וֵויינֶען אוּנ צוּ בֶּעטִין פַאר דֶעם שַׂר וָואס אִים אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט בַּייא דֶעם דָארְף מַאן אָבֶּער בַּאלְד וְויא דֶער פָאטֶער דֶער שַׂר הָאט אִים דֶער זֶעהֶען הָאט עֶר אִים דֶער קֶענְט אוּנ אִיז אִים אַרוֹיף גִיפַאלִין אוֹיף זַיין הַאלְז אוּנ הָאט זֵייעֶר יָאמֶערְלִיךְ גִיוויינְט . אוּנ הָאט צוּא אִים אַזוֹ גִיזָאגְט מַיין זוּן מַיין זוּן וְוי הָאסְט דוּ זִיךְ גִיקֶענְט פַאר גֶעסִין אוֹיף דַיין גְרוֹיסְקֵייט אוּנ הַיינְט אִיז דַיין פַאלִין אַזוֹ גְרוֹס אַז דוּ בֶּעטְסְט מֶער נִיט צוּא פַאר גְרִינְגֶערִין דַיינֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּנ עֶר זָאל דִיר אַוֶועק גֶעבִּין דַיין גִיזֶעצְטִין בְּרוֹיט . דֶער נִמְשָׁל אִיז אַז דִיא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל הָאבִּין זִיךְ גָאר פַאר גֶעסִין דֶעם טַייעֶרִין אָרְט פוּן וֶועלְכִין מִיר זֶענֶען גִינוּמֶען גִיוָוארִין אוּנ דֶעם יִחוּס פוּן אוּנְזֶערֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערִין וְויא יְשַׁעְיָהוּ

הנביא

הַנָבִיא קְלָאגְט היינו מעולם לא משלת בם מִיר כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גִיוָוארִין גְלַייךְ וִויא דוּא גָאט וָואלְסְט גָאר אוֹיף אוּנְז נִיט גִיוֶועלְטִיגֶען לא נקרא שמךָ עליהם גְלַייךְ וִויא בַּיין הֵיילִיגֶער נָאמֶען וָואלְט קַיין מָאל נִיט גירוּפִין וֶוערִין אוֹיף אוּנְז אוּנ וֶוען בֶּעטִין מִיר השי"ת אַז עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפִין וֶוען עֶס וֶוערְט אוּנְז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט דָאס וואוּנְדֶערְט זִיךְ דֶער נָבִיא אוּנ זָאגְט וִויא הָאסְטוּ זִיךְ גִיקֶענְט פַּאר גֶעסִין כִּי אַתְּ וֶוער דוּא בִּיסְט ותיראי מאנוש ימות אוּנ הָאסְט מוֹרָא פַאר אֵיין מֶענְטְשִׁין וָואס עֶר טוּט שְׁטַארְבִּין . דוּא קֶענְסְט דָאךְ בֶּעטִין בַּייא השי"ת וָואס עֶר אִיז דָאךְ דַיין פָאטֶער עֶר זָאל דִיךְ בְּרֶענְגֶען אִין זַיין הויז אוּנ זָאל דִיר הֶעלְפִין אֵיין אֵייבִּיגֶע הילְף :

נָאר אוֹיף וֶועלְכִין אוֹפֶן הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט אַז מִיר זָאלִין זִיךְ אַזוֹ גָאר פַאר גֶעסִין אוּנ נִיט בֶּעטִין השי"ת אַז עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפִין . גִיפִינֶען מִיר אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אֵיין שֵׁיינֶע מְלִיצָה אִין סֵפֶר יְשַׁעְיָהוּ אִין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע נְבוּאוֹת זָאגְט עֶר אוּנְז אַזוֹ . משא דומה דָאס אִיז אֵיין נְבוּאָה אוֹיף דוּמָא . אלי קורא משעיר צוּא מִיר זָאגְט יְשַׁעְיָה הַנָבִיא רוּפְט אֵיין קוֹל פוּן שֵׂעִיר שומר מה מלילה דוּא הִיטֶער וָואס וֶועט זַיין פוּן דֶער נַאכְט שומר מה מליל דוּא הִיטֶער וָואס וֶועט זַיין פוּן דֶער נַאכְט . אמר שומר אתא בוקר וגם לילה דֶער הִיטֶער הָאט אַזוֹי גִיזָאגְט עֶס אִיז גִיקוּמֶען אֵיין מָארְגִין אוּנ אוֹיךְ אֵיין נַאכְט אם תבעיון בעיו שובו אתיו אויב אִיר ווילְט בֶּעטִין בֶּעט קֶערְט זִיךְ צוּ רִיק אוּנ קוּמְט . פַאר שְׁטֵייט מֶען גָאר נִיט דִיא דָאזִיגֶע נְבוּאָה וָואס אִיז דֶער מֵיין פוּן אִיר . נָאר מֶען קֶען דָאס פַאר שְׁטֵיין דוּרְךְ אֵיין מָשָׁל צוּא אֵיין גְרוֹיסֶען עָשִׁיר וֶועלְכֶער אִיז גִיוֶועזֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אִין חָצֵר פוּן שׁוּלְטַאן אוּנ דֶער שׁוּלְטַאן הָאט אִים זֵייעֶר גְרוֹים גִימַאכְט לְבַסוֹף הָאבִּין זִיךְ פִיל אָן אִים מְתַקֵנְא גִיוֶועזֶען אוּנ הָאט גִיקְרִיגֶען זֵייעֶר פִיל שׂוֹנְאִים וָואס הָאבִּין פַאר מַסֶרֶת פַאר דֶעם שׁוּלְטַאן מִיט אַזוֹי אֵיין מְסִירָה וָואס פַאר אִיר הָאט מֶען אִים גִידַארְפְט טֵייטִין דָא הָאט דֶער שׁוּלְטַאן גִישִׁיקְט צוּא אִים אֵיין נַאכְט צוּ נֶעמֶען אִים אִין תְּפִיסָה אוּנ אַז דִיא מֶענְטְשִׁין זֶענֶען צוּ אִים גִיקוּמֶען הָאבִּין זֵייא אִים גִיפוּנֶען לֶיבֶּעדִיג אִין בֶּעט הָאבִּין זֵייא אִים גִינוּמֶען אוּנ הָאבִּין

אוועק גיפירט פירענדרינג האט זיך דער עשיר ביא זיא גיפרעגט וואס איז מיין זינד וואס איך האב געזינדיגט נאר אבער זיא האבין אויך ניט געוואוסט האבין זייא אים ניט גיענטפערט אונ האבין אים גיבראכט אין דער תפיסה אונ מען האט אים אריין גיזעצט זייער אין איין פינצטערין חדר וואס אפילו אין מיטין טאג איז אין אים אויך פינצטער. פון גרוים צער איז דער עשיר זייער שטארק אנטשלאפין גיווארין אז דער נאך אפילו ווען ער האט זיך אויף גיכאפט פון זיין שלאף האט ער זיך גאר פאר געסין וואס עס האט זיך מיט אים גיטאן אונ געמיינט אז ער איז גאר ביא זיך אין דער היים אונ עס איז אלץ נאך נאכט דא האט ער זיך ווידער גילייגט אונ ער איז אנטשלאפין גיווארין ער איז דעם אנדערן מאל אויף גישטאנען אונ זעט אז עס איז נאך פינצטער האט ער זיך זייער פאר וואונדערט וואס עס איז נאך ניט טאג. אונ וואס איז דאס פאר אזוי איין לאנגע נאכט. דער שולטן איז אבער זייער טרויעריג גיווארין וואס זיין גיליבטער זיצט אין תפיסה. איז ער אליין גיגאנגען איהם זעהען וואס מאכט ער וויא ער איז גיקומען צוא דער טיר חאו דער עשיר איז גיזעסין האט ער צו גילייגט דיא קאפ צו הערין וואס ער רעט. האט ער דער הערט וויא ער וויינט אונ זאגט ווייא איז מיר אויף מיין גרויסין בראך וואס דיא נאכט איז אזוי לאנג ווער וואלט געבין עס זאל שוין ווערין טאג אז איך זאל שוין קענען אויף שטיין פון מיין בעט. דא האט דער שולטן צו אים גיזאגט ווייא צוא דיר דוא מיינסט אז דוא ביסט ביא זיך אין הויז אונ דיא נאכט איז אלץ איינע. זייא ווייסין אז דוא ביסט דאך אין דער תפיסה אונ זייער אין איין פינסטערין ארט אונ שוין פיל מאל איז גיוועזן טאג אונ אויך נאכט. אונ ערשט איז דיר דיא בעסטע צייט צו בעטן פון מיר דעם שולטאן דיר צו העלפין ווארום איך בין דא פון דיר זייער נאהענט אונ איך וועל קענען הערין ביין גיבעט. דער נמשל איז אזוי. אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז גיוועזן האבין מיר גיוואוסט ווען דיא צייט איז וואס השם יתברך לאזט אראפ זייא חסד אונ ווען ער האט גיצארינט ווארום עס איז אונז גיוועזן דרכים

צוא

צוּא ווִיסִין אָדֶער דוּרְךְ נְבִיאִים הַקְּדוֹשִׁים אָדֶער דוּרְךְ דֶעם
רויךְ פוּן דִיא קְטוֹרֶת אָדֶער דֶעם לָשׁוֹן שֶׁל זְהוֹרִית דָאס אִיז דֶער
רויטֶער וואלֶענֶער שְׁנוּר וָואס עֶס אִיז גִיוֶועזֶען אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ
אוּנ פוּן אַנְדֶערֶע פִיל סִמָּנִים וָואס מִיר הָאבִּין מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגִין
גִיזֶעהֶען הָאבִּין מִיר גִיקֶענְט וויסִין אִין וֶועלְכֶער צֵייט אִיז גוּט מִתְפַּלֵּל
צוּ זַיין פַאר הקב"ה אַז אוּנְזֶער תְּפִלָּה זָאל בֶּעסֶער אָן גִינוּמֶען וֶוערִין
צוּא פַאר רִיכְטֶען וָואס מִיר הָאבִּין פַאר קְרִימְט . אָבֶער אַז דֶער בֵּית
הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרֵב גִיוָוארִין בעוה"ר אוּנ עֶס אִיז אוּנְז נָאר נִישְׁט
אִיבֶּער גִיבְּלִיבִּין אִיז אוֹיף אוּנְז מְקוּיָּם גִיווָארִין וִויא יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
קְלָאגְט אִין איכה במחשכים הושיבני כמתי עולם עֶר הָאט אוּנְז אַרַיין
גִיזֶעצְט אִין דֶער פִינְסְטֶער וִויא דִיא גִישְׁטָארְבֶּענֶע . אוּנ מִיר הָאבִּין
נִיט קֵיין שׁוּם סִימָן צוּא וויסִין וֶוען אִיז דֶער עֵת רָצוֹן אוּנ וֶוען אִיז גוּט
צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר השי"ת אוּנ מִיר שְׁלָאפִין אוּנ דְרֶעמְלֶען דִיא
גַאנְצֶע צֵייט פוּן דֶער לַאנְגֶער נַאכְט . דָאס אִיז דֶער מֵיין פוּן דֶער
נְבוּאָה משא דומה אִיז טַייטְשׁ דָאס אִיז דִיא נְבוּאָה פוּן שְׁטִיל שְׁוַוייגִין
וָוארוּם דֶער וָוארְט דוּמָה וֶוערְט גִירֵייגְט אוֹיף שְׁוַוייגִין . דֶער נָבִיא
יְשַׁעְיָהוּ הָאט גִיזֶעהֶען בִּנְבוּאָה אַז עֶס וֶועט אָן קוּמֶען אֵיין צֵייט
וָואס אַלֶע וֶועלִין שְׁוַוייגִין אוּנ קֵיינֶער וֶועט קֵיין תְּפִלָּה טְאן צוּ השי"ת
נָאר דָאס אַלֵיין וֶועלִין זַייא זָאגִין שומר מה מלילה דוּא הִיטֶער וָואס
וֶועט זַיין פוּן דֶער נַאכְט שומר מה מליל דוּ הִיטֶער וואָס וועט זַיין פוּן דֶער
נַאכְט עֶנְטְפֶערְט הקב"ה אמר שומר אתא בוקר וגם לילה הָאט דֶער
שׁוֹמֵר דָאס אִיז הקב"ה אַזוֹ גִיזָאגְט אִיר זָאלְט נִיט מֵיינֶען אַז דָאס
אִיז אַלֶץ אֵיין נַאכְט נִיט אֵיין מָאל אִיז גִיוֶועזֶען טָאג כְּלוֹמֶר נִיט אֵיין
מָאל אִיז גִיוֶועזֶען אֵיין עֵת רָצוֹן בַּייא השי"ת וָואס אַז מִיר וָואלְטִין אִין
יֶענֶער צֵייט תְּפִלָּה גִיטָאן פַאר אִים וָואלְט עֶר אוּנְז בְּוַודַּאי גִיהָאלְפִין
אַזוֹ וִויא אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגִין אִין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת ראוים היו ישראל
ליעשות להם נס בימי עזרא דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענִין רָאוּי גִיוֶועזֶען מֶען זָאל
זַייא טָאן אֵיין נֵס אִין דִיא טֶעג פוּן עֶזְרָא כדרך שנעשה להם נס
בימי יהושע אַזוֹ וִויא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט זַייא גִיטָאן אֵיין נֵס

אין דיא צייטין פון יהושע אלא שגרם החטא נאר דיא זינד האבין
גורם געוועזן אז מען זאל זייא ניט טאן. קיין נס דאס זאגט דער נביא
אתא בוקר, עס איז געקומען דער מארגין כלומר שוין פיל צייטין
גוטע זענען געוועזן אז מיט אונזערע תפלות וואס מיר וואלטין אין
זייא תפלה געטאן וואלט געקענט זיין דיא ישועה זאגט ווייטער דער
נביא אם תבעיון בעיו איז טייטש היינט ווענט זיך נאר אן אונז
אז מיר זאלין תפלה טאן צוא הקב"ה און נאך מער אין היינטיגער
צייט וואס אונזער תפלה קאן בעסער מקובל ווערין אזוי וויא משה
רבינו האט אונז געשריבן אין אונזער היילינגע תורה בצר לך ומצאוך
כל הדברים האלה באחרית הימים ושבת עד ה' אלהיך איז טייטש
אז דיר ווערט ענג ווערין און עס ווערט קומען אויף דיר דיא אלע
לייד אין דיא לעצטע טעג זאלסטו זיך אומקערין ביז גאט דיין גאט.
קענען מיר דער פון פאר שטיין אז דיא דאזיגע צייט איז דיא בעסטע
פון אלע צייטין וואס מיר קענען מתפלל זיין; פאר הקב"ה און
אונזערע תפלות וועלין געווים מקובל ווערין אבער אויף דעם וויינט
כביכול הקב"ה וואס מיר בעטין שוין גאר ניט און מיר האבין זיך
שוין גאר פאר געסין אויף דעם חורבן בית המקדש אזו וויא מיר
גיפינען ישעיהו הנביא האט גיזאגט פון השי"ת ווענין. מדוע באתי
ואין איש וואורום בין איך גקומען צו דיא ישראל און איך האב גאר
קיין מענטשין ניט גיפונען קראתי ואין עונה איך האב גירופין צו
ישראל און עס איז ניט דא ווער זאל מיר ענטפערין כלומר איך בין
גיקומען צוא ישראל זעהען אויב זייא טוען תפלה צוא מיר אבער
איך האב גיזעהען אז קיינער וויל גאר קיין תפלה טאן און בעטין
מיך איך זאל זייא העלפין זאגט ווייטער דער נביא הקצור קצרה
ידי מפדות איז דען קורץ מיין האנט אייך אויס צו לייזין כלומר
צוא העלפן אייך. קענען מיר זעהען וויא מיר זינדיגען פאר השי"ת
מיט דעם וואס מיר בעטין ניט בייא אים אויף חורבן בית המקדש.
און ווען אפילו אונזערע חכמים ז"ל האבין אונז מסדר געוועזן אין
אונזערע תפלות וואס מיר זענען אלע טאג מתפלל אויף חורבן
בית המקדש למשל אין שמונה עשרה און אין ברכת המזון און אין

אנדערע

אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת אָבֶּער מִיר זָענֶען זֵייא נִיט מִתְפַּלֵּל מִיט כַּוָּונָה נָאר בַּייא אוּנְז אִיז דִיא תְּפִלּוֹת וִויא דֶער נָבִיא הָאט גֶיזָאגְט מִצְוֹת אֲנָשִׁים מְלוּמָּדָה אִיז טַייטְשׁ אַז בַּייא אוּנְז זֶענֶען דִיא מִצְוֹת נָאר אַיין גֶיוֶוייגְהַייט כְּלוֹמַר מִיר זֶענֶען גֶיוֶוייגְט צוּ דַאוֶונֶען אוּנ צוּא מִתְפַּלֵּל . זַיין דֶעם גַאנְצֶען סֵדֶר נָאר מִיט דֶעם מוֹיל אָבֶּער דִיא הַאֶרְץ אִיז גָאר וַוייט פוּן דִיא דָאזִיגֶע תְּפִלּוֹת דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה רחוק מישועתי דברי שאגתי עֶשׂ אִיז וַוייט פוּן מַיין הַארְץ דִיא רֵייד פוּן מַיין גֶישְׁרֵייא כְּלוֹמַר דָאס וָואס מִיר טוּעֶן שׁוֹין תְּפִלָּה בֶּעטִין מִיר נָאר נִיט אַז הַשי״ת זָאל אוּנְז הֶעלְפִין מִיר זָאגִין מֶער נִיט דִיא תְּפִלָּה וִויא מִיט דֶעם מוֹיל אָבֶּער דִיא הַארְץ אִיז גָאר וַוייט פוּן דֶעם :

המורם מדברינו קֶענֶען מִיר פוּן דִיא אַלֶע עִנְיָנִים פַאר שְׁטֵיין אַז הַשי״ת גִילוּסְט שְׁטֶענְדִיג אוּנְז צוּ הֶעלְפִין וִויא דִיא חֲכָמִים ז״ל האבין גֶיזָאגְט ראויים היו ישראל ליעשות להם נס בימי עזרא כדרך שנעשה להם בימי יהושע דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענֶען רָאוּי גֶיוֶוען מֶען זָאל טָאן מִיט זֵיי נִיסִים אִין דִי צַייטִין פוּן עֶזְרָא אַזוֹי וִויא הַשי״ת הָאט מִיט זֵייא גִיטָאן אִין דִיא טֶעג פוּן יְהוֹשֻׁעַ נָאר דִיא הַיִרְץ וֶוענְט זִיךְ אָן אוּנְז אַלֵיין אַזוֹי וִויא דֶער נָבִיא זָאגְט אם תבעיון בעיו אוֹיב אִיר ווִילְט בֶּעטִין קֶענְט אִיר בֶּעטִין אוּנ אַזוֹ גִיפִינֶען מִיר אוֹיךְ אִין יַלְקוּט הַקָּדוֹשׁ אוֹיף דֶעם פָּסוּק יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה אמר הקב״ה הָאט הקב״ה גִיזָאגְט בשעה שמגעת צרה בישראל אִין דֶער צַייט וֶוען עֶס קוּמְט אַיין צָרָה אוֹיף יִשְׂרָאֵל והם מבקשים אותי אוּנ זֵייא טוּעֶן תְּפִלָּה צוּ מִיר יהיו משתפים כבודי עמהם זָאלִין זֵייא אַרַיין גֶעמֶען מַיין נָאמֶען אוֹיךְ אִין דֶער תְּפִלָּה באותה שעה אני אענה אותם אִין דֶער צַייט וֶועל אִיךְ זֵייא עֶנְטְפֶערִין שנאמר יקראהו ואענהו אַז עֶר וֶועט מִיךְ רוּפִין הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה גִיזָאגְט וֶועל אִיךְ זֵייא עֶנְטְפֶערִין לָמָּה זָאגְט דֶער יַלְקוּט פַאר וָואס עמו אנכי בצרה וָוארוּם זֵייא וֶועלִין מַיין נָאמֶען אַרַיין גֶעמֶען אִין זֵייעֶר תְּפִלָּה וֶועט מַיין נָאמֶען דָאךְ כִּבְיָכוֹל אוֹיךְ זַיין מִיט זֵייא אִין דֶער צָרָה וֶועל אִיךְ זֵייא מוּזִין עֶנְטְפֶערִין . אוּנ דָאס אִיז דֶער מַאֲמַר פוּן דֶער מְסוֹרָה אַז דִיא יִשְׂרָאֵל זָאלִין נִיט וַוארְטִין בִּיז עֶס וֶועט זַיין אַיין עֵת רָצוֹן .

לערינט

לערינט אונז דער פסוק וקראתם בעצם היום הזה איז טייטש איר קענט רופין צוא השי"ת אין אלע צייט אונ ווייטער לערינט אונז דער פסוק וקראתם דרור בארץ איז טייטש אז איר וועט בעטין בייא השם יתברך אויף היכף זאגט אונז דער דריטער פסוק וקראתם בשם ה' אלהיכם דאם הייסט איר זאלט ניט בעטין פאר אייך אליין נאר איר זאלט בכבוד דעם נאמען פון השם יתברך אויך אביין נעמען אין דער צרה וויא דער מדרש האט אונז גיזאגט שתפו צערי עמכם איז טייטש גענומט מיין כבוד אויך אביין צוא אייך דאם הייסט איר זאלט תפלה טאן אויף גלות השכינה אונ דער פערדער פסוק וקראתם אותי והלכתם והתפללתם אלי לערינט ער אונז אז אונזערע תפלות זאלין ניט זיין דרך אגב דאם הייסט ווייל מיר זענען גיוואוינט צו תפלה טאן צו השם יתברך נאר וקראתם אותי אז איר וועט תפילה טאן זאלט איר תפלה טאן מיט איין כוונה נאר צוא מיר ווייזט אונז דיא מסורה וויא מיר זאלין זיך נוהג זיין מיט אונזער תפלה אונ אז מיר וועלין אזו טאן וועט גיווים אונז השי"ת שטענדיג ענטפערין אויף אלע אונזערע תפלות:

בחדש השביעי באחד לחדש יהיה לכם שבתון זכרון תרועה מיר גיפינען אז השם יתברך האט אונז גיהייסין מאכין ראש השנה לערינט אונז אפסוק אין דער תורה הקדושה אזוי אין דעם זיבעטין חדש דאם איז תשרי אין דעם ערשטין טאג פון חודש זאלט איר מאכין איין טאג פון רוהונג אונ עם זאל אייך זיין יענער טאג איין דער מאנונג פון בלאזין שופר . פרעגט דיא גמרא אין מסכת ראש השנה אזו איין פסוק גיפינען מיר אין דער תורה שבתוי זכרון תרועה דאם הייסט יענער טאג זאל אייך זיין איין רוהונג נאר איין דער מאנונג פון בלאזין שופר אונ מיר גיפינען נאך איין פסוק אין דער תורה יום תרועה איז טייטש אז מיר זאלין אין דעם טאג בלאזען שופר ענטפערט דארטין די גמרא אז דער פסוק זכרון תרועה ווייזט אונז ווען ראש השנה גיפאלט אום שבת וואם דענסטמאל טאר מען קיין שופר ניט בלאזין . אונ דער אנדערער פסוק יום תרועה וואם ער ווייזט אז מען זאל אין דעם טאג בלאזען שופר

מיינט ער אז ראש השנה גיפאלט אום דער וואכען פאר שטייען מיר גאר ניט וואס איז דא דער פרעג פון דער גמרא אונ וואס איז דא איר תירוץ . מיר וואלטין דאך דאס אליין אויך גיקענט פאר שטיין נאר אין דעם שמועס פון דער גמרא קענען מיר פאר שטיין ווייטער איין קלוגען מוסר פאר אונז :

מיר גיפינען נחמיה האט גיזאגט צו דיא ישראל היום קדוש הוא לה' אלהיכם אל תתאבלו ואל תבכו כי בוכים כל העם כשמעם את דברי התורה . איז טייטש אז עזרא הסופר האט אויף גיעפינט דיא הייליגע תורה אונ האט איר גילייענט פאר דאס פאלק האבין דיא גאנצע פאלק אנגיהויבין צוא וויינען האט צוא זייא נחמיה גיזאגט איר זאלט ניט קלאגין אונ וויינען ווארום היינטיגער טאג איז הייליג צו גאט ברוך הוא פאר שטייען מיר גאר ניט וואס האבין זייא גיוויינט אז זייא האבין דער הערט דיא רייד פון דער תורה הקדושה נאר דעם ענין פון זייער וויינען קענען מיר פאר שטיין דורך איין משל צוא איין סוחר וואס ער גיט זיינע סחורה צוא דיא קרעמער אויף בארג . גיפינען זיך דאך אנדערע קרעמער וואס צאלין אפ דעם סוחר באלד מיט מזומן אונ אנדערע וואס גיבין דעם סוחר ניט מער וויא איין העלפט געלט אונ דיא איבריגע בלייבט אין איין חוב אויף איין גישטעלטער צייט איז דאך דער מנהג אזו כל זמן אז דער סוחר קומט נאך ניט מאנען זיין חוב זארגין דיא בעלי חובות נאך ניט ווארום יעדער קרעמער מאכט ביי זיך דעם רעכענונג אונ זעהט אז ער איז דעם סוחר שוין ניט פיל שולדיג אונ דער זעהט אין זיין רעכענונג אז ער האט שוין דעם סוחר אין גאנצין איין גיצאלט ; ניט אזו איז אבער דער קרעמער וואס האט זיינע גאנצע סחורה גינומען ביי דעם סוחר אויף בארג דער אז ער גיט אקוק אויף דיא סחורה אז זיא ליגט נאך אין גאנצין אונ האט גאר נישט גילייזט אונ האט דעם סוחר גאר נישט וואס צו געבין דעם ווערט זיין הארץ פאר ציטערט אז ער דער מאנט זיך אז דער זמן פון זיין חוב איז שוין גאנץ נאהענט אונ אז עס וועט קומען דער טאג אונ ער וועט ניט האבין וואס צו געבין דעם סוחר קען מען דאך פאר שטיין וויא גרויס

אִיז זַיין שְׁרֶעק אונ זַיין פַּחַד . דֶר נִמְשָׁל אִיז אַזוי דִיא צַדִיקִים פוּן יִשְׂרָאֵל מַאכִין אוֹיף זִיךְ נִיט ..קיין שום חֵלֶק זַייא זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵים דִיא תּוֹרָה וְוִיא זִיא אִיז גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין אונ זַייא זֶענִין נִיט עוֹבֵר אוֹיף ..קיין זַאךְ . אונ אַנְדֶערֶע פוּן דִיא יִשְׂרָאֵל וָואס זַייא מַאכֶן זִיךְ אֲפִילוּ אַבִּיסֶעל חוֹבוֹת פוּן דֶעסְט וֶועגִין זֶענִין זַייא זִיךְ קוֹבֵעַ צֵייטִין אונ טֶעג אוֹיף טָאן תְּשׁוּבָה . דֶער מַאכְט זִיךְ אֵיין חֶשְׁבּוֹן מִיט זַיין נְשָׁמָה אַלֶע טָאג פַאר זַיין שְׁלָאף אַנְדֶערֶע מַאכִין זִיךְ אֵיין חֶשְׁבּוֹן פוּן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אַלֶע עֶרֶב שַׁבָּת אַנְדֶערֶע אַלֶע עֶרֶב ראֹשׁ חֹדֶשׁ דִיא רָאזִיגֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין שׁוֹין ..קיין שׁוּם פַּחַד נִיט פַאר דֶעם יוֹם הַדִין וָוארוּם זַייא בְּלַייבִּין שׁוּלְדִיג גָאר זֵייעֶר וֵוינִיג . נִיט אַזוֹיא זֶענֶען אָבֶּער דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס פַאר מַאכִין זֵייעֶרֶע אוֹיגִין אונ קוּקִין גָאר נִיט אוֹיף זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים וָואס זַייא טוּעֶן אַיין גַאנְצִין יָאר אונ זַייא מַאכִין גָאר נִיט, דעם גַאנְצִין יָאר ..קיין שׁוּם רֶעכֶענוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע נַארֶעשֶׁע מַעֲשִׂים הַיינְט אַז עֶס קוּמְט דֶער יוֹם הַדִין אונ זַייא גִיבֶּען אַקוּק אַז זַייא זֶענֶען נָאךְ אִין גַאנְצִין שׁוּלְדִיג דֶעם בַּעַל חוֹב וְוִיא דַארְף זַיין זֵייעֶרֶע צִיטֶערְנֶעס אונ פַּחַד אַז זַייא זֶעהֶען אַז זַייא זֶענֶען שׁוּלְדִיג נָאךְ פַאר דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה . דָאס אִיז גִיוֶוען דִיא גַאנְצֶע גִיוַויין פוּן דִיא פָאלְק יִשְׂרָאֵל וֶוען זֵיי זֶענֶען אוֹיף גִינַאנְגֶען פוּן גָלוּת אַז עֶזְרָא הַסוֹפֵר הָאט גִינוּמֶען לֵייעֶנֶען דִיא תּוֹרָה פַאר זַייא אונ הָאט זַייא גִיגֶעבִּין צוּא פַאר שְׁטֵיין אַלֶע מִצְוֹת זֶענֶען דִיא יִשְׂרָאֵל דֶענְסְטְמָאל זֵייעֶר פַאר צִיטֶערְט גִיוָוארִין וָוארוּם זַייא הָאבִּין גִיזֶעהֶען אַז זַייא זֶענֶען שׁוּלְדִיג פַאר דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה . נָאר נְחֶמְיָה הָאט נִיט גִיהֵייסִין וֵויינֶען אונ קְלָאגִין וָוארוּם יֶענֶער טָאג אִיז גִיוֶוען יוֹם טוֹב פוּן ראֹשׁ הַשָׁנָה אונ זֵייעֶר וֵויינֶען אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם אוֹפֶן וְוִיא דֶער קְרֶעמֶער וָואס גִיט אַקוּק אַז זַיינֶע סְחוֹרָה לִיגְט נָאךְ אִין גַאנְצִין אונ עֶר אִיז שׁוּלְדִיג נָאךְ דֶעם גַאנְצִין חוֹב . קֶענֶען מִיר זֶעהֶען אַז אִין דִיא פַאר צֵייטִיגֶע דוֹרוֹת וָואס זַייא זֶענֶען כִּמְעַט אַלֶע גִיוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבִּין זַייא אַזוֹי פִיל גִיוֵויינְט אונ גִיקְלָאגְט הַיינְט וָואס זָאלִין מִיר שׁוֹין טָאן אַז בַּייא אוּנְז בעוה"ר לִיגְט דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִין אֵיין ווִינְקִיל אונ

קיינער

קיינער וייל דאך אין איר ניט איין קוק טאן וויא פיל באדארפין מיר דאך ציטערין אונ שרעקין זיך פאר דעם יום הדין וואס אין דעם טאג פון ראש השנה טוען דאך אפילו אלע מלאכים אונ שרפים ציטערין אונ שרעקין זיך דאס איז ווען ראש השנה גיפאלט אין דיא וואכעדיגע טעג . אבער אז ר"ה גיפאלט אום שבת וויא דער זוהר הקדוש שרייבט אז אין אים זענען דיא דינים ניט שולט אויף דער וועלט אונ ער איז דורך איין טאג פון רצון זאגט אויף אים דער פסוק נאר זכרון תרועה איז טייטש עס זאל זיין נאר איין דער מאנונג פון שופר בלאזין ווארום שבת טאר מען קיין שופר ניט בלאזן . מיר באדארפין זיין אזו וויא עס איז גיוועזן איין מאל איין גרויסער סוחר וואס ער איז לסוף ארום גיווארין אונ האט פאר לוירין זיינע גאנצע רייכקייט נאר צווישין דיא סוחרים האט מען דאס נאך ניט גיוואוסט . איין מאל איז גיקומען צוא אים ערב שבת איין אנדערער סוחר מאנען בייא אים איין חוב האט ער אים זייער שיין צו גינומען אונ האט אים גיהאלטין דעם גאנצין שבת מיט דיא גרעסטע כבודים אבער וויא איז אים גיוועזן אין הארצין ווען ער פלעגט זיך דער מאנען פיל שאנד אונ זידלעריי וועט ער האבין אז דער טאג פון שבת וועט אוועק גיין : כך לערינט אונז דער פסוק זכרון תרועה עס זאל אייך זיין איין דער מאנונג פון שופר בלאזין אבער אין הארצין באדארפין מיר דאך מורא האבין אונ דער מאנען זיך אז דער טאג פון שבת וועט איבער גיין אונ מען וועט אנהייבין צוא מאנען ביי אונז אלע אונזערע חובות וויא גרויס וועט זיין אונזער שאנד אז מיר וועלין ח"ו ניט האבין מיט וואס צוא באצאלין :

מיר גיפינען דיא גמרא זאגט אין ראש השנה אזו למה תוקעין בראש השנה ווארום דארף מען בלאזין שופר אין דעם טאג פון ראש השנה ענטפערט דיא גמרא רחמנא אמר תקעו דאס הייסט די תורה האט אונז גיהייסין אז מיר זאלין שופר בלאזין אלא למה תוקעין כשהן יושבין אבער ווארום בלאזין מיר שופר זיצענדיג ותוזרים ותוקעין כשהם עומדים אונ מיר בלאזין נאך איין מאל בשעת מיר שטייען ענטפערט דארטין דיא גמרא כדי לערבב השטן כדי

מיט דעם שופר פאר טומלען מיר דעם שטן ער זאל ניט קענען מקטרג זיין אויף די ישראל אין דעם יום הדין. אין דעם מאמר קען מען פאר שטיין זייער טיפען מוסר מיר געפינען דוד המלך עליו השלום האט אזו גיזאגט אתה נורא אתה ומי יעמוד לפניך מאז אפך משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה איז טייטש דוא גאט ביסט זייער פארכטיג אונ ווער קען פאר שטיין אנטקעגען דיין צארין אונ אז דוא לאזט הערין פון דיין הימעל דיין דין דער שרעקט זיך די וועלט אונ בלייבט רוהיג. אויך זאגט דער מדרש אויף דעם פסוק הן אל ישגיב בכוחו ומי כמוהו מורה גאט ברוך הוא איז זייער שטארק פון קראפט ווער איז וויא ער איין גוטער לעהרער וואס ער ווייזט די וועג אלעמען צו תשובה ווארום די מדות פון הקדוש ברוך הוא איז ניט וויא די מדות פון איין בשר ודם איין בשר ודם ווען ער וויל איין נקמה טאן אן דעם אנדערין פאר בארגט ער דאך דאס אין זיין הארצין כדי יענער זאל ניט קענען ניצול ווערין. אבער הקדוש ברוך הוא איז ניט אזו אז ער וויל טאן חס ושלום איין שלעכטס מיט די מענטשין פאר זייערע זינד טוט ער אלע מאל אונז אן זאגין פריער כדי אז מיר זאלין קענען תשובה טאן אונ ניצול ווערין פון די שלעכטס אונ אז עס דארף אן קומען דער טאג פון יום הדין וואס אויף אים זאגין אונזערע חכמים אז אין דעם טאג ווערין אלע באשעפענעש פון דער וועלט דער שראקין אונ פאר ציטערט האט הקדוש ברוך הוא אונז גישטעלט אז מיר זאלין בלאזין שופר וואס פון דעם וועלין דער שראקין ווערין אונזערע הערצער אונ מיר וועלין טאן איין תשובה שלמה וועט הקדוש ברוך הוא אונז געבין צדקה וחיים אונ דאס האט דוד המלך גיזאגט ארץ יראה ושקטה אז די וועלט האט זיך דער שראקין פאר דעם יום הדין אונ האט גיטאן תשובה איז זיא דריבער גיבליבין רוהיג. קענען מיר פון דעם ענין פאר שטיין אז דער עיקר שופר איז כדי צוא דער שרעקין אונזערע הערצער אונ אויף צו וועקין אונז צו תשובה אונ דורך דעם וואס מיר ווערין זיך דא אונטין דער שרעקין וועט זיך אזו דער שרעקין אין הימיל דער שטן אזא וויא מיר גיפינען אונזערע

חֲכָמִים זָאגִין אוֹיף דֶעם פָּסוּק כי נפל פחד מרדכי עליהם אִיז דֶער טַייטְשׁ אַז דֶער שְׁרֶעקִין וָואס עֶס אִיז גִיוֶועֶן אִין דֶער הָאָרֶץ פוּן מָרְדְכַי אִיז אִיבֶּער גִינַאנְגֶען אוֹיף דִיא שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל דֶער אִיבֶּער הָאט אוּנְז דִיא תּוֹרָה פַאר זָאגְט אַזוֹ וביום שמחתכם ובמועדיכם ובראשי חדשיכם ותקעתם בחצוצרות אִיז טַייטְשׁ אַז אִין דֶעם טָאג פוּן אַייעֶר יוֹם טוֹב אוּנ פְרֵייד זָאלְט אִיר בְּלָאזִין אִין טְרוּמֵייטִין והיו לכם לזכרון לפני ה' אלהיכם אִיז טַייטְשׁ אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט אַייךְ זַיין אֵיין דֶער מַאנוּנְג פַאר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוּנ דוּרְךְ דֶעם וָואס מִיר וֶועלִין זִיךְ דֶער שְׁרֶעקִין דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועלִין מִיר גוֹרֵם זַיין אַז דֶער שָׂטָן זָאל זִיךְ דֶער שְׁרֶעקִין אִין הִימֶעל אוּנ וֶועט נִיט קֶענֶען מַלְשִׁין זַיין אוֹיף דִיא יִשְׂרָאֵל אוּנ דָאס זָאגְט דִיא גְמָרָא אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף דֶעם פָּסוּק אשרי העם יודעי תרועה וואול אִיז צוּ דֶעם פָאלְק וֶועלְכֶער וֵוייס צוּא בְּלָאזִין שׁוֹפָר . זָאגְט אוֹיף דֶעם דִיא גְמָרָא וואול אִיז׳ דֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל וָואס זֵייא וֵוייסִין אִיבֶּער צוּא בֶּעטִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דוּרְךְ דֶעם קוֹל פוּן שׁוֹפָר :

אָבֶּער דָאס אִיז אַלְץ גוּט גִיוֶועֶן אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת אַז אַלֶע זֶענִין גִיוֶועֶן צַדִיקִים אוּנ זֵיי הָאבִּין פַאר שְׁטַאנֶען גַאנְץ רִיכְטִיג דֶעם יוֹם הַדִין. אָבֶּער מִיר אִין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וָואס מִיר זֶענִין זֵייעֶר אִין אֵיין נִידֶערִיגֶער מַדְרֵגָה פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת אוֹיף אוּנְז זָאגְט דֶער נָבִיא אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו אִיז טַייטְשׁ אַז עֶס וֶוערְט אֲפִילוּ גִיבְּלָאזִין שׁוֹפָר אִין שְׁטָאט אָבֶּער דָאס פָאלְק וֶוערְט גָאר נִיט דֶער שְׁרָאקִין פַאר דֶעם יוֹם הַדִין. דֶערִיבֶּער הָאט הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גִיהֵייסִין דֶעם נָבִיא אַזוֹ. קרא בגרון אל תחשוך כשופר הרם קולך אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אַקוּק גִיטָאן אַז מִיט שׁוֹפָר אַלֵיין קֶען מֶען אוּנְז נִיט דֶער וֶועקִין צוּא תְּשׁוּבָה זָאגְט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צוּ דֶעם נָבִיא רוּף צוּא דִיא קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל מִיט דַיין הַאלְז גָאר אָן אוֹיף הֶערוּנְג אוּנ הֵייבּ אוֹיף דַיין קוֹל וִויא אֵיין שׁוֹפָר צוּא זָאגִין מַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל מוּסָר אוּנ גֶעבִּין זֵיי צוּא פַאר שְׁטֵיין וִויא פֶארְכְטִיג אִיז דֶער יוֹם הַדִין אוּנ מִיר קֶענֶען דָאךְ זֶעהֶען אוּנ פַאר שְׁטֵיין פוּן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא עָלָיו הַשָּׁלוֹם וָואס עֶר אִיז גִיוֶועֶן גְרֶעסֶער פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ

עָלָיו הַשָּׁלוֹם מִיט זַיין בְּרוּדֶער אַהֲרֹן הַכֹּהֵן עָלָיו הַשָּׁלוֹם פוּן דֶעסְט וֶועגִין אַז שָׁאוּל הַמֶלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט אִים נָאךְ זַיין טוֹיט אוֹיף גִיבְּרַאכְט דוּרְךְ דֶער בעלת אוֹב הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין אוּנ הָאט גִימֵיינְט אַז מֶען מָאנְט אִים צוּ דֶעם דִין אוּנ הָאט גִינוּמֶען מִיט אִים משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם עֶר זָאל אוֹיף אִים עֵדוּת זָאגִין אַז עֶר הָאט נִיט אִיבֶּער גִיטְרָאטִין אֲפִילוּ דִיא קְלֶענְסְטֶע זַאךְ פוּן דֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הַיינְט אַפְשִׁיטָא שׁוֹין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וָואס מִיר קוּמֶען נִיט אֲפִילוּ צוּא דִיא טְרִיט פוּן זֵייעֶרֶע פִּים וִויא פִיל פַּחַד אוּנ אֵימָה בַּארְף אוֹיף אוּנְז פַאלִין אַז מִיר זָאלִין זִיךְ דֶער מַאנֶען אוֹיף דֶעם יוֹם הַדִין. אוּנ מִיר וֶועלִין זִיךְ שְׁטֶעלִין אִין דֶעם טָאג גָאר הוֹיל אָן מִצְוֹת אוּנ אָן תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם. וִויא פִיל דַארְפִין מִיר זִיךְ שֶׁעמֶען פַאר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַז מִיר זָאלִין מַאכִין אֵיין רֶעכֶענוּנְג אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים וָואס מִיר הָאבִּין דֶעם גַאנְצִין יָאר צוּא טָאן פִיל טֶעג זֶענִין דָאךְ אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אָן תּוֹרָה אָן מִצְוֹת אוּנ אָן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּנ פִיל טֶעג זֶענִין אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען וָואס מֶען הָאט זֵיי עוֹבֵר גִיוֶוען אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ מֶען הָאט גִיטָאן דִיא הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער נָבִיא דָוִד הַמֶלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם ממעמקים קראתיך ה׳ אִיז טַייטְשׁ פוּן דִיא טִיפְקֵייט הָאבּ אִיךְ דִיךְ גָאט בָּרוּךְ הוּא גִירוּפִין פַאר שְׁטֵייט מֶען גָאר נִיט וָואס אִיז דָאס פַאר אֵיין תְּפִלָה נָאר מֶען קֶען דָאס פַאר שְׁטֵיין דוּרְךְ אֵיין מָשָׁל צוּא אֵיין עָנִי וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁפֵּייזְט פוּן אֵיין גְבִיר וַיְהִי הַיוֹם הָאט דֶער עָנִי גִיגַנְבֶת בַּיי דֶעם עָשִׁיר אֵיין בֶּגֶד דָא אִיז דֶער עָשִׁיר אוֹיף אִים אִין כַּעַס גִיוָוארִין אוּנ הָאט אִים פַאר טְרִיבֶּען פוּן זִיךְ אַז עֶר זָאל גָאר נִיט גִיזֶעהֶען וֶוערִין פַאר זַיין פָּנִים. אָבֶּער וִויא דֶעם עָנִי אִיז גִיוָוארִין זֵייעֶר עֶנְג הָאט עֶר זִיךְ גִיפוּנֶען אֵיין עֵצָה אַזוֹ. וַיְהִי הַיוֹם הָאט זִיךְ דֶער עָנִי דֶער וואוּסְט אַז דֶער עָשִׁיר וֶועט גֵיין שְׁפַּאצִירִין אוֹיף יֶענֶער וֶועג. דָא אִיז דֶער עָנִי בַּאלְד גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט גִימַאכְט דָארְטִין אֵיין גְרוּבּ אוּנ הָאט זִיךְ אִין אִיר אַרַיין גִיזֶעצְט אוּנ אִיז גִיזֶעסִין בִּיז עֶר הָאט דֶער הֶערְט אַז דֶער עָשִׁיר גֵייט פַאר בַּייא דָא הָאט עֶר בַּאלְד אָן גִיהוֹיבִּין צוּא שְׁרַייעֶן מִיט גִיוַויין פוּן

דער

דער גרוב צו דעם עשיר דער באַרעם זיך איבער מיר און העלף מיר מיין האַר דאָ האָט אים דער עשיר גיפרעגט ווער ער איז און האָט אים גירופֿין אַרויס גיין פֿון דער גרוב וועט ער אים העלפין דער עני האָט אים גיענטפֿערט וויא קען איך באַווייזען ווערין פֿאַר אייער פנים אַז איך בין דאָס וואָס איך האָב גיגנבת בייא אייך דעם בגד און איך בין אָנגיקלייט אין אים היינט וויא קען איך באַווייזען ווערין פֿאַר אייער פנים בעט איך אייך איר זאָלט נאָר צו הערין צו מיין קול. דער נמשל איז אַזוי אַז דוד המלך עליו השלום האָט גיזעהען בנבואה אויף אונזערע דורות וויא מיר וועלין זיין אין פֿאַר שמוציגע בגדים און פֿול מיט עבירות וואָס דאָס איז גאָר ניט אונזערע בגדים אין וועלכע מיר דאַרפין גיין האָט ער אָן גיהויבין תפלה טאָן צוא השם יתברך ממעמקים קראתיך ה׳ פֿון דער טיפֿענעם רוף איך דיך גאָט ברוך הוא וואָרום מיר שעמען זיך צו ווייזין אונזער פנים פֿאַר דיר גאָט און זאָגט ווייטער ה׳ שמעה בקולי דוא גאָט דוא זאָלסט נאָר הערין אין מיין קול תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני דיינע אויערין זאָלין צוא הערין נאָר צו דעם קול פֿון אונזער גיבעט און זאָלסט אויף אונז אַליין גאָר ניט קוקין וואָרום מיר טראָגין גאָר ניט אונזערע בגדים וועלכע זענין דורך אין גאַנצין פֿאַר. שמוצט פֿון עבירות און דעם דאָזיגען גאַנצין ענין פֿון יום הדין קענען מיר בעסער פֿאַר שטיין דורך איין משל צוא איין עשיר וואָס אויף אים איז גיפֿונען גיוואָרין איין חשד אַז ער האַנדעלט מיט מיני סחורות וואָס זענין פֿאַר ווערט פֿון מלוכה דאָ האָט מען אים גינומען און מען האָט אים אַריין גיזעצט אין תפיסה זייער אין איין שלעכטין אָרט דאָ האָבין זיינע קינדער און זיין גאַנצע הויז גיזינד זייער שטאַרק גיוויינט און גישראָקין זיך פֿילייכט וועט אויף אים אַרויס איין משפט צוא טויטין אים. אָבער דער נאָך אַז עס האָט זיך אָפּ גיצויגען שוין כמה וכמה טעג און יאָרין זענין זיינע קינדער גיוואוינט גיוואָרין און זייא האָבין זיך גאָר פֿאַר געסין אויף זייער פֿאָטער וואָס ער איז דאָ אין אַזעלכע סכנות און האָבין זיך אָן גיטאָן אַלע תענוגים און פֿאַרגעניגענס ווי עס וואָלט זייער פֿאָטער

גיוועזען מיט זייא. ויהי היום איז אריין צו זייא אין שטוב איין קלוגער מענטש אונ האט זייא גיפונען זיצענדיג אלעמען ארום טיש זייער פריילך אונ עסין אונ טרינקען דיא בעסטע מאכלים אונ דיא בעסטע משקאות אונ דער כאנען גאר ניט זייער פאטער וויא ער האט דאס דער זעהען האט ער אקלאפ גיטאן מיט זיינע הענט אונ האט צו זיי אזו גיזאגט וויא קענען אייך דיא דאזיגע אלע גוטע שפייז מיט אלע תענוגים זיס זיין אין דער צייט אז דער פאטער זיצט תפוס אין אזעלכע כבלות דער מאנט אייך אז ער האט פאר לארין זיין גאנצע רייכקייט אונ ווער ווייס נאך וואס פאר איין משפט עס וועט אים קומען. וויא דיא קינדער האבין דער הערט דיא דאזיגע רייד פון דעם חכם איז אויף זייא גיפאלין איין אימה ופחד אונ האבין אלע אן גיהויבין זייער שטארק צו וויינען אונ צו קלאגין מיט איין יאמערליכען קול. דער נמשל איז אזו דער מענטש איז דאך גיוואונט דעם גאנצין יאר צוא האנדלין מיט מיני סחורה וואס דיא תורה הקדושה האט אונז פאר ווערט דאס הייסט ער פאר ברענגט דעם גאנצען יאר נאר אין הבלים ער הארעוועט דעם גאנצען יאר גאר אויף נארעשקייט כדי צוא האבין דיא תענוגים פון דער דאזיגער נארעשער וועלט אבער וויא עס קומט אן דער יום הדין וואס דער שטן איז דענסטמאל מקטרג אויף אלע פסולה סחורות וואס דער מענטש האט אין דעם גאנצין יאר איין גיהאנדעלט אונ באלד ווערט דאך דער מענטש גימשפט אויב ער זאל לעבין אויב ער זאל שטארבין אדער זיינע קינדער חס ושלום אדער ער זאל ווערין איין עני חס ושלום אדער ער זאל אום קומען פון דער וועלט דורך פייער אדער דורך וואסער אדער דורך אנדערע שלוחים פון השם יתברך אבער דער מענטש פאר געסט זיך גאר אויף דער דאזיגער זאך אונ יאגט זיך נאך אלע תענוגים וואס זייא זענין הבל הבלים דאס האט דוד המלך עליו השלום גיזאגט (אשרי העם יודעי תרועה) וואול איז דער פאלק וועלכע ווייס צוא בלאזין שופר מיינט ער אונז דער מיט צוא לערנען וואול איז צוא דעם פאלק וואס ווייסען איבער צו בעטין השם יתברך מיט דעם קול פון שופר דאס הייסט

דורך דעם וואס מיר דער הערין דעם קול פון שופר אונ מיר דער שרעקין זיך באלד פאר דעם גרויסען יום-הדין אונ מיר טוען באלד תשובה זאגט ווייטער דוד המלך עליו השלום ה׳ באור פניך יהלכון אז מיר וועלין טאן איין תשובה שלימה אין דעם יום הדין וועלין מיר זוכה זיין צו גיין אין דעם רעכטיגען גליק אונ אין דיא ליכטיקייט פון דעם פנים פון הקדוש ברוך הוא ווארום דורך אונזער תשובה וועלין מיר איבער קערין דעם מדת הדין צוא מדת הרחמים אונ וועט צו נעמען אלע אונזערע תפלות וואס מיר וועלין צו אים תפלה טאן:

עמוס הנביא האט גיזאגט אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו אם תהיה רעה בעיר וה׳ לא עשה כי לא יעשה ה׳ אלהים דבר כי אם גלה סודו אל עבדיו הנביאים דאס הייסט אז עס ווערט גיבלאזין שופר אין שטאט אונ דאס פאלק זאל ניט פאר ציטערט ווערין אז עס איז אשלעכטס אין שטאט אונ גאט האט ניט גיטאן. השם יתברך טוט קיין זאך ניט סיידין ער איז פריער מגלה צוא זיינע קנעכט דיא נביאים זאגט דער ילקוט דרויף אמשל צוא איין באר וואס ער איז דורך גיפארין דורך איין מדינה אונ האט מזהיר גיוועזן דיא בני המדינה אז איין חיל גייט אויף זייא דער וואס האט אים גיפאלגט אונ האט זיך אפ גיהיט איז ניצול גיווארין אונ ער וואס האט ניט גיהערט איז ער גיהרגת גיווארין פון דעם חיל. דער ענין איז הקדוש ברוך הוא פירט זיך ניט וויא איין בשר ודם אמענטש אז ער וויל טאן דעם אנדערין ארעה זעט ער עס זאל דאס זיין בסתר יענער זאל דער ״פון ניט גיוואר ווערין אונ הקדוש ברוך הוא איז מודיע פריער דיא רעה כדי כען זאל תשובה טאן וויא עס שטייט אין פסוק משמים השמעת דין השם יתברך מאכט הערין דורך דעם שופר אז עס וועט זיין אדין ארץ יראה ושקטה איז אין אן הייב ווערט דיא וועלט דער שראקין אונ טוען תשובה אונ זענין מבטל אלע בייזע גזירות אונ דער נאך ווערט איין גישטילט דער דין אונ עס ווערט נתהפך למדת הרחמים דאס מיינט דער פסוק אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו אז מען בלאזט שופר איז דאך דיא כוונה צוא מודיע זיין אז עס וועט זיין איין יום הדין אונ דאס פאלג

ווערט

וָוערְט נִיט פַאר צִיטֶערְט אוּנ מֶען טוּט קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט ״ תהיה רעה וה׳ לא יעשה אויב חַס וְשָׁלוֹם נָאךְ דֶעם אַז עֶס וָועט זַיין אַפוּרְעָנִיּוֹת זָאלְט אִיר וִויסִין אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט דָאס נִיט גִיטָאן נָאר אִיר זַייט דָאס אַלֵיין שׁוּלְדִיג וָואס אִיר הָאט קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט גִיטָאן :

דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין מַסֶכֶת עִירוּבִין אַזוֹ . אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה דִיא מַלְאָכִים הָאבִּין גִיפְרֶעגְט בַּייא הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מפני מה אין ישראל אומרים שירה בראש השנה ויום הכפורים וָוארוּם זָאגִין נִיט דִיא יִשְׂרָאֵל שִׁירָה פַאר דִיר אִין דִיא צְוַוייא טֶעג פוּן ראש הַשָּׁנָה אוּנ אִין דֶעם טָאג פוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים . השיב להם הָאט הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זַייא אַזוֹ גִיעֶנְטְפֶערְט אפשר וִויא קֶען דָאס זַיין מלך יושב על כסא דִין אֵיין מַלְכוּת וָואס זִיצְט אוֹיף אֵיין שְׁטוּל פוּן דִין צוּ מִשְׁפָּטִין דִיא וֶועלְט וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו אוּנ פַאר אִים זֶענִין אָפֶען דִיא סְפָרִים פוּן לֶעבִּין אוּנ דִיא סְפָרִים פוּן טוֹיט אוּנ מֶען זָאל זָאגִין שִׁירָה פַאר מִיר פַאר שְׁטֵייט מֶען גָאר נִיט וָואס אִיז גִיוֶוען דִיא שְׁאֵלָה פוּן דִיא מַלְאָכִים פַאר וָואס אִיז זֵייעֶר דֵעָה אַז מֶען זָאל יוֹא זָאגִין שִׁירָה . אוּנ מִיר גִיפִינֶען נָאךְ אֵיין מַאֲמַר וָועלְכֶער עֶס אִיז גְרָאד פַאר קֶערְט פוּן דֶעם מַאֲמַר פוּן גְמָרָא . מִיר גִיפִינֶען דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַזוֹ מִדַת בשר ודם דִיא מִדָה פוּן אֵיין בָּשָׂר וָדָם הנדון לפני הדיין לובש שחורים ומתעטף שחורים אַז דֶער וָואס וֶוערְט גִמִשְׁפָּט פַאר דֶעם דַיָּן דָאס הֵייסְט אַז מֶען דַארְף מִשְׁפָּטִין אֵיין מֶענְטְשׁ טוּט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אָן אִין שְׁוַוארְצִין אוּנ וִויקֶעלְט זִיךְ אַיין אִין שְׁוַוארְצִין אבל מדת הקב״ה אָבֶּער דִיא מִדָה פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז נִיט אַזוֹ . כשהוא דן את ישראל כו׳ אַז עֶר מִשְׁפָּט דִיא יִשְׂרָאֵל קְלֵיידִין זֵייא זִיךְ אָן אִין וַוייסֶען אוּנ וִויקְלֶען זִיךְ אַיין אִין וַוייסִין וָואס דָאס אִיז גָאר אֵיין סִימָן פוּן שִׂמְחָה . נָאר צוּ פַאר עֶנְטְפֶערִין דִיזֶע צְוַוייא מַאֲמָרִים דַארְפִין מִיר פַאר שְׁטֵיין דִי הַנְהָגוֹת וִויא עֶס פִירְט זִיךְ בַּייא בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּנ וִויא עֶס פִירְט זִיךְ בַּייא בֵּית דִין שֶׁל מַטָה . בַּייא בֵּית דִין שֶׁל מַטָה וֶוען זֵיי מִשְׁפָּטִין אֵיין מֶענְטְשִׁין אִיז דָאךְ דֶער זְכוּת אוּנ דֶער חִיוּב

דאס

דאס הייסט צוא גירעכט מאכין דעם גימישפטן אדער צוא שולדיג מאכין אים ביא זייא אין דיא הענט אויב זייא ווילען קענען זייא אים גירעכט מאכין אונ אויב זייא ווילין קענען זייא אים מישפטין מיט דעם גרעכטין משפט אבער ביא הקדוש ברוך הוא אז ער משפט איין מענטשין הענגט אפ דער משפט אן דעם מענטשין אליין אז ער זאל טאן תשובה קען ער ארויס איין זכאי פון דעם יום הדין היינט וויא באלד אז עס ווענט זיך נאר אן דעם מענטשין אליין באדרף ער דאך באמת גאר ניט שרעקין זיך פאר דעם דיין אונ פאר דעם יום הדין איז דאך ראוי אז דער מענטש זאל זיך אן קליידען אין דיא שענסטע בגדים אין דעם יום הדין אונ צוא לויבין דעם דיין מיט דיא גרעכטע לויבונג . דאס איז גיוועזן דיא שאלה פון דיא מלאכים פאר וואס זאלין מיר ניט זאגין קיין שירה פאר הקדוש ברוך הואנ אין דעם יום הדין ווארום וויא זיי האבין אקוק גיטאן אז דער מענטש האט זיך גאר ניט וואס צו שרעקין זיך פאר דעם יום הדין ווארום עס ווענט זיך נאר אן דעם מענטשין אליין אז ער זאל נאר טאן איין תשובה שלימה וועט ער גיוויס ארויס איין זכאי אין זיין דין האט דער מענטש דאך גיבארפט זאגין שירות ותשבחות פאר הקדוש ברוך הוא אין יענעם טאג . נאר אבער הקדוש ברוך הוא וואס ער וייס דאך ריכטיג דיא דעה אונ מחשבה פון דעם מענטשין אז ער האט דעם גרעסטין שרעק אונ פארכט פאר דעם יום הדין האט ער ניט גיוואלט צוא ארויף לייגן אויף דעם מענטשין אזו איין עבודה וואס דעם מענטשינס נפש קען דאס גאר ניט פאר נעמען אונ אז דער מענטש האט אין הארצין איין פחד אונ איין מורא אונ מיט זיין מויל זאל ער זאגין שירה דאס הייסט הלל פאר השם יתברך דאס קען ניט זיין קענען מיר פון דעם מאמר ארויס נעמען זייער איין קלוגין מוסר אז דער מענטש דארף זיך גאר ניט שרעקין פאר דעם יום הדין ווארום זיין גאנצער משפט ווענט זיך אן אים אליין אז ער זאל טאן איין תשובה שלימה וועט ער גיוויס ארויס זכאי בדינו . אונ השי"ת וועט אים גיוויס מוחל זיין אלע זיינע עבירות :

ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש איז טייטש אז דעם
ניינטין טאג אין חדש תשרי זאלט איר פייניגען אייערע זעלען דאס
הייסט אין דעם טאג זאל מען מאכין איין תענית. פרעגט די גמרא
אין מסכת ראש השנה אזו וכי בתשיעי מתענה הלא בעשירי
מתענה פאסט מען דען דעם ניינטין טאג אין תשרי מען פאסט
דאך גאר דעם צעהענטין טאג אין תשרי ווארום יום כפור איז דאך
דעם צענטין טאג. ענטפערט אויף דעם דיא גמרא אזו כל האוכל
ושותה בתשיעי דער מענטש וואס עסט אונ טרינקט אין דעם
ניינטין טאג מעלה עליו הכתוב זאגט אויף דעם מענטשין דער פסוק
כאלו התענה תשיעי ועשירי איז עס דעם מענטשין גירעכינט זיין
עסין אונ טרינקען גלייך וויא ער וואלט פאסטין דעם ניינטין אונ
דעם צעהענטין טאג. פאר שטייט מען גאר ניט ווארום האט דיא
תורה הקדושה אונז פאר זאגט דיא דאזיגע מצוה אזו פאר שטעלט
ווארום האט זיא ניט גיזאגט בפירוש בתשעה לחודש תאכלו ותשתו
אז דעם ניינטען טאג פון תשרי דאס איז ערב יום כפור איז איין
מצוה צוא עסין אונ טרינקען נאר מען קען דעם דאזיגען מאכין
פאר שטיין דורך איין משל צוא איין עשיר וואס ער האט גיהאט
איין זון זייער איין גרויסען בעל תאוה אלע טאג ווען ער האט
גיבארפט גיין אין חדר פלעגט ער גיין ארום דעם מארק וויא מען
האט פאר קויפט אלערלייא פרוכט אונ פלעגט אן האפין וויפיל ער
האט גיקענט אונ פלעגט אנטלויפין. וויא מען האט דער זעהען די
מעשים פון דעם דאזיגען קינד זענין זייא אוועק גיגאנגין צוא זיין
פאטער דעם עשיר אונ האבין דאס אים אלץ דער ציילט. וויא
דער פאטער האט דאס דער הערט האט ער זיך זייער גישעמט פר
דיא מעשים פון זיין זון אונ האט אן גיהויבין צו זוכין עצות אונ
תחבולות וויא מען זאל דאס קינד אפ גיוויינען פון אזעלכע שענדליכע
מעשים. איין טאג האט ער אים אריין גירופין צו זיך אונ האט אים
אזו גיזאגט. מיין טייערער זון זאלסט וויסין אז איך בין ניט צוא
פרידען וואס דוא גייסט אליין אין חדר דוא ביסט דאך איין בן גביר
באדארפסט דו גיין אין חדר מיט דעם גרעסטין כבוד זייא דא ביז

איך וועל שיקען רופין כלי זמרים מיט איין בדחן וועסט דו מיט זיי גיין אין חדר. וויא דיא כלי זמרים זענין גיקומען איז ער מיט זייא אוועק גיגאנגען דער בדחן איז גיגאנגען צו דעם ערשטין אונ האט אויס גירופין אזו הבחור המופלג המפואר שלשלת היוחסין מיט זיין נאמען ווערט גיפירט ערשט צוא זיין רבין המפורסם וויא דער זון האט דער זעהען דעם גרויסין כבוד האט ער זיך שוין גישעמט צוא טאן דיא מעשים וויא ער האט גיטאן ביז אהער. דער נמשל איז אזו. דער מענטש נאך זיינע יסודות נאך וואס ער איז פון זייא מורכב גיווארין איז דאך גיוואונט נאך צוא גיין נאך אלע תאוות עולם הזה אונ אז דיא תורה הקדושה וואלט בפירוש אונז שרייבין אז עס איז איין מצוה צוא עסין אונ טרינקען דעם ניינטען טאג פון תשרי דאס איז ערב יום כפור קען דאך זיין אז מען וואלט קומען חס ושלום דורך דעם צוא דעם גרעסטין קלקול פון פיל עסין אונ טרינקען. ווער ווייס אויב עס וואלט גאר ווער גיין דיא נאכט פון יום כפור אין שול אריין דער איבער האט אונז דיא תורה פאר זאגט דיא דאזיגע מצוה דורך איין גרויסען רמז אונ האט פאר גרייכט אונזער עסין אונ טרינקען אין דעם טאג גלייך וויא מיר וואלטין גיפאסט היינט וועט יעדער מענטש פאר שטיין אז ניט דאס האט דיא תורה גימיינט אז מיר זאלין עסין אונ טרינקען. נאר זיא האט אונז גיגעבין צוא פאר שטיין אז מיר דארפין האבין דורך דעם איין הכנה אויף מארגענדיגען טאג אויף יום כיפור גלייך וויא דער בן גביר ווען ער איז גיגאנגען מיט דיא כלי זמרים אין חדר אויף דעם אופן וועט זיך יעדער מענטש פאר שטעלין אונ זיך בארעכענען אז אין זיין עסין אונ טרינקען פון יענעם טאג ליגט איין טיפע כוונה אונ עס איז גלייך וויא ער וואלט זיצין פאר השם יתברך אונ ווען דער מענטש וועט זיך אזוי בארעכענען וועט ער זוכה זיין אז זיין עסין אונ טרינקען וועט זיין גירעכינט וויא ער וואלט פאסטין דעם טאג:

ומחר אעשה כדבר המלך איז טייטש אז מארגין וועל איך טאן וויא דיא רייד פון דעם מלכות. זאגט אויף דעם דיא מסורה אז זעקם מאל גיפינען מיר דעם ווארט מחר מיט איין וואו אין אן

הֵייב . אֵיין מָאל וִויא מִיר הָאבִּין אוֹיבִּין גִישְׁרִיבִּין . דֶעם אַנְדֶערִין מָאל גִיפִינֶען מִיר אִין מִשְׁלֵי ומחר אתן ויש אתךְ דָאם הֵייסְט אַז מָארְגִין וֶועל אִיךְ גֶעבִּין אוֹת עֶם אִיז נָאךְ פַארַאן מִיט דִיר . דֶעם דְרִיטִין מָאל גִיפִינֶען מִיר אִין שְׁמוּאֵל א׳ ומחר אתה ובניךָ עמי אִיז טַייטְשׁ אַז מָארְגִין וֶועסְטוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זַיין מִיט מִיר . דֶעם פֶערְטִין מָאל גִיפִינֶען מִיר אִין יְהוֹשֻׁעַ ומחר אל כל עדת ישראל יקצוף דָאם הֵייסְט אַז מָארְגִין וֶועט עֶר צַארְנֶען אוֹיף גַאנְץ יִשְׂרָאֵל . דֶעם פִיפְטֶען מָאל גִיפִינֶען מִיר אִין שמואל ב׳ שב בזה גם היום זִייץ דָא אוֹיךְ הַיינְט ומחר אשלחךָ אוּנ מָארְגִין וֶועל אִיךְ דִיךְ שִׁיקִין . דֶעם זֶעקְסְטִין מָאל גִיפִינֶען מִיר אִין דֶער תּוֹרָה . וקדשתם היום ומחר וכבסו שמלותם אִיז טַייטְשׁ דוּא זָאלְסְט זֵייא הֵיילִיג מַאכִין הַיינְט אוּנ מָארְגִין אוּנ זֵייא זָאלִין וַואשִׁין זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר שְׁטֵייט מֶען גָאר נִיט וָואם אִיז דִיא כַּוָּנָה פוּן דֶער מְסוֹרָה פוּן וָואס וֶועגִין בְּרֵיינְגְט זִיא דִיא אַלֶע פְּסוּקִים נָאר מִיר דַארְפִין פַאר שְׁטֵיין אַז אִין אִיר קֶענֶען מִיר גִיפִינֶען זֵייעֶר אֵיין טִיפִין מוּסָר פַאר אוּנְז נָאר דֶער עִנְיָן דֶער פוּן אִיז אַזוֹי . דָאם פַאר שְׁטֵייעֶן מִיר דָאךְ אַז דִיא טַעֲנוֹת פוּן יֵצֶר הָרַע צוּם מֶענְטְשִׁין זֶענֶען דָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם מֶענְטְשִׁין עֶר גֶעמְט שְׁטֶענְדִיג אַיין זַיין מִלְחָמָה מִיט דֶעם מֶענְטְשִׁין אֵיין צוּא רֵיידִין אִים עֶר זָאל פַאר בְּרֶענְגֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארֵין אִין אַלֶע הֲבָלִים אוּנ תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה עֶר שְׁטֶעלְט אוּנְז פָאר שְׁטֶענְדִיג דֶעם מַאֲמַר שמח בחור בילדותךָ עֶם אִיז טַייטְשׁ פְרֵייא זִיךְ דוּא יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער צַייט פוּן דַיין יוּגֶענְד אוּנ אַז דוּא וֶועסְט קוּמֶען צוּא דֶער צַייט פוּן דַיינֶע אַלְטֶע יָארִין דֶענְסְטְמָאל וֶועסְטוּ קֶענֶען טָאן תְּשׁוּבָה נָאר אוּנְזֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הָאט אוּנְז פַאר זָאגְט אַז מִיר זָאלִין נִיט פַאר בְּרֶענְגֶען אֲפִילוּ אֵיין רֶגַע אוֹיךְ נִיט אִין דִיא הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה אַזוֹ וִויא מִיר גִיפִינֶען דִיא גְמָרָא הַקְדוֹשָׁה זָאגְט . אמר רבי אלעזר הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גִיזָאגְט ושוב יום אחד לפני מיתתךָ דָאם הֵייסְט אַז דוּא זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טָאן אֵיין טָאג פַאר דַיין טוֹיט . הָאבִּין אִים דִיא תַּלְמִידִים גִיפְרֶעגְט וֵוייס דֶען אֵיין מֶענְטְשׁ דֶעם טָאג פוּן זַיין שְׁטַארְבִּין . הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר

וויא געענטפערט אזוי קען בארף תשובה טאן היינט פילייכט וועט ער מארגין שטארבין אונ אז מען וועט אזוי טאן וועט אויס קומען אז זיין גאנצער לעבין וועט זיין מיט תשובה אונ מעשים טובים. עס איז איין משל צו איינעם וואס ער האט גידארפט אוועק פארין אין מרחקים נאך סחורה אונ וויא אבער דיא וועג איז גיוועזן בחזקת סכנה האט ער אויף גירופין זיין גאנצע הויז גיזינד אונ אז ער האט זיך אן גיהויבין מיט זייא צו זעגענען האט ער זייער שטארק גיוויינט האבין דיא קינדער אים גיפרעגט וואס וויינט ער האט ער וויא גיענטפערט אזוי. מיינע ליבע קינדער ווען איך וואלט קומען צוא מיין לעצטין טאג פון מיין שטארבין וואלט איך דאך בוודאי מיט אייך זיך צוא זעגינט מיט דיא גרעסטע גיוויין אונ היינט אז איך פאר אוועק אין אזוי איין וועג וואס זיא איז בחזקת סכנה ווער וויים אוב איך וועל זוכה זיין מיט אייך צו זעהען זיך אונזער זעגענען זיך קען דאך זיין אויף איביג היינט וויא זאל איך ניט וויינען. דער נמשל איז אזוי דער מענטש האט צוויא צייטין אין זיין לעבין צו מתודה זיך זיין אויף זיינע עבירות איין צייט איז אין דעם טאג פון יום כיפור אונ דיא אנדערע צייט איז אז ער דארף אוועק גיין אין זיין איביגער וועג. איז דאך אזוי אין דיא פאר צייטיגע יארין אז דיא הנהגה פון דער וועלט איז גיוועזן נאך דעם מענטשין נאך דער לעבין איז גיוועזן בשלום האט זיך דער מענטש גיקענט מיקל זיין אין דעם ווידוי פון יום כפור אונ ער האט זיך גיקענט סומך זיין אויף דעם ווידוי פון זיין לעצטין טאג ניט אזוי איז אבער היינטיגע יארין וואס אין זייא איז דאך אויף אונז מקוים גיווארין דיא קללות וואס אפילו אין דער תוכחה גיפינען זייא זיך אויך ניט וויא פיל ניע קראנקהייטין זענין אויף אונז אן גישטאנען וויא פיל פלוצלינגע טויטין קומען אויף אונז אין יעדער רגע וואס אונזערע עלטערין האבין דער פון גאר ניט גיוואוסט פיל מענטשין זענין דאך מיט אונז גישטאנען אין שול יום כפור אונ האבין גיזאגט כל נדרי אונ היינט וויא זענין זייא. אויף דעם אופן בארף זיך דאך דער מענטש בארעכענען אויף דעם ווידוי פון יום כפור אז עס קען דאך זיין אז

דער ווידוי זאל זיין דער לעצטער . דארף דאך דער מענטש זעהען אז אין דעם טאג פון יום כפור זאל ער טאן איין תשובה שלימה אונ זאל זאגין ווידוי מיט איין צוא בראכענע הארץ ווארום עס קען דאך זיין אז דאס זאל זיין דער לעצטער ווידוי זיינער אזו וויא שלמה המלך האט אונז פאר גיזאגט אין קהלת וזכור את בוראיך בימי בחורותיך עד אשר לא יבואו ימי הרעה איז טייטש איין מענטש זאל דער מאנען זיין באשעפער איידער עס וועלין אן קומען אויף אים די שלעכטע טעג אונ דוד המלך עליו השלום האט אונז אויך פאר זאגט דעם דאזיגען ענין וועגין נאך איין טיפערע זאך אז דער מענטש וועט זיך פירען אלע זיינע טעג מיט תשובה אונ מעשים טובים וועלין זיין זיינע קינדער וואס עס וועלין פון אים גיבארין ווערין אויך צדיקים אונ יראי ה' אזו וויא ער זאגט אונז אין תהלים אשרי איש ירא את ה' במצותיו חפץ מאד איז טייטש וואול איז דעם מענטשין וואס ער פארכט זיך פאר השם יתברך אונ באגערט זייער אין זיינע מצות . זאגט דוד המלך עליו השלום ווייטער ווייזט דו וואס דער מענטש וועט האבין פאר איין שכר גבור בארץ יהיה זרעו זיינע קינדער וועלין זיין שטארקע צדיקים אויף דער וועלט דור ישרים יבורך אונ זיין רעכט פארטיגער דור וועט זיין גיבענשט . אויך דארף דאך דער מענטש תשובה טאן אזו וויא די גמרא זאגט אין קדושין לעולם יראה אדם את עצמו ואת העולם חצי זכאי והצי חייב דאס הייסט אייביג זאל דער מענטש האלטין זיך אונ די גאנצע וועלט אז מען שטייט אויף העלפט זכאי אונ העלפט חייב הייגט אז דער מענטש וועט טאן איין מצוה וועט ער דאך מוסיף זיין אויף דער וואג שאל פון זכיות וועט זיא דאך איבער וועגין די וואג שאל פון עבירות נמצא אז דער מענטש מיט איין מצוה קען דאך מזכה זיין זיך אונ די גאנצע וועלט קענען מיר דאך דער פון פאר שטיין וויא ווייט תשובה קען גרייכין . דארפין מיר פאר שטיין אז דער חוב פון דער עבודה וואס עס איז ארויף גילייגט אויף דעם מענטשין צו דינען השם יתברך איז גאר אן איין שיעור ווארום וואס דער מענטש טוט מער תשובה ווערט ער דאך אלץ

גְרֶעסֶער אִיז דֶער מַדְרֵגָה פוּן דִיא עוֹבְדֵי ה׳ קוּמְט דָאךְ אוּים אַז יֶעדֶער טָאג אִיז עֶר דָאךְ מְחוּיָב מֶער צוּא טָאן אִין עֲבוֹדַת ה׳. אַזוֹ וִויא מִיר גִיפִינֶען. אַז דִיא חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים הָאבֶּן פַאר בְּרַאכְט זַייעֶר גַאנְצִין לֶעבִּין אִין תְּשׁוּבָה. דָאס אִיז דֶער מֵיין פוּן דֶער מְסוּרָה. יבא המלך והמן אל המשתה דָאס הֵייסְט עֶס זָאל קִימֶען דֶער מַלְכוּת אוּנ הָמָן דָאס אִיז אֵיין מָשָׁל צוּם יֵצֶר הָרָע צוּ דֶעם מָאל צַייט דָאס אִיז אֵיין מָשָׁל וָואס עֶר רֶעט אָן דֶעם מֶענְטְשִׁין נָאךְ צוּא יָאגִין נָאךְ תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶה ומחר אעשה כדבר המלך אוּנ מָארְגִין וֶועל אִיךְ טָאן וִויא דִיא רֵייד פוּן דֶעם מַלְכוּת דָאס אִיז אֵיין מָשָׁל וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעט אָן דֶעם מֶענְטְשִׁין אַז אוֹיף דֶר עֶלְטֶער ווֶעט עֶר תְּשׁוּבָה טָאן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נָאךְ גֵיין נָאךְ דִיא דָאזִיגֶע רֵייד פוּן יֵצֶר הָרָע אִיז דָאךְ דִיא זִינְד פוּן דֶעם זֵייעֶר גְרוֹים. דָאס קוּמְט דֶער אַנְדֶער פָּסוּק פוּן דֶער מְסוּרָה אוּנ פַאר זָאגְט אוּנְז אַזוֹ אל תאמר לרעךְ דוּא זָאלְסְט נִיט זָאגִין צוּא דַיין גִיזֶעלִין דָאס אִיז הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וִויא דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט. לךְ ושוב ומחר אתן גֵייא הַיינְט אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארִין אַוֶועק אוּנ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וֶועסְטוּ זִיךְ צוּא מִיר צוּרִיק אוּם קֶערִין טָאר דָאס אֵיין מֶענְטְשׁ נִיט קְלֶערִין וִויא דִיא חֲכָמִים זָאגִין אִין אבות ואם לא עכשיו איכתי אַז דוּא וֶועסְט הַיינְט קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט טָאן וֶוען דֶען וֶועסְטוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טָאן אַזוֹי וִויא עֶס זָאגְט אוּנְז דֶער דְרִיטֶער פָּסוּק פוּן דֶער מְסוֹרָה ומחר אתה ובניךְ עמי אַז מָארְגֶען קֶענְסְטוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זַיין מִיט מִיר דָס הֵייסְט דוּ קֶענְסְט דָאךְ שְׁטַארְבֶּן חַס וְשָׁלוֹם וָואס דָארְטִין וֶועסְטוּ שׁוֹין קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט קֶענֶען טָאן אָדֶער דֶער פָּסוּק וַוייזְט אוֹיף דֶעם אַז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זַיין נָאהֶענְט צוּא הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט עֶר אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער זַיין אִין דֶער מְחִיצָה פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ אוּנ אֵיין מֶענְטְשׁ קֶען נִיט זָאגֶען דִיא יוּנְגֶע יָארֶען מַיינֶע וֶועל אִיךְ פַאר בְּרֶענְגֶען אִין תַּאֲווֹת אוּנ אִין מַיינֶע אַלְטֶע יָארִין וֶועל אִיךְ וֶוערִין פְרוּם אוּנ טָאן תְּשׁוּבָה הַיינְט טָאמֶער בִּיסְטוּ אוּנ דִי וֶועלְט הֶעלְפְט זַכַּאי אוּנ הֶעלְפְט חַיָיב אוּנ אַז דוּא וֶועסְט טָאן אֵיין עֲבֵירָה וֶועסְטוּ דָאךְ מַכְרִיעַ זַיין דִיךְ אוּנ דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט

לכף

דְבֵּק חוּבָה אונ עֶס קֶען דָאךְ דוּרךְ דֶעם אַז קוּמֶען דִיא גְרֶעסְטֶע צָרוֹת אויף דִיר אונ אויף דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט דָאס אִיז מְרַמֵז דֶער פֶּערְטֶער פָּסוּק פוּן דֶער מְסוֹרָה ומחר אל כל עדת ישראל יקצוף אִיז טַייטְשׁ אַז מָארְגִין קֶען הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ אִיבֶּער בַּיין אֵיין עֲבֵירָה צָארֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם אויף גַאנְץ יִשְׂרָאֵל קוּמְט צוּא גֵיין דֶער פִינְפְטֶער פָּסוּק פוּן דֶער מְסוֹרָה אונ לֶערִינְט אוּנְז אַזוֹ שב בזה גם היום ומחר דָאס הֵייסְט טוּא תְּשׁוּבָה הַיינְט אונ נִיט וַוארְט אויף מָארְגֶען אונ דֶער זֶעקְסְטֶער פָּסוּק פוּן דֶער מְסוֹרָה לֶערִינְט אוּנְז וקדשתם היום ומחר וכבסו שמלותם דָאס הֵייסְט דוּא זָאלְסְט זֵייא הֵיילִיגֶען הַיינְט אונ מָארְגִין אויךְ אונ זֵייא זָאלִין וַואשִׁין זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ בּוֹחֵר זַיין דִיא דְרָכִים פוּן דִיא בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וְויא מִיר הָאבִּין אוֹיבִּין גִירֶעט :

אונ אוֹיבּ אֵיין מֶענְטְשׁ וֶועט וֶועלִין פְרֶעגִין וָואס אִיז דִיא פְּעוּלָה פוּן זַיין וִידּוּי וָואס עֶר זָאגְט יוֹם כִּפּוּר גִיפִינֶען מִיר אִין מֶדְרָשׁ אויף דֶער תְּפִלָּה פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וָואס עֶר הָאט תְּפִלָּה גִיטָאן נָאךְ דֶער מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם עֵגֶל וָואס דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גִימַאכְט אִין דֶער מִדְבָּר אַזוֹ . שנים עמדו כנגד מדת הַדִין והאחד משה אִיז טַייטְשׁ אַז צְווייא מֶענְטְשִׁין הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אַנְטְקֶעגִין דֶעם מִדַת הַדִין אונ אֵיינֶער אִיז משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁנֶאֱמַר וְויא אִין פָּסוּק גִיפִינֶען מִיר לולי משה בחירו עמד בפרץ לפניו וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ דֶער אוים דֶער וַוייקֶטֶער פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ וָואלְט זִיךְ נִיט שְׁטֶעלִין אִין דֶער צֵייט פוּן צוּא בְּרֶעכוּנְג פַּר אִים זָאגְט אויף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ עמד במקום הפורץ שדחה את השטן ועמד במקומו דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אויף דֶעם אָרְט פוּן דֶעם צוּא בְּרֶעכֶער עֶר הָאט אָפּ גִישְׁטוּיסֶען דֶעם שָׂטָן אונ הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אויף זַיין אָרְט וכיון שאמר משה אונ בַּאלְד וְויא משֶׁה הָאט גִיזָאגְט אנא חטא העם הזה חטאה גדולה אִיךְ בֶּעט דִיךְ גָאט בָּרוּךְ הוּא דָאס פָאלְק הָאבִּין גִיזִינְדִיגְט אֵיין גְרוֹיסֶע זִינְד נסתלקו כל המקטרגים ואמרו זַיינֶען בַּאלְד אַלֶע מְקַטְרְגִים פוּן יִשְׂרָאֵל אָפּ גִיטָאן גִיוָוארִין אונ הָאבִּין אַזוֹ גִיזָאגְט מה לנו לקטרג

וואס

וואס דארפין מיר מקטרג זיין מוטב שיקטרג משה בעצמו עס איז בעסער אז משה אליין זאל מקטרג זיין או: דאס ממש איז מיט אלע וואס זיינען זיך מתודה אליין אויף זייערע עבירות ווערט דורך דעם פאר שטאפט דיא מייליער פון אלע זיינע מקטרגים ווארום זייא זאגין וואס דארפין מיר אויף אים מקטרג זיין ער אליין זאגט דאך אויף זיך אויס אלע זיינע מעשים וואס ער האט גיטאן. אונ איין מענטש זאל זיך ניט שרעקין פאר זיין ווידוי צוא קלערין אז ער איז דאך אויף זיך אליינט מקטרג הייגט וואס איז דער רוח וואס ער וועט האבין פון זיין ווידוי קומט דוד המלך עליו השלום אונ זאגט אונז אין תהלים אזו סורו ממני כל פועלי און כי שמע ה' קול בכיי קערט זיך אפ פון מיר איר אלע מקטריגים וואס איר טוט אומרעכט ווארום השם יתברך האט צוא גיהערט דעם קול פון מיין גיוויין קענען מיר דר פון פאר שטייט אז עס איז איין גרויסר צו ווישין שייד אז איין מענטש דער ציילט זיינע מעשים פאר השם יתברך אונ אז דיא מקטרגים דער ציילען זיינע מעשים פאר השם יתברך ווארום יעדער מאמר [illegible]ען דאך דער ציילט ווערין מיט אנדערע תנועות אונ עס איז דאך ניט גלייך אז דר מענטש דר ציילט אליין זיינע מעשים אונ וויינט זייער שטארק אין דר צייט אונ קלאגט פאר השם יתברך אויף זיינע עבירות אונ האט אויף זייא חרטה מיט זיין גאנצין הארצין וועט ער מרויח זיין אז השם יתברך וועט אים גיוויס מוחל זיין אונ אלע זיינע מקטרגים וועלין פון אים אפ טרעטין אזו ווי דוד המלך ע"ה האט גיזאגט סורו ממני כל פועלי און קער זיך אפ פון מיר דו שטן וועם דוא טוכסט אום רעכט אזו וויא דיא חכמים זאגין אויף אים הוא השטן הוא היצר הרע הוא המלאך המות דס הייסט ער איז דר שטן אונ ער איז דער יצר הרע אונ ער איז דער מלאך המות ווארום פריער רעט ער אן דעם מענטשין צוא טאן איין עבירה דער נאך גייט ער אונ איז מקטרג אויף דעם מענטשין פאר השם יתברך אונ דער נאך גענמט ער צוא דיא נשמה ביא דעם מענטשין דעריבער רופט אים דוד המלך עליו השלום אן פועלי און ווארום ער טוט אום רעכט אונ זאגט ווייטער כי שמע ה' קול בכיי אונ השם יתברך וועט צוא

הערין דעם קול פון מיין געוויין אונ דאס איז געוועזן דיא עצה פון משה רבינו עליו השלום וואס ער האט אליין אן גיהויבין מקטרג צוא זיין אויף ישראל ווארום ער האט דאס גיזאגט מיט אנדערע תנועות ניט אזו וויא דער מקטרג וואלט זאגין חס ושלום. דער פון באדארף זיך יעדער מענטש אראפ נעמען איין מוסר ער זאל ניט ווארטין ביז וואנען דער מקטרג וועט חס ושלום מקטרג זיין איז גלייכער מען זאל זיך אליין מתודה זיין מיט איין צוא בראכענע הארץ אונ מען זאל ניט אפ חאפין דעם ווידוי וועט ער חס ושלום השם יתברך נאך מער מכעים זיין וויא ישעיה הנביא עליו השלום האט גיזאגט הכרת פניהם ענתה בם וחטאתם כסדום הגידו זייער גיזיכט זאגט אויף זייא עדות אונ זייערע זינד טוען זייא זאגין אז וויא דיא לייט פון סדום. ירמיה הנביא עליו השלום האט גיזאגט אוי לנו כי פנה יום כי ינטו צללי ערב ווייא צוא אונז אז דער טאג קערט זיך אפ אז עס טוט זיך אפ קערין דיא שאטינס פון אבינד דיא מליצה קען מען זאגין אין וואסער אופן מיר האלטין אין דיא טעג פון ימים נוראים קען מען זאגין א משל אזו וויא איינער זיצט אין תפיסה איז דער שטייגער אזו וויא עס קומט ימים נוראים נעמט מען אים ארויס אויף ערבות איז דיא גאנצע צייט וואס ער איז אין שול מיט אלעמען גלייך פאר געסט ער אויף דער תפיסה וויא עס קומט נאך נעילה וויא ער דער הערט דיא תקיעה גדולה ווערט ער זייער פאר ציטערט אונ הייבט אן צוא קלאגין אונ צוא וויינען אז ער דער מאנט זיך אז ער דארף באלד ווייטער אוועק גיין אין תפיסה. דער נמשל איז דיא נשמה הקדושה פון מענטשין זיצט אגאנץ יאר אין תפיסה אין דעם פינצטערין גוף מען זעט נאר נאך געבין דיא עניני הגוף אונ מען קוקט ווייניג אויף עניני הנפש אונ וויא עס קומט דיא הייליגע טעג אז יעדער מענטש הייבט אן אביסיל צוא זעהען דיא נשמה מיט מצות אונ מעשים טובים מיט תורה אונ תפלה יעדערער מענטש נאך זיין ערך נאך אונ וויא עס קומט מוצאי יום כפור הייבט אן דיא נשמה הקדושה צו קלאגין אונ צוא וויינען אוי לנו כי פנה יום כי ינטו צללי ערב. שלמה המלך עליו השלום האט גיזאגט

אין

אִין קֹהֶלֶת שְׂמַח בחור בילדותך וכו׳ ודע בי על כל אלה יביאך האלהים במשפט דָאס הֵייסְט פְרֵייא דִיךְ יוּנְגֶער מַאן אִין דַיין יוּגִינְט אוּנ טוּא וָואס דַיין הַארְץ גִילוּסְט אוּנ זֵייא וִויסֶען אַז אוֹיף דִיא אַלֶע זַאכִין וֶועט דִיךְ גָאט בְּרֶענְגֶען צוּם מִשְׁפָּט זָאגְט דִיא גְמָרָא בִּיז ודע אִיז דִיא רֵייד פוּן יֵצֶר הָרָע אוּנ וַוייטֶער אִיז דִיא רֵייד פוּן יֵצֶר טוֹב אִיז דָאךְ קָשֶׁה אַז אֵיין פָּסוּק זָאל מֶען צוּא טֵיילִין אוֹיף הַאלְבּ קֶען מֶען דָאס אַיין שְׁטֶעלִין מִיט אֵיין מָשָׁל אֵיין אָרוּמַאן אִיז אַמָאל גִיקוּמֶען אִין אֵיין פְרֶעמְדֶע שְׁטָאט הָאט אִים בַּאגֶעגִינְט אֵיין רֶץ הָאט עֶר אִים גִיגֶעבִּין שָׁלוֹם אוּנ הָאט בַּייא אִים פַאנַאנְדֶער גִיפְרֶעגְט זַיין מַעֲמָד הָאט דֶער אָרִימַאן אָן גִיהוֹיבִּין פַאר אִים צוּ וַוייגֶען. אוּנ הָאט אִים גִיזָאגְט מַיין לִיבֶּער פְרַיינְד שׁוֹין פוּן עֶטְלִיכֶע טֶעג אַז אִיךְ גֵייא אַרוּם אוּנ אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג אוּנ הָאבּ נִיט וָואס צוּא עֶסִין זָאגְט צוּ אִים דֶער רֶץ קוּם מִיט מִיר אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען פִיל דַיין הַארְץ גִילוּסְט אוּנ הָאט אִים אַרַיין גִיפִירְט אִין אֵיין אַכְסַנְיָא אוּנ הָאט גִיהֵייסִין גֶעבִּין וָואס זַיין הַארְץ וֶועט גִילוּסְטִין הָאט דֶער אָרוּמַאן דָארְטִין פַאר בְּרַאכְט פִיל טֶעג אִין אַצַייט אַרוּם הָאט עֶר גִיוָואלְט אָפּ רֵייזִין אַהֵיים הָאט דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא דֶער הַאלְטִין זַיין פֶּעקִיל כְּדֵי עֶר׳ זָאל אִים בַּאצָאלִין וָואס עֶר הָאט אָן גִיגֶעסִין אוּנ אָן גִיטְרוּנְקֶען אִיז עֶר אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ מִיט אֵיין צוּא בְּרָאכֶענֶע הַארְץ אוּנ מִיט גְרוֹיס גִיוֵויין הָאט אִים בַּאגֶעגִינְט דֶער זֶעלְבִּיגֶער רֶץ עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן אִין אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער אוּנ הָאט בַּייא אִים גִיפְרֶעגְט וָואס וֵויינְט עֶר הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה זָאגְט דֶער רֶץ צוּא אִים וִויא טוּסְטֶע אַזוֹ אֵיין נַארְהֵייט וִויא הָאסְטוּ נִיט פַאר שְׁטַאנֶען אַז יֶענֶער הָאט פוּן דִיר שְׁפָּאט גִיטְרִיבֶּען נָאר אִיצְט וֶועל אִיךְ דִיר אֵיין עֵצָה גֶעבִּין דַיין פֶּעקִיל הָאסְטוּ נִיט מִיט וָואס אַרוֹיס צוּא נֶעמֶען גֵייא עֶס אוּנ טְרִינְק נָאךְ אָן בִּיז דִיא וֶוערְטֶקֵייט פוּן דֶעם גַאנְצִין פֶּעקִיל. אַזוֹ אִיז דֶער עִנְיָן מִיטִין יֵצֶר הָרָע אִין דִיא יוּנְגֶע יָארִין קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע צוּם מֶענְטְשִׁין אוּנ רֶעט אִים אָן עֶר זָאל זִינְדִיגֶען אוּנ זָאל נָאךְ גֵיין נָאךְ תַּעֲנוּגֵי הָעוֹלָם הַזֶה אוּם

זוכט נאָך דעם אַז עס קומט אויף דער עלטער אַז דער מענטש זעהט זיך אַרום אַז ער וועט באַדאַרפען אָפּ געבען דין וְחֶשְׁבּוֹן אויף זיינע מַעֲשִׂים וויל ער טאָן תְּשׁוּבָה און מַעֲשִׂים טוֹבִים קומט צו אים דער יֵצֶר הָרָע און פאַר שטעלט זיך פאַר איין יֵצֶר טוֹב און זאָגט צוא אים וויא אַזוֹ. האָסטו זיך גילאָזט איין ריידין אַז איין מענטש קאָן טאָן אויף דער וועלט וואָס ער וויל דוא זאָלסט וויסען אַז דוא וועסט גיוויס באַדאַרפען גישטראָפט ווערין פאַר דיינע מַעֲשִׂים און אֲפִילוּ דוא וועסט פאַר ברענגען אין תְּשׁוּבָה הונדערט יאָר וועסטו אויך ניט קענען מְתַקֵּן זיין דאָס וואָס דוא האָסט ביז אַהער מְקַלְקֵל גיוועזען און מאַכט אויף אים שווער דיא תְּשׁוּבָה עַל כָּל פָּנִים אַז דוא קענסט שוין ניט פאַר ריכטין זאָלסטו חאָטשע זעהען ניט צוא פאַר דאַרבין זיך פון האָבען ווייטער הֲנָאָה פון דער וועלט. דאָס זאָגט דיא גְמָרָא ביז וְדַע איז דיא רייד פון יֵצֶר הָרָע און פון וְדַע אָן איז דיא רייד פון יֵצֶר טוֹב דְהַיְינוּ דער יֵצֶר הָרָע פאַר שטעלט זיך פאַר איין יֵצֶר טוֹב און מאַכט אויף אים שווער דיא תְּשׁוּבָה אָבער אין אֱמֶת'ן איז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְקַבֵּל דיא תְּשׁוּבָה פון דיא רְשָׁעִים וויא דיא גְמָרָא זאָגט יש קונה עולמו בשעה אחת מיט איין שָׁעָה תְּשׁוּבָה וויא גיהעריג אין קען מען מְתַקֵּן זיין וואָס מען האָט מְקַלְקֵל גיוועזען אין דעם גאַנצען לעבין און מען קען קומען לְעוֹלָם הַבָּא:

עס איז פאַר האַנדין איין מְסוֹרָה דְרייא מאָל גיפינט זיך אין תַּנַ"ךְ דער וואָרט אֶתְהַלֵּךְ. אין תְּהִלִּים שטייט למה קודר אתהלך בלחץ אויב עס איז טייטש וואָרום גייא איך אַרום פאַר שוואַרצט דורך דיא באַצווינגונג פון דעם פיינד ווידער שטייט אין תְּהִלִּים אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי דאָס הייסט איך וועל גיין מיט דיא גאַנצקייט פון מיין האַרצין צווישין מיין הויז גיזינד נאָך איין פָּסוּק גיפינט זיך אין תְּהִלִּים אתהלך לפני ה' בארצות החיים דאָס הייסט איך וועל גיין פאַר גאָט אין דער לעבינדיגער לאַנד קען מען צוא נויף ציען דיא אַלע פְּסוּקִים מיט איין מָשָׁל אַמאָל איז גיוועזען איין דוכוס האָט ער גיהאַט איין בַּת יְחִידָה און אַז עס

אִיז גִיקוּמֶן דִי צַייט אִיר חֲתוּנָה צוּא מַאכִין הָאבִּין שַׁדְכָנִים אִיר אָן גִיהוֹיבִּין צוּא רֵיידִין שִׁידוּכִים אוּנ אוֹיף יֶעדֶערִין חָתָן הָאט זִיא גִיזָאגְט אֵיין חִסָרוֹן דֶער אִיז אַרֶעבְתָּן דֶער אִיז אֵיין שִׁיכּוֹר הָאט זִיךְ דֶער דוּכּוּס מְיַישֵׁב גִיוֶוען אַז דֶער וָואס וֶועט פְרֶייֶער אַרַיין אִין שְׁטוּבּ זָאל עֶר אִיר נֶעמֶען פַאר אֵיין וַוייבּ וִויא עֶס אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף מָארְגִין אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אֵיין דָארְף מַאן הָאט דֶער דוּכּוּס אִים זִיא אַוֶועק גִיגֶעבִּין פַאר אֵיין וַוייבּ אוּנ עֶר הָאט אִיר אוּיס גִיגֶעבִּין פוּן זִיךְ וִויא דֶער דָארְף מַאן הָאט אִיר גִינוּמֶען צוּא זִיךְ אַהֵיים הָאט זַיין מוּטֶער אָן גִיהוֹיבִּין מִיט אִיר צוּא טָאן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט דִיא אַרְבֶּעט פוּן דָארְף לַייט בִּיז וַואנֶען זִיא הָאט גִישְׁרִיבֶּען אֵיין בְּרִיף צוּא אִיר פָאטֶער אוּנ הָאט אִים אוּיס גִישְׁרִיבֶּען אִיר בִּיטֶער הַארְץ הָאט דֶער פָאטֶער אִיר אָפּ גִישְׁרִיבֶּען אַז אִין אֵיין עֶרֶךְ פוּן פֶערְצִיג טֶעג וֶועט עֶר קוּמֶען צוּא אִיר וִויא דִיא הוֹיז לַייט הָאבִּין דָאס דֶערְהֶערְט הָאבִּין זַייא זִיךְ זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין אוּנ הָאבִּין צוּא גִיקְלִיבִּין דִיא שְׁטוּבּ אוּנ הָאבִּין צוּא גִיצִירְט דִיא דוּכֶּסֶת אוּנ הָאבִּין אִיר גִיגֶעבִּין גְרוֹיס כִּבוֹד אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם זֶענֶען אָן גִיקוּמֶען דִיא שָׂרֵי הַדוּכּוּס הָאבִּין דִיא דָארְף לַייט זַייא מְקַבֵּל גִיוֶוען בְּכָבוֹד גָדוֹל דֶער נָאךְ הָאט זִיךְ דֶער הֶערְט אַז דֶער דוּכּוּס פָארְט אָן זֶענֶען אַלֶע אַרוֹיס אַנְטְקֶעגִין אִים מִיט גְרוֹיס פַארַאד אוּנ דֶער דוּכּוּס הָאט גִיזֶעהֶען דֶעם כָּבוֹד פוּן זַיין טָאכְטֶער הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גִיפְרֵייט אוּנ הָאט מְקַבֵּל נַחַת גִיוֶוען לְסוֹף אַז עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִיא צַייט אַז דֶער מַלְכוּת הָאט גִידַארְפְט אָפּ פָארִין אַהֵיים אִיז דִיא טָאכְטֶער אִים אַרוֹיס גִיפַאלִין אוֹיפִין הַאלְז אוּנ הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּא וַויינֶען אוּנ קְלָאגִין לִיבֶּער פָאטֶער אִיךְ בִּין דָאךְ גִיוֶוען בַּייא דִיר זֵייעֶר טַייעֶר וִויא לָאסְטוּ מִיךְ הָט הֶר פָאטֶר צוּ אִיר גִיזָאגְט וָואס פֶעלְט דִיר דָא וִוי אִיךְ קוּק אָן אִיז דִיר דָא זֵייעֶר גוּט הָאט זִיא גִיעֶנְפֶערְט לִיבֶּער פָאטֶער זַייא וִויסֶען אַז דָאס וָואס דוּא זֶעהְסְט מַיין כָּבוֹד אִיז נָאר אִיצְט זִינְד מֶען הָאט דֶער הֶערְט אַז דוּא פָארְסְט אָן אוּנ דָאס וֵוייס אִיךְ וִויא עֶס אִיז מִיר גִיוֶוען בִּיז אַהֶער אוּנ וִויא עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער וִויא דוּא וֶועסְט נָאר אָפּ רֵייזִין וֶועט מֶען מִיר הֵייסִין וַוייטֶער טָאן

גְרָאבֶּע מְלָאכוֹת אַזֶעלְכֶע מְלָאכוֹת וָואס פַאר מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער הָאט דֶער רוֹכֶם גִיזָאגְט צוּא זַיין אֵיידִים וִויא פַאר שְׁטֵייסְטוּ נִיט אַז זִיא אִיז אֵיין דוֹכֶסֶת הַיינְט וְויא טוּסְטוּ זִיךְ מִיט אִיר אַזוֹ שְׁלֶעכְט נוֹהֵג זַיין הָאט דֶער אֵיידִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן גִיהוֹיבִּין צוּא וֵויינֶען אוּנ הָאט גִיזָאגְט לִיבֶּער שְׁוֶוער אִיךְ פַאר שְׁטֵייא גַאנְץ גוּט אַז אִיךְ דַארְף אִיר הַאלְטִין בְּכָבוֹד גָדוֹל אוּנ וְויא מֶען דַארְף זִיךְ מִיט אִיר נוֹהֵג זַיין נָאר אִין דֶער צַייט וָואס דוּא הָאסְט מִיךְ גִינוּמֶען פַאר אֵיין אֵיידֶעם הָאבּ אִיךְ גִיקְלֶערְט מִן הַסְּתָם וֵויסְט אִיר פוּן מַיין אָרִימְקֵייט וֶועט אִיר מִיר גֶעבִּין אַמַתָּנָה אִיךְ זָאל הָאבִּין פוּן וָואס צוּא דֶער נֶערִין זִיךְ אוּנ דִיא אֵיידֶעלֶע טָאכְטֶער צוּא הַאלְטִין בְּכָבוֹד וְויא עֶס פַּאסְט פַאר אִיר. דֶער נִמְשָׁל אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גִיוָואלְט גֶעבִּין דִיא תּוֹרָה צוּא אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט דִיא תּוֹרָה נִיט גִיוָואלְט וַוייל עֶר הָאט גִיגֶעסִין פוּן דֶעם עֵץ הַדַעַת צוּ נֹחַ הָאט זִיא אוֹיךְ נִיט גִיוָואלְט וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין שִׁיכּוֹר וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וישת מן היין וישכר בִּיז וַואנֶען עֶר הָאט אוּנְז אַוֶועק גִיגֶעבִּין דִיא תּוֹרָה. אִיז אַגַאנְץ יָאר זֶענֶען מִיר בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים מְזַלְזֵל אִין דֶעם כְּבוֹד הַתּוֹרָה אוּנ דִיא תּוֹרָה קְלָאגְט זִיךְ אוֹיף אוּנְז צוּם פָאטֶער דָאס אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְויא דֶער תַּנָא זָאגְט אִין אבות בכל יום ויום בת קול יוצאת ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה. אוּנ וְויא עֶס קוּמְט רֹאשׁ חוֹדֶש אֱלוּל אוּנ מֶען הֵייבְּט אָן צוּא בְּלָאזִין שׁוֹפָר דָאס אִיז אֵיין בַּאוַוייז אַז הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כִּבְיָכוֹל מִיט זַיין פַּמַלְיָא פָארְט אָן פַּאלְט אוֹיף אוּנְז אֵיין מוֹרָא וָפַחַד אוּנ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַאר בֶּעסֶערְט זִיךְ אִין תּוֹרָה אוּנ תְּפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וּצְדָקוֹת וּגְמִילוּת חֲסָדִים וְויא עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה אוּנ זֶעהֶען דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה דָאס הֵייסְט דִיא תּוֹרָה אִיז זֵייא זֵייעֶר גִיפֶעלִין אוּנ וְויא עֶס קוּמְט יוֹם כִּפּוּר קוּמְט כִּבְיָכוֹל הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין אוּנ עֶר זֶעהְט זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל זֵייא זֶענֶען גִיגְלִיכִין צוּא מַלְאָכִים אָן גִיטָאן אִין וַוייסֶען אוּנ שְׁטֵייעֶן אֵיין מֵעֵת לְעֵת אוֹיף דִיא פִים בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה אִיז הקב״ה מְקַבֵּל נַחַת פוּן אוּנְז אָבֶּער

ווִיא

וויא עס קומט נאך נעילה וואס דענסטמאל טוט זיך אפ דיא שכינה הייבט אן דיא תורה זייער שטארק צוא קלאגין אונ וויינען מיין ליבער פאטער ביא וואס לאזט מיך בד״ד ועלין זיא פון מיר אפ טאן דיא טייערע צירונג דאס מיינט מען דיא יראה אונ דיא דבקות אין מעשים טובים אונ אז השם יתברך זאל אויף אונז קיין פאר איביל ניט האבין . האבין מיר אהתנצלות . רבונו של עולם דוא ווייסט אז מיר זענען גישט מער וויא מענטשין אונ מיר זענען זייער ארום אונ יעדער מענטש דארף זוכען זיין פרנסה בעטין מיר דיך יבחר לנו את נחלתנו ברענג אונז אריין צוא אונזער לאנד אונ דארטין וועלין מיר קענען עוסק זיין אתורה ובעבודה וויא גיהעריג איז וואורום כל זמן מיר זענען אין גלות זענען מיר שטענדיג טרוד אין עניני הגוף וויא דער פייטן זאגט לילה לא ישכב יומם לא ינוח עד ירדם בקבר דאס הייסט אמענטש זיין גאנצין לעבין קען גיט ניט שלאפין . קיין טאג איז ער ניט רואיג ביז וואנען ער ווערט הארט אנטשלאפין אין קבר . אונ ווידער זאגט דער פייטן אדם יסודו מעפר וסופו לעפר בנפשו יביא לחמו דאס הייסט דער מענטש איז באשאפן פון ערד אונ דארף אוועק גיין אין ערד מיט זיין נפש ברענגט ער זיין ברויט דער מענטש ברויכט מפרנס זיין דעם גוף מיטין נפש דער גוף וואס ער קומט ארוים פון ערד בדארף מען אים שפייזין מיט עסין אונ טרינקען וואס דאס קומט ארוים פון ערד אונ דיא נשמה וואס איז פון עולם העליון דארף זיא גישפייזט ווערין פון הימיל ברויט דאס מיינט מען מיט תורה ומצות אונ דיא פרנסה פון גוף קומט דורך דיא מאטעריעש פון גוף אונ דיא פרנסה פון דער נשמה דארף מען זיך מידען מיטין שכל אונ חכמה וואס קומט פון דער נשמה דאס איז אלץ גיוועזן אז מיר זענען גיוועזן אין ארץ ישראל האט דער גוף גידארעוועט אויף עניני הגוף אונ דער נפש אויף עניני הנפש אבער איצט אין גלות אז דיא פרנסת הגוף איז זייער שווער איז דעם שכל אונ חכמה מוז מען בענוצין צוא עניני הגוף צוא זוכען פרנסה ווערט פאר שטאפט דער שכל צוא תורה ומצות דעריבער האט מען אויף אונז גיזאגט שכורת

וּלא מיין דָאס הֵייסְט מִיר זָעגֶען שִׁכּוֹר אוּנ נִיט סוּן וַויין נָאר פוּן דַאֲגַת הַפַּרְנָסָה דָאס מֵיינְט דֶער פַּיְיטָן אדם יסודו מעפר דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נִיט מֶער וִויא אֵיין אוֹרַח אוֹיף דֶער וֶועלְט וסופו לעפר אוּנ עֶר דַארְף קָארִיק אַוֶועק גֵיין אִין עֶרְד אוּנ דֶער נֶפֶשׁ אִיז דָאךְ אֵיין אֵייבִּיגֶע אוּנ עֶס רָאזְט זִיךְ אוֹים אַז בנפשו יביא לחמו אַז דֶער נֶפֶשׁ דַארְף בַּאדִינֶען דֶעם גוּף. נָאר דֶער כְּלַל אִיז דָאס וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אוּנְז אִיבֶּער גִיעֶנְטְפֶערְט אִין גָלוּת אִיז נִישְׁט מֶער כְּדֵי מִיר זָאלִין גוּט אוּנ פְּרוּם וֶוערִין דָאס מֵיינְט דִיא מְסוֹרָה לְמה קודר אתהלך בלחץ אויב בֶּעטִין דִיא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל פַאר וָואס זָאלִין מִיר גֵיין טַאר שְׁוַוארְצְטֶער הֵייט מִיט דִיא בַּאצְווִינְגֶענִישׁ פוּן דִיא צָרוֹת זֵייא זָאלִין מִיךְ גוּט מַאכִין אוּנ פְּרוּם גְלַייכֶער אִיז אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי מִיר וָואלְטִין גֵיין מִיט אֵיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּא הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אִין מַיין הויז אוּנ וִויא אִיז דָאס אתהלך לפני ה׳ בארצות החיים אַז אִיךְ וֶועל גֵיין פַאר גָאט אִין דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער לַאנְד דָאס דֶענְקְט מֶען אַז מִיר וֶועלִין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָארְטִין וֶועלִין מִיר קֶענִין דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּנ עוֹסֵק זַיין בְּתוֹרָה וּמִצְוֹת פוּן גָאט. אוּנ וִוידֶער קֶען מֶען זָאגִין דֶעם בנפשו יביא להמו עַל דֶרֶךְ מָשָׁל אַמָאל הָאט אֵיין תַּלְמִיד חָכָם מִיט אֵיין בַּעַל הָעֲגָלָה גִימַאכְט שׁוּתְּפוּת דֶער בַּעַל הָעֲגָלָה זָאל מְפַרְנֵס זַיין דֶעם תַּלְמִיד חָכָם אוּנ דֶער פַאר זָאל עֶר בַּייא אִים הָאבִּין אֵיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא פוּן זַיין תּוֹרָה. אִין אֵיין צַייט אַרוּם הָאט דֶער בַּעַל עֲגָלָה גִיזָאגְט צוּם תַּלְמִיד חָכָם לָאמִיר זִיךְ בַּייטִין דוּא פָאר אִין וֶועג אוּנ אִיךְ וֶועל זִיךְ זִיצֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז גִיוָוארִין אַגִילֶעכְטֶער בַּייא אַלֶע לַייטִין וִויא קֶען דֶער מַצְלִיחַ זַיין אִין וֶועג אוּנ דֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אַזוֹי אִיז דֶער עִנְיָן אִין עִנְיָנִים פוּן גוּף מִיטֶען נֶפֶשׁ דֶער גוּף דַארְף נָאךְ זוּכֶען אוּנ מִיהֶען זִיךְ אִין עִנְיְנֵי הַגוּף אוּנ דֶער נֶפֶשׁ דַארְף זַיין אַרַיין גְלֵייגְט אִין הֵיילִיגֶע רַעֲיוֹנוֹת אִין תּוֹרָה אוּנ תְּפִלָּה אוּנ אִיצְט אִיז בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים גָאר פַאר קֶערְט גִיוָוארִין דֶער גוּף שְׁטֵייט אוּנ דִיא מוֹיל דַאוֶוינְט אוּנ דֶער נֶפֶשׁ אִיז בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה פַאר טְרָאגִין אִין עִנְיְנֵי פַּרְנָסָה אוּנ מַחֲשָׁבוֹת

זָרוֹת דָאס זָאגְט עֶר בנפשו יביא לחמו אִין אֶמֶתְ׳ן דַארְף דֶער גוּף זוֹכֶען זַיין בְּרוֹיט אונ דֶער נֶפֶשׁ דַארְף זַיין דבוק כִּבְיָכוֹל צוּא הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ :

עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ וכי ימוך אחיך הה״ד מלוה ה׳ חונן דל אמ״ר ר״א כתיב נותן לחם לכל בשר בא זה וחטף את המצוה אמר הקב״ה עלי לשלם גמולו הה״ד וגמולו ישלם לו דָאס הֵייסְט אַז אֵיינֶער גִיט צְדָקָה וֶועט אִים הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בַּאצָאלְ׳ן . ווִידֶער הָאט יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא גִיזָאגְט אם תשיב משבת רגליך עשות חפציך ביום קדשי וקראת לשבת עונג לקדוש ה׳ מכובד אז תתענג על ה׳ קען מֶען דָאס אָפּ טֵיילִין דוּרְךְ אַמָשָׁל אַמָאל אִיז גִיוֶועְן אַגְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר הָאט עֶר גִיהַאט אִין מֶרְחַקִּים צְוֵויא זִין אֵיינֶער אִיז גִיוֶועְן רַייךְ אונ דֶער אַנְדֶערֶער אָרֶעם אונ דִיא זִין הָאבִין נִיט גִיזֶעהְן דֶעם פָאטֶער אֵיין לַאנְגֶע צֵייט אַמָאל אִיז צָן גִיקוּמֶען צוּא זֵייא אַבְּרִיף פוּן פָאטֶער אַז עֶר דַארְף חֲתוּנָה מַאכִין אֵיין זִין בְּכֵן בֶּעט עֶר זַיין זִין דֶעם עוֹשֶׁר עֶר זָאל קוּמֶען מִיט זַיין בְּרוּדֶער אוֹיף דֶער חֲתוּנָה אונ עֶר זָאל נִיט זַאלֶעהֶען דִיא הוֹצָאוֹת וָואס עֶר וֶועט טָאן פַאר דֶעם כָּבוֹד פוּן פָאטֶער עֶר וֶועט אִים אַלְץ אוּם קֶערִין . וִויא דֶער זוּן הָאט מְקַבֵּל גִיוֶועְן דֶעם בְּרִיף הָאט עֶר זִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ אונ קִינְדֶער זֵייעֶר שֵׁיין בַּאקְלֵייט בְּמַלְבּוּשֵׁי כָבוֹד אונ אֵייְדֶער עֶר הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אִין וָואגִין אַוֶועק צוּא פָארִין הָאט עֶר זִיךְ דֶער מַאנְט אָן דֶעם אָרִימֶען בְּרִידֶער הָאט עֶר אִים גִישִׁיקְט רוּפֶען וִויא עֶר אִיז גִיקוּמֶען זָאגְט דֶער עוֹשֶׁר צוּם אָרִימַאן זֶעץ זִיךְ מִיר וֶועלִין פָארִין צוּא אוּנְזֶער פָאטֶער . זֵייא זֶענֶען אַוֶועק גִיפָארִין וִויא זֵייא זֶענֶען גִיקוּמֶען נָאהֶענְט פוּן שְׁטָאט פוּן פָאטֶער זֶענֶען אַנְטְקֶעגִין אַרוֹיס אַלֶע מְחוּתָּנִים מִיט כְּלֵי זְמָרִים זֵייא מְקַבֵּל פָּנִים צוּא זַיין אִיז אַפְרִיעֶר אַרָאפּ פוּן פוּר דֶער עוֹשֶׁר מִיט זַיין וַוייבּ אונ קִינְדֶער אָן גִיקְלֵייט אִין שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער הָאבִין דִיא מְחוּתָּנִים גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז עֶר הָאט מֶען זֵייא גִיעֶנְטְפֶערְט דָאס אִיז דֶעם גְבִירְס ! אַזוֹי נָאךְ דֶעם אִיז אַרָאפּ דֶער אָרִימֶער בְּרוּדֶער אָפּ גִירִיסֶען בָּארְפִיס אונ נַאקֶעט הָאבֶּען זִיךְ יַעֶנֶע אָן גִיהוֹיבִּין צוּא וואוּנְדֶערִין אונ צוּא שָׁאקְלֶען מִיטֶען קָאפּ וִויא אַזוֹי זָאל אַבְּרוּדֶער

פוּן דֶעם אַנְדֶערִין בְּרוּדֶער אָפּ טָאן זַיין רַחֲמָנוּת אוּנ זָאל אִים לָאזֶען אַזוֹ פַאר אָרִימְט וֶוערִין . ווִיא עֶס אִיז גִיקוּמֶען נָאךְ דֶער תְּחוּנָה אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען דֶער זוּן דֶער עוֹשֶׁר צוּם פָאטֶער אָפּ זֶעגֶענֶען זִיךְ אוּנ צוּא בֶּעטִין עֶר זָאל אִים אוּם קֶערִין דִיא הוֹצָאוֹת וִויא עֶר הָאט אִים כַּבְטִיחַ גִיוֶועְן אוּנ דֶער פָאטֶער הָאט זִיךְ גִימַאכְט נִיט ווִיסִינְדִיג . זָאגְט עֶר צוּם פָאטֶער דוּא הָאסְט דָאךְ מִיר גִישְׁרִיבֶּען אַז דוּא וֶועסְט מִיר אוּם קֶערִין דִיא הוֹצָאוֹת זָאגְט צוּא אִים דֶער פָאטֶער וַוייז דֶעם בְּרִיף מֶען הָאט גִילֵייעֶנְט דֶעם בְּרִיף שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען אַז עֶר וֶועט אִים אוּם קֶערִין דִיא הוֹצָאוֹת וָואס עֶר וֶועט טָאן פוּן דֶעם פָאטֶערְס כָּבוֹד וֶועגִין הָאט צוּא אִים דֶער פָאטֶער גִיזָאגְט אַז דוּא וָואלְסְט בֶּאֱמֶת טָאן פוּן מַיין כָּבוֹד וֶועגִין פַאר וָואס הָאסְטוּ זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער שֵׁיין אוּיס גִיקְלֵייד (פַאר נִיץ גִיזוּנְטֶער הֵייט) אָבֶּער וִויא הָאסְטוּ זִיךְ נִיט דֶער מַאנְט אוּנ וִויא הָאסְטוּ קֵיין חַס נִיט גִיהַאט אוּיף מַיין כָּבוֹד אוּנ דוּא הָאסְט מִיט גִינוּמֶען דַיין אָרֶעמֶען בְּרוּדֶער אָפּ גִירִיסֶען אָפּ גִישְׁלִיסֶען זֶעהְט מֶען דָאךְ אַז דוּא הָאסְט אַלְץ גִיטָאן פוּן דַיינֶעט וֶועגִין הָאסְטוּ בַּייא מִיר נִיט וָואס צוּא מָאנֶען . דֶער נִמְשָׁל אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט צוּא גִיזָאגְט אַז עֶר וֶועט אוּם קֶערִין דִיא הוֹצָאוֹת פוּן שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב וִויא דִיא גְּמָרָא זָאגְט כל מזונותיו של אדם קצובין לו מר״ה חוץ מהוצאות שבת ויו״ט אָבֶּער ווֶען אִיז דָאס אַז עֶר טוּט דָאס פוּן וֶועגִין דֶעם כָּבוֹד פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִויא אִיז אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ קְלֵייד זִיךְ אוּיס זֵייעֶר שֵׁיין אוּנ עֶסְט אוּנ טְרִינְקְט זֵייעֶר גוּט אוּנ זַיין בְּרוּדֶער דֶער אָרִימַאן הָאט נִיט אִיז וְואס אַרוּיס צוּא גֵיין אוּנ הָאט נִיט וָואס צוּא עֶסִין זֶעהְט מֶען דָאךְ אַז בַּייא דֶעם עוֹשֶׁר אִיז דָאס נִיט פוּן וֶועגִין דֶעם כָּבוֹד פוּן הַשי״ת נָאר פוּן זַיינֶעט וֶועגִין אַלֵיין הַיינְט וִויא קֶען עֶר בַּאגֶערִין בַּייא הקב״ה עֶר זָאל אִים אוּם קֶערִין דִיא הוֹצָאוֹת דָאס זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ מלוה ה׳ עֶס אִיז גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט פַאר לַייעֶן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חונן דל דֶער וָואס גִיט דֶעם אָרִימַאן וגמולו ישלם לו אוּנ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וֶועט אִים אָפּ גֶעבִּין אֲפִילוּ זַיין אֵייגֶענֶע הוֹצָאָה .

און דָאס הָאט יְשַׁעְיָהוּ הַנָבִיא גְיזָאגְט הלא פרוס לרעב לחמך כי תראה ערום וכסיתו אַז דוא וֶועסְט גֶעבִּין דֶעם הוּנְגֶערִיגֶען אָרֶעמַאן בְּרוֹיט אוּנ וֶועסְט אִים בַּאקְלֵיידִין ומבשרך לא תתעלם הַנֵם דוּא וֶועסְט פון זִיךְ אַלֵיין אויך נִיט פַּאר הוילִין דוּא וֶועסְט דִיר נָאךְ גֶעבִּין תַּעֲנוּגֵי הַגוּף אִיז דָאס אֵיין סִימָן אז תתענג על ה׳ אַז דוּא דוּא טוּסְט דָאס פוּן וֶועגִין דֶעם כָּבוֹד פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ׃

אמונת ישראל

הוא מעט הכמות ורב האיכות, מלא מוסר השכל ודעת לעורר לבבות על האמונה הטהורה, העבודה והתורה, בלישנא קלילא מבוארת, לשם ולתפארת, יהי' תמיד למזכרת, לעומדים על המשמרת, חיברו ויסדו איש ירא אלהים התורני והרבני המופלג כש"ת מוה' גדליהו ב"ר אברהם מאמשטרדם בעל המחבר באר התורה על החומש.

בו אסף וליקט לבאר י"ג יסודי דת ישראל. מחולקים לשלשה עמודים. **עמוד האמונה, עמוד העבודה, ועמוד התורה**, ובו כלל תורת ועבודה וגמ"ח ושאר מדות ומעלות. שצריך האדם בהם לעלות. ולמען זכות הרבים העתיקו המחבר ללשון אשכנז למען ילכו לאורו' המוני עם. וגם לחנך הבנים:

אין דיזין ספר ווערט ערקלערט דיא דרייצעהן יסודי הדת אום איין צוא פלאנצין אין יודישע הערצער דיא ריינע אמונה, בטחון, אהבה, יראה אונ גוטע זיטין, אונ מחמת זיינע גרויסע נוצליכקייט האט אים דער מחבר אליין איבער זעצט אויף דייטש בקדי אלע זאלין אים פאר שטיין, אונ ווער עס ווערט אים לייענען מיט אריינעם זינען, וועט אין אים פיל גוטעס גיפינען, ויזכה לרב טוב הצפון לצדיקים. אמן.

ווילנא

בהוצאות ובדפוס רי"ל נ"י, בהמחוקק מו"ה אליעזר ליפמאן מ"ץ ז"ל.
שנת תרנ"ז לפ"ק

ЭМУНАСЪ ІИСРАЕЛЬ.

Нравоученіе. Съ переводомъ на простор̂ѣчіе евр.
Соч. Г. Амстердамъ. Съ Вилен. изд. 1884 г. безъ изм.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ, д. № 1195/6 1897 г.

Дозволено цензурою 29 Декабря 1896 г. Вильна.

אמר המחבר ידיע להוי לכל מי שיעיין בספר הזה שכולם המה ממקרא ומשנה וגמרא וגדולי חכמי תורה ואני ח"ו לא עשיתי ספר זה לכבודי • כי ביד ה' לחלוק כבוד למי שראוי . ולא ח"ו בשביל כסף וזהב כי לי הכסף והזהב אמר ה' צבאות . פירש"י ובידי ליתן למי שארצה . רק אל אלקים ה' הוא יודע. לפניו נגלו כל תעלומות לבי. שכל ימי הייתי אוהב את הבריות ומקרבן לתורה וליראת ה' . וסהדי במרומים שדעתי ורצוני לזכות כל ישראל . ותמיד תפלתי להקב"ה שיטהר לב עמו ישראל שיכנסו דברי תורה ויראת ה' בלבם . על כן העמדתי זה הספר על שלש עשרה יסודי דת ישראל. שכל בני ישראל צריכין להאמין בלב שלם. וחלקתי לשלשה עמודים. עמוד האמונה . ועמוד העבודה . ועמוד התורה. וכללתי בו דברים מועילים מפוזרים בספרי גדולי חכמי ישראל המעוררים את הלב והמה האריכו בהרבה ראיות . ממקרא ומגמרא עד שהיה צריך לזה יותר

אמר האט גיזאגט דער מחבר מען זאל וויסען אז דיא רייד פון דעם ספר זיינען אלע רייד פון אונזער היילינע תורה אונ איך האב ח"ו דאס ספר ניט אום וועגין מיין כבוד גימאכט , דען אין גאטס האנד איז צו טיילן כבוד צו דעם וואס איז ראוי דער צו, אונ אויך ניט אום וועגין זילבער אונ גאלד דאס איז אין גאטס האנד צו געבין וועמן ער וויל , נייערט גאט וייס, פאר אים איז אנטפלעקט אלע פר הוילונג פון הארצין, דאס אלע מייני טעג וואר איך ליב האבין דיא מענשן אום זייא מקרב צו זיין צו תורה אונ צו גאטס פארכט , נון אין הימל איז מיין עדות דאס מיין ווילין איז מזכה צו זיין כל ישראל , אונ תמיד איז מיין תפלה צו הקב"ה דאס ער זאל ריינגן דיא הערצר פון זיין פאלק ישראל , דאס דיא רייד פון תורה אונ יראת ה' זאל זייא אין הארצין אריין גיין , דרום האב איך דאס ספר גישטעלט אויף דיא דרייצעהן גרונדין (עקרים) פון דיא תורה דאס כל ישראל מוזין גלויבין מיטן גאנצין הארצין , אונ איך האב זייא גטיילט אין דריי טייל , איין טייל פון דאס וואס מען מוז גלויבין , אונ איין טייל פון גאטס דינסט, אונ איין טייל פון תורה לערנן , אונ איך האב דא צו זאמין גיקליבן נוצליכע זאכין פון היילינע ספרים דיא דאס הערץ דער וועקין גאנץ קורץ אין דעם קליינים ספר, וייל איך האב גזעהן דאס הקב"ה האט ליב די וואס גלויבן איין וואהרע גלויבונג אן חקירות , אונ דיא בני ישראל זיינען גלויבער אונ קינדר פון גלויבער אונ דער צדיק פון וועגין זיין גלויבן וועט ער לעבין , דרום מיינע ליבע

ברידר

הקדמה

ממאה דפין. ואני כללתי כל הדברים בספר קטן בלי ראיות. לפי שראיתי תועלת גדול באמונה שאין הקב"ה אוהב אלא המאמין באמונה שלימה בלי חקירה ודרישה. ובני ישראל מאמינים בני מאמינים וצדיק באמונתו יחיה. על כן אחי ואחיותי בני ישראל. שמעו אלי ותחי נפשכם תחזרו ספר זה על כל פנים בכל שבוע. ותעיינו היטב שיהיו כל דברי ספר הזה מושרשים בלב ועל כן קראתי שם הספר הזה ספר אמונת ישראל. כי אקוה לה' שעל ידי הספר הזה יתחזק אדם באמונתו ויתעורר לתורה וליראה כל אחד כפי יכלתו. ואני לא כתבתי מדינים ומנהגים כי הרבה ספרים יש בלשון הקודש ובלע"ז המדברים מדינים ומנהגים. ואני לא כוונתי בזה הספר רק לעורר ולהשריש אמונת ישראל בלבם לאהבת ה' ולאהבת עמו ישראל ואם ימצא אחד מישראל שישוב אל ה' בכל לבבו על ידי הספר הזה. טוב לי מאלפי זהב וכסף. והאלהים יורינו דרך עבודתו ויישר לבבנו לרצונו ברחמיו הגדולים והמרובים עד אין סוף. אולי בזכות זה אמצא חן בעיניו וישלח מלאכו לפני להוליכני לארץ הקדושה. ולראות ערי יהודה וירושלים בבניינה עם כל ישראל אמן. ברוך ה' לעולם אמן ואמן:

כ"ד הקטן **גדליה** מלמד להועיל בעזה"י.

בְּרִידֶער הֶערְט מִיר צוּ דָאס אִיר זָאלְט לֶעבִּין. לֶערְנְט דָאס סֵפֶר עַל כָּל פָּנִים אַלֶע וָואךְ אוּנ בַּטְרַאכְט עָס גוּט דָאס אַלֶע דִיא רֵייד פוּן דָאס ספר זָאלֶען אַיין גִּוָוארְצֶלְט וָוערִין אִין אַייעֶר הֶערְץ, דְרוּם הָאבּ אִיךְ דֶעם נָאמֶן פוּן דָאס ספר גִיהֵייסֶן „אמונת ישראל" דֶען אִיךְ הָאף צוּ גָאט דָאס דוּרְךְ דָאס סֵפֶר וֶוערְט זִיךְ דֶער מֶענְש שְׁטַארְקִין אִין זַיין גְלוֹיבֶּן. אוּנ וֶועט זִיךְ דֶער וָועקִין צוּ תורה אוּנ יראת ה' אִיטְלִיכֶער נָאךְ זַיין מַאכְט אוּנ נָאךְ מֶער אַז זַיין מַאכְט אִיז, אוּנ אִיךְ הָאבּ אִין דָאס ספר נִיט גִישְׁטֶעלְט דינים ומנהגים דֶען עָס זַיינֶען פִיל ספרים לשון הקודש אוּנ אוֹיף טַייטְשׁ דִיא דָא רֵייבְּן פוּן דינים ומנהגים, דָאס ספר אִיז נָאר צוּא דֶער וָועקִין אוּנ אַיין צוּ וָוארְצְלֶן אִין הַארְץ דָאס גְלוֹיבֶּן פוּן ישראל אוּם וִוילֶן דִיא לִיבְּשַׁאפְט פוּן גָאט אוּנ דִיא לִיבְּשַׁאפְט פוּן זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אוּנ וָוען נָאר אֵיינֶער וֶוערְט זִיךְ פִינְדִין אוּנְטֶער יִשְׂרָאֵל דָאס עֶר וֶועט זִיךְ וִוידֶר קֶערִין צוּ גָאט דוּרְךְ דָאס ספר, אִיז מִיר לִיבֶּער אַלְס גָאלְד אוּנ זִילְבֶּר. אוּנ גָאט זָאל אוּנְז וַוייזֶען זַיין רֶעכְטֶע וֶועג, אוּנ זָאל אוּנְזֶר הַארְץ רֶעכְט פֶערְטִיגֶען צוּא זַיין וִוילֶען מִיט זַיינִי גְרוֹיסֶע פִיל דֶער בַּארִימְקַייט דִיא קֵיין עֶנְד הָאבֶּען, אמן:

עמוד האמונה

יסוד היסודות והעיקר הראשון להאמין באמונה שלמה שיש לעולם יחיד נמצא ואין עת אל מציאותו. והיסוד השני שהוא בורא אחד יחיד ומיוחד ואין אחדות כמו אחדותו בשום פנים. והיסוד השלישי שהוא אינו גוף ולא ישיגוהו מאורעות הגופים כמו התנועה והמנוחה וכדומה וכל מה שבא בכתבי קודש יד ה׳ עיני ה׳ פי ה׳ הליכה וישיבה וכדומה. שהם מאורעות לגופים הכל דברה תורה כלשון בני אדם. ויש בדברים כאלה סודות נפלאים על מה מורות מדות כאלה. כי אצל הש״י אין לצייר שום תבנית או תמונה כמ״ש כי לא ראיתם כל תמונה. והיסוד הד׳ שהוא קדמון לכל הנמצאים כי ממנו נמצא הכל וממנו קיומם. והוא רב ושליט עקרא ושרשא דכל עלמין. והוא עילת כל העילות וסיבת כל הסיבות ועל זה נאמר אין עוד מלבדו. וכל המלאכים והגלגלים והמזלות וכל מה שלמעלה ומלמטה ובארבע רוחות העולם. כולם נמצאים ממנו ואין ראשית לראשיתו. וזהו שאמר ואין עת אל מציאותו ואין תכלית לתכליתו. ואם יעלה על הלב

דֶער גְרוּנְד פוּן אַלֵי יְסוֹדוֹת אוּנ דֶער עֶרְשְׁטֶר וָואְרְצִיל וָואס אַלֶעס הֶענְגְט אָן דֶערְאָן, צוּ גְלוֹיבְּן דָאס אֵיין גָאט אִיז פַאר הַאנְדִין, אוּנ דֶער אַנְדֶערֶר יְסוֹד אִיז דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶר אִיז אֵיין אֵיינְצִיגֶר גָאט דָאס זַיין גְלַייכֶען אִיז נִיט אִין קֵיין גִישְׁטַאלְט, דֶער דְרִיטֶער יְסוֹד אִיז עֶר אִיז קֵיין גוּף אוּנ בַּייא אִים אִיז נִיט שַׁייךְ צוּ רֵיידְן זֶעלְכֵי זַאכֶן וִויא בַּייא אֵיין גוּף, אַז דִיא הַאנְד גָאטְס דִיא אוֹיגְן גָאטְס, דָאס מוּנְד גָאטְס, אָדֶער שְׁטֵיין זִיצֶען גֵיין, וָוען שׁוֹין אִין הֵיילִיגֵי סְפָרִים זֶעלְכֵי וֶוערְטֶר שְׁטֵיין, דָאס רֶעט דִיא תורה אַז לָשׁוֹן פוּן מֶענְשְׁן, אָבֶּער דָאס זַיינֶען פַאר הוֹילִיגֵי זַאכִין אוּנ וואוּנְדֶערְבַּארֶע סוֹדוֹת, וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט אִיר הָאט דָאךְ נִיט גִיזֶעהֶן קֵיינְגֶערְלַייא גִשְׁטַאלְט, אוּנ דֶער פִירְטֶער יְסוֹד אִיז, דָאס עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן אַלֶע דֶען פוּן אִים אִיז אִיר בַּשְׁטַאנְד, אוּנ עֶר אִיז דֶער הֶער אוּנ גִיוָועלְטִיגֶער פוּן אַלֵי עולמות, אוּנ קֵיין זַאךְ רִירְט זִיךְ נִיט אִין אַלֶע עולמות אָן זַיין וִוילֶען דֶען עֶר אִיז דִיא אוּרְזַאךְ פוּן אַלֶעס, אוּף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק עֶס אִיז נִיכְט זוּנְדֶער אִים, אוּנ אַלֶע מלאכים אוּנ גלגלים אוּנ מזלות אוּנ אַלֶעס פוּן אוֹיבֶּען אוּנ פוּן אוּנְטֶען אוּנ אַלֶע פִיר זַייטֶען דֶער וועלְט אִיז אַלֶעס פוּן אִים, דֶען עֶר אִיז דֶער אַלֶער עֶרְשְׁטֶער דָאס פַאר אִים קֵיין עֶרְשְׁטֶער וַואר, אוֹיךְ אִיז צוּ אִים קֵיין פַאר לֶענְדוּנְג, אוּנ וֶוען עֶר זָאל זַיין הַשְׁגָחָה נָאר אֵיין רֶגַע אָפּ טָאן וָואלְט אַלֶעס וִוידֶער קֶערִין צוּ וִויסְט אוּנ לֶער, אַזוֹ וִויא אֵיידֶער דִיא וועלְט אִיז

בשאפען

העדר השגחתו יחזור הכל לתוהו ובוהו כמו שהי' קודם שנברא העולם. ולא יגרע ולא יתבטל מציאות השי"ת כי הוא היה הוה ויהיה ואין צריך במציאות לזולתו אלא הכל צריכים אליו והוא מחיה את כלם ומשגיח על כולם. כמו שכתוב גדול ה' ומהולל מאוד ולגדולתו אין חקר. וכתיב הן לה' אלהיך השמים ושמי השמים. וכמו שאמרו חז"ל במסכת חגיגה מן הארץ עד לרקיע מהלך ת"ק שנה ועובי הרקיע ת"ק שנה וכן בין כל רקיע ורקיע עד למעלה מרקיע השביעי. ולמעלה מרקיע השביעי חיות הקודש. רגלי החיות כנגד כלם. קרסולי החיות כנגד כלם. שוקי החיות כנגד כלם. ירכי החיות כנגד כלם. צוארי החיות כנגד כלם. ראשי החיות כנגד כלם. קרני החיות כנגד כלם. למעלה מהן כסא הכבוד. רגלי הכסא כנגד כלם. כסא הכבוד כנגד כלם. מלך אל חי וקים רם ונשא שוכן עליהם. וכמה רבבי רבבות שרפים ואופנים וחיות הקודש עומדים ומשבחים ואומרים איה מקום כבודו. כי אפילו המלאכים די מדרהון עם בשרא לא איתוהי לא השיגו שום השגה ממדרגת עצמותו יתברך. אמנם שואלים איה מקום כבודו. ומכל שכן שלא

בַּאשַׁאפֶֿען גִיוָוארִין עֶר אִיז גִיוֶועזִין אוּנ אִיז אִיצוּנְד אוּנ עֶר וֶועט זַיין אוּנ עֶר אִיז נִיט גֵייטִיג צוּ קֵיינֶעם, נַייעֶרְט אַלֶע בַּאשֶׁעפֶֿענִס דַארְפִֿין אָן קוּמֶען צוּ אִים דֶען עֶר דֶער נֶערְט אַלֶעס, עֶר גִיבְּט זַיין אַכְטוּנְג אוּף אַלֶעס, גִילוֹיבְּט אוּנ גִיאַכְפֶּערְט אִיז עֶר, צוּ זַיין אַכְפֶּערְקַייט אִיז קֵיין פָֿארְשׁוּנְג, דִיא הִימֶעל אוּנ אִיבֶּער דִיא הִימֶעל אִיז אַלֶעס צוּ גָאט, אַזוֹ וִויא אוּנְזֶערֶע חכמים ז"ל הָאבִּין גִיזָאגְט פֿוּן דִיא עֶרְד בִּיז צוּא דִיא הִימֶל אִיז פִֿינְף הוּנְדֶערְט יָאר גַאנְג, אוּנ דִיא דִיק פֿוּן הִימֶל אִיז אוֹיךְ אַזוֹ פִֿיל, אוּנ אוֹיךְ אַזוֹ צְווִישֶׁען אִיטְלִיכֶען הִימֶל, אוּנ אִיבֶּער דֶעם זִיבֶּעטִין הִימֶל זַיינֶען הֵיילִיגֶע מלאכים דִיא הֵייסֶן חיות הקודש דִיא פִּיס פֿוּן דִיא חַיוֹת אִיז קֶיגֶען אַלֶעס, דִיא קְנִיעֶן פֿוּן דִיא חיות אִיז קֶיגֶען אַלֶעס, דִיא דִיכְטֶען פֿוּן דִיא חַיוֹת אִיז קֶיגֶען אַלֶעס, דִיא הֶעלְזֶר פֿוּן דִיא חַיוֹת אִיז קֶיגֶען אַלֶעס, דִיא קֶעפּ פֿוּן דִיא חיות אִיז קֶיגֶען אַלֶעס. דִיא שְׁטְרַאלִין פֿוּן דִיא חיות אִיז קֶיגֶען אַלֶעס, אִיבֶּער אַלֶעס פֿוּן אוֹיבֶען אִיז דֶער כִּסֵא הַכָּבוֹד דִיא פִּיס פֿוּן כסא הכבוד אִיז קֶיגֶען אַלֶעס, דֶער כסא הכבוד אִיז קֶיגֶען אַלֶעס, דֶער מֶלֶךְ דֶער לֶעבִּעדִיגֶער גָאט אוּנ דֶער הוֹיכֶער אוּנ דֶער הוֹיבֶּענֶר גָאט עֶר רוּהְט אוֹיף זֵייא, אוּנ וִויא פִֿיל טוֹיזֶענְד מָאל צֶעהן טוֹיזֶענְד מַלְאָכִים דִיא הֵייסֶען שרפים ואופנים וחיות הקודש שְׁטֵייעֶן אוּנ לוֹיבֶּן אוּנ זָאגֶען וואוּ אִיז דָאס אוֹרְט פֿוּן זַיין כָּבוֹד, דֶען אֲפִילוּ דִיא הֵיילִיגֶע מלאכים הָאבִּין

יעלה על דעת אדם לדעת ענין ממדרגת עצמותו. רק להאמין בלב שלם כי ה׳ הוא האלהים אין עוד מלבדו. ומי ימלל גבורות ה׳ ישמיע כל תהלתו. וכל הנמצאים למעלה ולמטה רק לו לבדו. והכל כרצונו. וכדי להכיר האדם גדולת בוראו צריך לבחון בכל מה שברא הבורא בכל מה שעיניו רואות מפלאי הבורא יתברך המורים על תמימות חכמתו ויכלתו והנהגתו הטובה וחנינותו הכוללת. ורחמיו ורוב השגחתו על הברואים. ואז יכיר מה סכלותו בו ועורונו ממנו. כמו שאמר אחד מן החכמים לבות החכמים יש להם עינים רואות מה שאינם רואים הפתאים ועל ידי זה יפתח לו האוצר הגדול היא יראת ה׳ מתוך רוממותו וגדולתו ומתוך יראה זו יבא לאהבת ה׳ ויאמר בלבו איך לא אירא ואהיה אוהב להשם ב״ה אל גדול ונורא כזה. המנהיג את העולם כולו בכוחו ועוצם יכלתו כפי רצונו וחכמתו וכל מה שברא בשמים ממעל ועל הארץ מתחת מדומם וצומח וחי הכל נברא

ניט געגרייכט צו וויסען-קיינער לייא וויסען שאפט, נייערט זייא פרעגין נאר וואו איז דאס ארט פון זיין כבוד, ומכל שכן דאס איין מענש ניט דענקען זאל צו וויסען זיין אייגענשאפט, נייערט צו גלויבען מיט דעם גאנצען הערצען דאס איין גאט איז אונ זונדער אים איז קיין זאך, ווער קאן אויס ריידען דיא שטארקייט פון גאט, דאס ער זאל מאכן הערין גאר זיין לויב, אונ דער מענש וואס וויל דער קענען דיא אכפערקייט פון זיין בשעפר מוז ער באטראכטין אלע באשעפעניש, וואס דער בורא ב״ה האט בשאפין, דיא דא ווייזען אוף זיין קלוגהייט אונ שטארקע מאכט אונ זיין גוט פירען אונ זיין לייט זעליקייט וואס איז צו אלץ, אונ זיינע גרויסע דער בארעמקייט אונ השגחה דאס ער האט אוף דיא בשעפעניש אונ דאן וועט ער דער קענען וויא גרויס זיין נארהייט איז גיוועזן, אונ זיין בלינדהייט איז גיוועזן, אזו וויא איינר פון דיא חכמים האט גיזאגט, דיא הערצער פון הכמים זעהן וואס עס קאנען ניט זעהן דיא נארען, דיא איבער גרעט זיינען פון יצר הרע, אונ דאדורך וועט גיעפענט ווערין צו אים דאס גרויסע אוצר פון גאטס פארכט אונ ליבשאפט צו גאט, וועגין זיין הויכקייט אונ אכפערקייט, אונ דורך דיא גאטס פארכט וועט ער קומען צו דיא ליבשאפט פון גאט אונ וועט דיינקען אין זיין הערץ וויא זאל איך ניט פארכטען אונ ליב האבען אזו איין גיאכפערטען פארכצומען גאט, דר דא פירט דיא גאנצע וועלט מיט שטארקע קראפט אונ מאכט אונ זיין קלוגהייט אלעס נאך זיין ווילען, אונ אלעס וואס

ער

לצורך האדם שהוא מדבר, ברא את האדם בחכמה נפלאה מטפת זרע הוציאו מאין ליש . שלם בכל האברים ונתן בו דעה חכמה ושכל עם הרבה מדות טובות. יתרון על שאר החיים שאינן מדברים. והמשילו על כל הברואים ומשגיח עליו בתכלית הפרטות . כמו שכתוב כי עיניו על דרכי איש וכל צעדיו יספור . וכתיב מה' מצעדי גבר כוננו . וצריך האדם לדעת שהשם משקיף עליו. ואין נעלם ממנו נגלהו ונסתרו כמ"ש ה' יודע מחשבות אדם. והוא בוחן לבות וכליות והוא מרחם על האדם יותר מכל מרחם . וכל רחמים וחמלה שיהא מזולתו עליו כלם הם מרחמי אל עליו. שהוא מטה לבבות בני אדם כמ"ש רחום וחנון ה' וכתיב ונתן לך רחמים ורחמך והרבך . ואומר טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו. וצריך האדם להאמין שאין ביד אחד מהברואים להועיל או להזיק לא לנפשו ולא לזולתו . אלא הכל ברשות הבורא וכפי רצונו הן ברב או במעט ואין שום בריה יכול למעט מה שגזר

ער בּאַשאַפֿען האָט אין הימל פון אויבען און אויף דיא ערד פון אונטען פון שפּראָצענדיגע און שטיל שווייגענדיגע און לעבענדיגע זאַכען איז אַלעס בּאַשאַפען צו נוצען פיר דעם מענש און ער האָט דעם מענש בּאַשאַפען מיט וואונדערליכע חכמה פון איין טראָפּען זרע האָט ער אויס גיצויגען אים צו זיין איין פאָלקאָמענער מענש גאַנץ מיט אַלע זיינע גלידער און האָט אין אים גיגעבען וויסענשאַפט און קלוגהייט און שכל מיט נאָך פיל מדות טובות מער אַלס אַנדערע לעבענדיגע בּשעפּענעש דיא ניט ריידען, און האָט אים מאַכען גיוועלטיגען איבער אַלע בּשעפּעניש און קוקט אויף אַלע זיינע וועגין און ציילט זיינע טריט , און אַלע זיינע טריט זיינען פון אים אָן געבּרייט , און דער מענש מוז וויסען דאָס גאָט לוגט אויף אים און עס איז פון אים ניט פאַר הוילען זיין אַנדעקטע און פאַר בּאָרגענע זאַכען , ער ווייסט אַלע גדאַנקען , ער פּרובט אַלע הערצער און נירען , און ער איז זיך מרחם אויף דעם מענשען מער וויא אַלע בּעלי רחמים , און אַלע דיא דער בּאַרעמקייט פון איין אַנדערען קומט פון אים דען ער נייגט דיא הערצער פון דיא מענשען גלייך אין פסוק שטייט גאָט איז רחום וחנון ער וועט דיר געבין דערבּאַרעמקייט און פאַר מערונג, דען גאָט איז גוט צו אַלע, זיין דערבּאַרעמקייט איז אויף אַלע בּשעפּעניש , און דער מענש מוז גלויבען דאָס קיין בּשעפּעניש האָט ניט קיין מאַכט צו העלפען אודער צו שאַדען ניט זיך זעלבּסט און ניט איין אַנדערען נור אַלעס איז נאָך גאָטס ווילען , סייא פיל אודער ווייניג און קיין

בּשעפּענש

ברבויו ולא לרבות מה שגזר במיעוטו ולא להקדים מה שגזר לאחר. ולא לאחר מה שגזר להקדים. ואם היה העולם אלפי רבבות כפליים בני אדם אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו ואין ספק בהיות מאמין כל זה באמונה שלימה. וודאי ישמח בכל דיני השם ב"ה ויתן עיניו ולבו עליו וימסור אליו גופו ונפשו ורוחו ונשמתו לקבל עליו סקילה שרפה הרג וחנק וכל מיני יסורים שבעולם על קדושת שמו ועל אמונתו. וכי ידע בוודאי שלא יעשה לו הש"י אלא הטוב לו כאשר תעשה האם החומלת על בנה ברחיצתו וחיתולו וקשירתו והתרתו על כרחו שהוא צועק ובוכה והיא תעשה לו הכל לטובתו. כמה שאמר דוד המלך עליו השלום אם לא שויתי ודוממתי נפשי כגמול עלי אמו. ואמונה זאת תביאהו שלא יפחד משום דבר ולא יעבוד לשום דבר זולת הבורא כי הוא האלהים לו לבדו ראוי לעבוד והוא יסוד החמישי מי"ג יסודי הדת. כי כמו שאין תועלת ונזק ביד נברא. אלא הכל ברצונו כך

בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ קָאן נִיט פַּאר מִינָערְן וָואס גָאט הָאט גוֹזֵר גִיוֶועזְן עֶס זָאל פִּיל זַיין, אוּנ קֵיין בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ קָאן נִיט פַּאר מֶערִין וָואס גָאט הָאט גוֹזֵר גִיוֶועזְן עֶס זָאל וֵוייניג זַיין, אוּנ קֵיין בַּשֶׁעפֶּענִשׁ קָאן נִיט פְרִיעֶר מַאכְן וָואס גָאט הָאט גוֹזֵר גִיוֶועזְן עֶס זָאל זִיךְ פַּאר זַאמֶען, אוּנ קֵיינֶער קָאן נִיט פַּר זַאמֶן וָואס נָאט הָאט גוֹזֵר גִיוֶועזְן דָאס עֶס זָאל פְרִיא זַיין, אוּנ וֶוען דִיא וָועלְט וָואלְט זַיין פִּיל טוֹיזֶענְד מָאל מֶער מֶענְשֶׁען קָאן אַיין מֶענְשׁ נִיט אָן רִירֶען וָואס גָאט הָאט צוּ אֵיינֶעם אָן גִיבְּרֵייט, אוּנ וֶוען דֶער מֶענְשׁ וֶועט דָאס רִיכְטִיג גְלוֹיבְּען וֶועט עֶר זִיךְ גֶעוִויס משׂמח זַיין אִין אַלֶע דינים פוּן הַשׁ"י אוּנ וֶועט אִיבֶּער עֶנְטְפֶערִין צוּ גָאט זַיין לַייבּ אוּנ וֶועט אָן נֶעמֶען בְּשִׂמְחָה וָואס גָאט וֶועט אִים צוּא שִׁיקְען וֶוען שׁוֹין עֶר וֶועט פַּר בְּרֶענְט וֶוערִין אוּנ אַלֶע אַרְטֶען יְסוּרִים דָאס אִין עוֹלָם זַיין אוּם וֶועגִין זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען אוּנ זַיין גְלוֹיבֶּען, דֶען עֶר וֶועט וִויסֶען פַּאר גֶעוִויס דָאס גָאט וֶועט אִים אַנְדֶערְשׁ נִיט טָאן נַייעֶרְט צוּ זַיין גוּטֶען, גְלַייךְ אַיין מוּטֶער טוּט זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף אִיר קִינְד מִיט זַיין וַואשֶׁען אוּנ וִויקְלִין אוּנ לָאזְט דָאס קִינְד שְׁרַייעֶן אוּנ וֵויינֶען אוּנ זִיא טוּט אַלֶעס צוּ זַיין גוּטֶען, אוּנ דָאס גְלוֹיבֶּען וֶועט אִים בְּרֵיינְגֶען דָאס עֶר וֶועט פוּן קֵיין זַאךְ זִיךְ נִיט מְצַער זַיין, אוּנ וֶועט נִיט דִינֶען קֵיינֶעם, נַייעֶרְט צוּ גָאט אַלֵיין דֶען צוּ אִים אַלֵיין אִיז רָאוּי צוּ דִינֶען, אוּנ דָאס אִיז דֶער פִינֶעפְטֶער יְסוֹד פוּן דִיא דְרַייצֶעהְן יסודי הדת, דֶען אַזוּ וואזל דאס קֵיין הִילְף אוּנ קֵיין שָׁאדְען אִיז נִיט אִין קֵיין הַאנְד, נַייעֶרְט אַלֶעס

אִיז

בעבודתו ובתורתו ובתפלתו ומצותו ובכל מעשיו הטובים לא יכוין אלא לכבוד שמו הגדול ולעשות רצונו . ולא יקוה לאיש ולא יסכים עמהם בדבר שהוא נגד עבודת האל מכל שכן שלא יעשה דבר נגד התורה . הן במשא ומתן הן בכל ענייניו . ולא יפחידוהו עניניהם ולא יירא ממחלקותיהם . ואם יוכיח אותם לא יזהר בכבודם ולא יבוש מהם ולא ייפה להם השקר רק כל מעשיו יהיו בישרות לבו וידבק בחותמו של הקב"ה שהוא אמת . ואמונה הזאת תביאהו לפנות לבו למעט בעסקי העולם ולייחד לבבו לתורה ולעבודה . כי יאמין בלב שלב מה שגזר עליו השם יתברך יבא לו במיעוט עסקים כמו שאי אפשר שיהיה לו יותר ממה שגזר הש"י עליו אפילו אם ירבה מאוד כי הרבה עשו כן ולא הועילו . אלא יתן עיניו ולבו עליו ויהא שכרו גדול מאוד שיתקשר בחסד . כמ"ש והבוטח בה' חסד יסובבנו . והשם ב"ה ישגיח עליו תדיר ובחסד עליון בל ימוט . וכאשר יסתכל האדם הגדולה שחלק לו

איז נאך גאטעס ווילען אזו אויך אין זיין דינסט מיט תורה אונ תפלה מצות אונ מעשים טובים מוז זיין כוונה זיין נור צו טאן גאטעס ווילען , אונ ער וועט צוא קיין מענש האפען אונ מיט קיינעם מסכים זיין וואס קעגען גאט איז אונ קעגען זיין תורה , סייא אין משא ומתן סייא אין אלע זיינע גישעפטען , ער וועט פאר זייא זיך ניט שרעקין אונ וועט קיין מורא האבען פאר זייער מחלוקת , אונ ווען ער וועט זייא שטראפען וועט ער ניט גיווארענט זיין אן זייער כבוד , ער וועט זיך ניט שעמען פאר זייא ער וועט זייא ניט בשיינען דעם שקר , נייערט אלע זיינע ווערקן וועלין זיין מיט רעכטפערטיג הארץ אונ וועט זיך בהעפטען אן דאס חותם פון הקב"ה דאס איז אמת , אונ דאס גלויבען וועט אים ברייננגען ער זאל זיך צייט נעמען פון דיא וועלטליכע זאכין צו תורה אונ עבודה , דען ער וועט גלויבען וואס גאט האט אוף אים גוזר גיוועזן צו האבען דאס וועט אים קומען מיט ווייניג עסקים , אזו וויא עס איז ניט מעגליך ער זאל מער האבען ווען גאט האט אים ווייניג צוא גיטיילט ווען ער האטשע פיל טוט, זיינע אויגען אונ זיין הערץ מוז ער געבן צו גאט, אונ זיין שכר וועט זיין דאס ער וועט זיך אן קניפען אן דעם חסד פון גאט אונ גאט וועט אים אום רינגלען מיט חסד אונ דורך דעם חסד פון גאט וועט ער ניט איין גיבייגען ווערין , אונ אז דער מענש וועט באטראכטין דיא גדולה וואס הש"י האט אים געגעבען דאס ער גיוועלטיגט איבער אלעס אונ אלעס איז בשאפען פון זיינט וועגין אונ אלעס גוטעס דאס גאט האט

אים

הבורא שהשליטו על כל מיני חיים כמ"ש תמשילהו במעשה ידיך . וכל מה שנברא בעולם הכל לצורך האדם וכל הטובות שהטיב הבורא עם האדם יאריך כפורו . ושומר אותו מכמה מיני פגעים וצרות וחלאים המאורעים בעולם ומכלם יצילנו ה׳ . אל יחשוב שכל הטובות יאות לו כמוהו . אלא צריך לחשוב כמה ערכי נקלה ועניני נבזה וכמה גדלני בוראי והטיב עמי מעודי עד היום הזה וידבק בכניעה ובענוה ובשפלות ויעזוב כל עניניו עליו ועל גזירתו . אבל לא יחשוב שכל זאת בשביל מעשיו הטובים שאם כן נמצא אוכל זכיותיו . אך יבטח בחסדו הגדול וברחמיו המרובים כי אין במעשיו סיפק לשלם אפילו אם היו מעשיו הטובים כפלי כפלים . על אחת מטובות הבורא . אך יחשוב כמו שהשי"ת נותן מזון לכל השרצים ולבהמות ולחיות ולעופות . כמ"ש רז"ל יושב וזן מקרני ראמים ועד ביצי כינים . כשם שהוא מרחם על אלו לא בשביל מעשיהם אלא ברחמיו הגדולים לפי

אִים גִיטָאן וָואס עֶס אִיז נִיט אוֹיס צוּ עֶרְצֵיילִין , אוּנ פוּן צָרוֹת אוּנ קְרֵיינְק אוּנ אַלֶערְלֵייא בַּאגֶעגֶענִישׁ וָואס אִין דֶער וֶועלְט קוּמְט אוּנ גָאט בַּשִׁירְמְט אִים פוּן אַלֶעם זָאל דֶער מֶענְשׁ נִיט דֵיינְקֶען דָאס עֶס אִיז צוּ לִיבּ זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים , נַייעֶרְט עֶר מוּז דֵיינְקֶען וְויא גְרִינְג אוּנ פַאר שֶׁעמְט בִּין אִיךְ אוּנ וְויא גְרוֹיס הָאט מִיךְ מַיין בַּאשֶׁעפֶר גִימַאכְט אוּנ הָאט מִיט מִיר בַּגִיטֶעגְט פוּן מַיין יוּגִינְט בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג , אוּנ זָאל זִיךְ בַּהֶעפְטִין אָן דִיא אוּנְטֶער טֶענִיגְקֵייט אוּנ נִידֶערְקֵייט אוּנ זָאל אַלֶע זַיינֶע גִישֶׁעפְטִין אוֹיף גָאט לָאזִין אוּנ אוֹיף זַיין וִוילֶען , דֶער מֶענְשׁ זָאל נִיט דֵיינְקֶען דָאס אִים אַלֶעם קוּמְט וֶועגִין זַיינֶע מעשׂים טובים דֶען עֶר וֶועט זַיינֶע זכיות אוֹיף עֶסִין , נַייעֶרְט עֶר מוּז זִיךְ פַאר זִיכֶערִין אָן זַיינֶע גְרוֹיסֶע גִינָאד אוּנ דֶערבַּארֶעמְקֵייט דִיא פִיל זַיינֶען , דֶען וֶוען שׁוֹין זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואלְטִין פִיל מָאל דָאפֶּעלְט זַיין וֶועט נָאךְ נִיט גִינוּג זַיין צוּ בַּאצָאלִין אוֹיף אֵיין טוֹבָה פוּן דִיא טוֹבוֹת פוּן בַּאשֶׁעפֶער , נַייעֶרְט עֶר זָאל דֵיינְקֶען אַזוֹ וְויא עֶר שְׁפַּייזְט בהמות חיות עופות אוּנ אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ נִיט פוּן וֶועגִין זֵייעֶרֶע מעשׂים טובים , נַייעֶרְט מִיט זַיינֶע גְרוֹסֶע דֶערְבַּארֶעמְקֵייט דֶען זֵייא זַיינֶען זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ , אַזוֹ וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיר דֶערְבַּארֶעמֶען , אוּנ דָאס גְלוֹיבֶּען מִיט זַיין פַאר זִיכֶערוּנְג אוֹיף גָאט וֶועט אִים בְּרֵיינְגֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבִּין פִיל גֶעלְט וֶועט אִים זַיין פִיל גֶעלְט נִיט פַאר מַיידֶען פוּן צוּ פַאר זִיכֶערִין זִיךְ אוֹיף גָאט , אַדְרַבָּה עֶר וֶועט טְרַאכְטִין אַז דִיא גֶעלְט אוּנ אַלֶעם וָואס עֶר הָאט אִיז נָאר פַאר אַיין

פקדון

שהן בריותיו כמ"ש ורחמיו על כל מעשיו כן ירחם עלי . וזאת האמונה תביאהו אם יהא בעל ממון לא ימנענו רב הממון מבטוח בה' אדרבה יחשוב בדעתו כי הממון וכל מה שיש לאדם הוא פקדון אצלו . ואם ישאר בידו יודה וישבח להשם ברוך הוא ויכיר אותו בכל לבבו וילך בתומו ובענוה ולא יגיס דעתו על חבירו ולא יחשוב בלבו אני גדול מפלוני ולא יענה עניים בגבהות הלב ולא יקל אדם שהוא קטן ממנו ויעשה מעשרו לעניים צדקה ולעשירים ג"ח בהלואה ונותן דעתו בכל שעה על בוראו . ואומר בשפלות וברות נמוכה מה חסדי ומה צדקתי לפני בוראי . שמא חלילה אני אוכל זכיותי בזה העולם עשיר כזה נולד במזל טוב ואוכל הפירות בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא ואם עושה חלילה להיפך כל אלו . אותו העשיר אינו נולד במזל טוב . ואם חלילה יאבד הממון ממנו לא ידאג ולא יתאבל אך יודה לאלהיו בקחתו פקדונו מאתו כאשר הודה לו בנתינתו .

פִּקָדוֹן , אוּנ אוֹיבּ עֶס וֶועט בַּייא אִים בְּלַייבִּין זֶועט עֶר גָאט דַאנְקֶען אוּנ לוֹיבֶּען אוּנ וֶועט זַיין בַּאשֶׁעפֶער דֶער קֶענֶן מִיט דֶעם גַאנְצִין הַארְצִין אוּנ וֶועט גֵיין מִיט גַאנְצְקַייט אוּנ דֶעמוּטִיקַייט אוּנ וֶועט אִין הַארְצִין נִיט הָאפֶערְדִיג זַיין צוּ דֵיינְקֶען אִיךְ בִּין בֶּעסֶער פַאר יֶענֶעם , דִיא אָרֶעמֶע וֶועט עֶר נִיט עֶנְטְפֶערִין מִיט הוֹיכְקַייט , עֶר וֶועט קֵיינֶעם נִיט הַאלְטֶען פַאר גְרִינְג , פוּן זַיין עֲשִׁירוּת וֶועט עֶר צדקה גֶעבֶּען צוּ עניים אוּנ גמילות חסד צוּא אָרֶעם אוּנ רַייךְ , זַיין מחשבה וֶועט זַיין אַלֶעס אוֹיף זַיין בַּאשֶׁעפֶר , אוּנ זַיין זָארְג אַלֶע צַייט וֶועט זַיין דָאס עֶר זָאל זַיינֶע זכיות חלילה נִיט אוֹיף עֶסֶען אוֹיף דֶעם עולם , אַזוֹ אַיין עוֹשֶׁר גֶענִיסְט דִיא פֵּירוֹת אוֹיף דֶעם עולם , אוּנ דֶער קֶרֶן פוּן זַיינֶע זכיות בְּלַייבֶּען אִים לעולם הבא אָבֶּער וֶוען חלילה אַיין עושר טוּט נִיט אַזוֹ דָא אִיז זַיין עשירות צוּ זַיין אוּנְגְלִיק , אוֹךְ וֶוען חלילה זַיין גֶעלְט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר זָאל פַאר לָארִין וֶוערִין , וֶועט עֶר נִיט זָארְגֶען אוּנ טְרוֹיעֶרִין וֶוען זַיין גְלוֹיבֶּען רֶעכְט אָן גָאט אִיז , נַייעֶרְט עֶר זָאל גָאט לוֹיבֶּען וֶוען עֶר זַיין פִּקָדוֹן אָבּ נֶעמְט פוּן אִים גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט אִים גְלוֹיבְּט בְּעֵת עֶר הָאט אִים גִיגֶעבֶּען אוּנ עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ אַלֶעס אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט זַיין קֶעגֶען זַיין נַאטוּר , נַייל אַז גָאט וִויל אַזוֹ , עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אוּנ בַּאנוּגֶענֶען מִיט וָואס עֶר פוּן אִים וֶועט קְרִיגֶען , אוּנ דֶער הֵייסְט אִין דֶער וַוארְהַייט אַיין עוֹשֶׁר , אָבֶּער דֶער וָואס מֶערְט גִיטֶער מִיט זָארְג אוּנ בַּארוּיבְּט זַיין זַייל דֶער הֵייסְט אִין דֶער וַוארְהַייט קֵיין עוֹשֶׁר , אוּנ דֶער מֶענְשׁ מוּז

וויכֶּען

וישמח בכל ענין שיעתיקהו אליו אף שיהא נגד טבעו . וישמח בחלקו. ויסתפק במה שחננו יתברך וזה באמת הוא עשיר . אבל זה המרבה נכסים בדאגה וחומס נפשו . זה באמת אינו עשיר . וידע האדם בבירור שהעניות טובה היא לו מטובות הבורא עליו . כי הוא ידע יצרנו ולא יחשדנו בדינו . ובשכר עניו יחלצנו מדינו של גיהנם. ואף שהוא עני יעשה צדקה וגמילות חסדים כפי כחו כי הפרוטה שלו כמו דינר של עשיר . ואחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו ודעתו לשמים . וצריך האדם לדעת שהעשר נסיונות שנסה הקב"ה לאברהם אבינו ע"ה לא היינו משבחים אותו לולא שהיה מקבל הכל ברצון הטוב . כי הסבל שבעליו מוכרח בו אין לו עליו שכר ולא מחילת עון . וגם יחשוב ברעתו . משל לאדם שנותן בית לחבירו במתנה . וחבירו רוצה לשנות ולבנות ולהרוס. אין מן הדין שהנותן יתרעם ויתאבל על מעשהו מאחר שנתן לו . כך בן אדם אחר שמסר את עצמו ואשתו ובניו וכל אשר לו ביד הבורא יתברך . ינוח דעתו במה שיגזור עליו . ובפרט שהוא מבחר יצוריו והוא משגיח עליו לטובתו ומשגיח בכל

וויסֶען דָאס דִיא אַרְמוּט אִיז אֵיינֶע פוּן דִיא טובות פוּן גָאט דֶען גָאט ווייסְט אוּנְזֶערֶע גִידַאנְקֶען אוּנ וָואס אוּנְז גוּט אִיז , אוּנ דוּרְךְ דִיא אַרְמוּט וֶועט אִים גָאט אוֹיס צִיעֶהן פוּן דָאס גיהנם , אוּנ וֶוען אַיין אָרֶעמֶר גוּט אוּנ פְרוּם אִיז אוּנ טוּט צדקה וגמילות חסדים נָאךְ זַיין כֹּחַ וֶועט עֶר קַיין גֵיהִנָם זֶעהְן , דֶען זַיין פְּרוּטָה אִיז אַזוֹ גוּט וִויא אַיין גִילְדֶען פוּן אַיין עוֹשֶׁר וֶוען עֶר טוּט פוּן גָאטְס וֶועגִין , אוּנ דֶער מֶענְשׁ מוּז וִויסֶען דָאס דִיא צֶעהְן פְּרוּבִין וָואס גָאט הָאט גִיפְּרוּבְט אברהם אבינו ע"ה וָואלְטִין מִיר אִים נִיט גִילוֹיבְּט נַייעָרְט וַוייל עֶר הָאט אַלֶעס מִיט גוּטֶען ווִילֶען מקבל גִיוֶועזִין , אָבֶּער וָואס אַיינֶער אִיז גִיצְווּאוּנְגֶען צוּ לַיידֶען , דְרוֹיף אִיז קַיין לוֹין אוּנ קַיין זִינְד פַאר גֶעבּוּנְג . אוֹךְ מוּז אַיין מֶענְשׁ דֵיינְקֶען אַיין מָשָׁל וֶוען אַיינֶער הָאט זַיין חַבֶר גְשָׁאנְקֶען אַיין הוֹיז אוּנ זַיין חַבֶר ווִיל עֶס פַאר עֶנְדֶערִין אוּנ בְּרֶעכִין צוּא אִיבֶּער בּוֹיעֶן , פַּאסְט דָאךְ נִיט דָאס עֶר זָאל אוֹף אִים צָארֶנְדִיג זַיין , ווַייל עֶר הָאט עֶס אִים גִישָׁאנְקֶען , טוּט עֶר דֶער מִיט וָואס עֶר ווִיל , אַזוֹ אוֹיךְ אַיין מֶענְטְשׁ דֶער זִיךְ אִין גָאטְס הַאנְד הָאט אִיבֶּער עֶנְטְפֶערְט מִיט זַיין פְרוֹיא אוּנ קִינְדֶער אוּנ זַיין גוּט , מוּז עֶר צוּ פְרִידֶען זַיין מִיט אַלֶעס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶר וֶועט אוֹף אִים גוֹזֵר זַיין , וּבִפְרַט עֶר אִיז דָאךְ דָאס בֶּעסְטֶע פוּן זַיין בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ אוּנ עֶר לוּגְט אוֹף אִים צוּ זַיין גוּטֶען אִין אַלֶע זַיינֶע גִישֶׁעפְטֶען , אוּנ עֶר

ווייסט

ענייניו והוא יודע מה שטוב לו. לכן ראוי לך שתקבל כל מה שיבואך מהשם ב"ה ברצון טוב, וזה יורה על רצונך הטוב בגזירת השם ב"ה והתנחמך בו ובטחונך עליו כמו שנא' חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה':

סליק עמוד האמונה

עמוד העבודה

אחר שנשריש בלבבנו גדלות בוראינו וידענו שהשם ב"ה אוהב אותנו והיה אוהב את אבותינו ותמיד מזכיר לנו ברית אבותינו והשגחתו עלינו בכל צרכינו וידענו שכל תנועות האדם נקשרות בחפץ הבורא ואין אדם יכול לעשות מה שלבו חפץ בכל עניינו ובכל תנועותיו כפי רחמיו וחסדיו המרובים עד אין סוף וכפי חכמתו. כי הוא יודע תועלת בני אדם כי האדם לפעמים הוא עושה דבר שהוא חושב לטובתו והוא לרעתו וכן להיפוך. לכן לא הניח הבורא הבחירה ביד האדם בכל ענייני העולם. רק זאת הבחירה גזרה חכמתו שיהא בידו לבחור בטוב או ברע וכמ"ש חז"ל

ווייסְט וָואס פַאר אִים גוּט אִיז, דַארוּם אִיז רָאוּי דָאס דוּא מִיט גוּטֶען ווילֶען זָאלְסְט אָן נֶעמֶען פוּן הַשֵּׁם ב"ה אַלֶעס וָואס גָאט אוֹיף דִיר וֶועט גוֹזֵר זַיין, אוּנ דַיין טְרַייסְט אוּנ פַאר זִיכֶערוּנְג וֶועט זַיין אוֹיף אִים אַלַיין: דֶערוֹיף זָאגְט דֶער פסוק שְׁטַארְקְט אוּנ פֶעסְטִיגְט אַייך אַלֶע דִיא וָואס הָאפֶען צוּ גָאט:

נָאךְ דֶעם אַז מִיר הָאבֶען אַיין גִיפֶעסְטִיגְט אִין אוּנְזֶער הַארְץ דִיא אַבְּפֶערְקַייט פוּן אוּנְזֶער בַּשֶׁעפֶער דָאס הַשֵּׁם ב"ה הָאט אוּנְז לִיבּ אוּנ הָאט לִיבּ גִיהַאט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין, אוּנ גִידֵיינְקְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דֶעם בְּרִית פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין, אוּנ זַיין השגחה אִיז אוֹיף אוּנְז אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע בַּדֶערְפֶענִישׁ, אוּנ מִיר ווייסֶען דָאס אַלֶע בַּאוֶועגוּנְג פוּן דֶעם מֶענְשׁ אִיז גִיקְנִיפְּט אָן דֶעם בַּאגֶער פוּן דֶעם בַּשֶׁעפֶער, אוּנ קַיין מֶענְשׁ קָאן נִיט טָאן וָואס זַיין הֶערְץ בַּגֶערְט, נַייעֶרְט דֶער בַּשֶׁעפֶער נֵייגְט זַיין הֶערְץ אַלֶעס נָאךְ זַיין בֶּגֶער אִין אַלֶע זַיינֶע גִישֶׁעפְטֶן אוּנ אִין אַלֶע זַיינֶע בַּוֶועגוּנְג, נָאךְ זַיינֶע פִיל גִינָאד אוּנ דֶער בַּארֶעמוּנְג דִיא קַיין עֶנְד הָאבֶען אוּנ נָאךְ זַיין חכמה, דֶען עֶר ווייסְט דִיא הִילְף פוּן מֶענְשֶׁן, דֶען אַיין מֶענְשׁ אָפְט מָאל טוּט עֶר אַיין זַאךְ צוּ זַיין גוּטֶען אוּנ עֶס אִיז

אום

הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים . וא"כ הוא הרי האדם בעולם כמו איש נכרי שבא אל ארץ נכריה ולא היה אחד מאנשי המדינה שמכיר אותו . אלא שאדון המדינה חמל עליו בשביל גרותו ואמר לו הוי מתקן עניניך שתמצא חן בעיני ואני אגדיל אותך על כל המדינה ואתן הכל תחת ידך . ואם לא תתקן עניניך כולם ימשלו בך. והראיה על גרותו בעת צאתו לאויר העולם אילו היו משתדלין כל באי העולם להקדימו או לאחרו או לתקן אחד מאבריו אם היה חסר ממנו לא היו יכולין וכן אחר צאתו לזה העולם לא היה יכול שום נברא להגיע אליו מזונו . ולא להוסיף ולא לחסר לא להועילו ולא להזיקו כמו שאין בשום נברא להוסיף או לפחות מימי חייו אלא הכל כפי רצונו. כך האדם צריך לייחד לבבו בכל מעשיו לשמו הגדול.

אוים צו ביוזען אונ אויך פאר קערט , דרום האט דער בשעפער ניט גלאזען דיא אויס דער ווייזונג אין מענשענס האנד אין אלע וועלטליכע גישעפטען , נייערט דאס האט זיין חכמה פאר שטאנען דאס דער מענש זאל אין זיין האנד האבען צו אויס דער וויילען גוטעס אדער בייז צוא טאן , אזו וויא אונזערע חכמים האבען גיזאגט , אלעס איז אין גאטס האנד חוץ דיא גאטס פארכטיקייט , אונ ווען דאס איז אזו , איז דער מענש גלייך צו איינעם וואס קומט אין איין פרעמד לאנד אונ קיינער פון דיא מדינה קאן אים ניט נייערט דער הער פון לאנד האט זיך דער בארעמט פון וועגין זיין עלענד אונ האט צוא אים גיזאגט , פיר דיך רעכט אויף אין אלע דיינע גישעפטען דאס דוא זאלסט חן אין מיינע אויגען האבען דאן וועל איך דיך גרויס מאכען איבער דאס גאנצע לאנד אונ וועל אלעס אונטער דיין מאכט געבען , אבער ווען דוא וועסט דיינע גישעפטען ניט צו ברייטען מיט גירעכטיקייט , וועלין אלע איבר דיר געוועלטיגען , אונ איין ראיה אויף דעם מענשינס פרעמדהייט דען אז ער קומט אוף דעם עולם ווען אלע מענשן אין עולם וואלטין זיך באמיהען צו פעדערין אים אדער צו פאר זאמען איין אויגען בליק אדער צו פאר ריכטען איין גליד פון אלערלייא אברים ווען עס וועט פעלען פון אים וואלטען זייא אים ניט קאנען העלפען אדער שאדען , אזו וואול דאס קיין בשעפעניש קאן ניט מערין אדער פאר מינערין דיא טעג פון זיין לעבין, נייערט אלעס איז נאך גאטס ווילען , אזו אויך דער מענש מוז זיין הארץ פאר איינינגען אין אלע זיינע ווערקין נייערט אום ווילען

זיין

ולכל הפחות יעשה ביכולתו כמו לפני מלך בשר ודם בודאי יהיה מהיר וזהיר וזריז ויירא מענשו. ואיך לא יירא מפני הקב"ה שהוא משגיח עליו תדיר ורואה נגלהו ונסתרו ובידו להמית ולהחיות וכל מיני צרות ורעות ומקראות שבעולם שמצילו ממנו. וצריך להתקשט מחשבותיו וכל מעשיו ולהתבושש מפניו ולהזהר מהמרותו ולמהר לעבודתו לסבב רצונו ואהבתו. וישתדל תמיד להוציא תאות עולם הזה ותענוגו מלבו ולהגביר אהבת עולם הבא עליה. ואל ימשוך אחר תאות גופו בכל הענינים. רק מה שצריך להעמדת גופו כי הגוף הוא מדור הנשמה שיהא חזק ובריא לעבודתו ולתורתו כי נעימות עולם הזה הוא כלה ואבד ונעימות עולם הבא אין לה קץ ותכלית להזוכים אליה. על כן צריך האדם לפקוד נשמתו יותר מענין גופו להשתדל בתקנותיה והצלתה אצל ארוניה כי יתרון האדם מצד מעלת נפשו ולא

זיין הייליגען נאמען, אונ צום וויינינגסטען מוז ער טאן מיט זיין מאכט גלייך אז פר איין מלך בשר ודם וועט ער דאך איילינדעג אונ געשווינד אונ געפרישט זיין אונ וועט מורא האבען פון וועגען זיין שטראף, אונ וויא זאל ער זיך ניט פארכטען פאר השי"ת דען זיינע אפענע אונ פארגענע זאכען זעהט ער אונ אין זיין מאכט איז צו טייטען אונ צוא מאכען לעבין, אונ אלע צרות רעות אונ טרעפונג וואס טרעפט אין דער וועלט, אונ ער איז אים פון אלעם מציל, דארום מוז ער צירען זיינע מעשים אונ זיינע גידאנקען פאר אים, אונ זאל געהיט זיין אים ניט צו ווידער שפעניגען אונ איילען צו זיין דינסט צו ער לאנגען זיין ווילען אונ זיין ליבשאפט, אונ ער זאל זיך תמיד באמיהען אויס צו ציהען פון זיין הארץ דיא ליבשאפט אונ תענוגים פון עוה"ז אונ זאל זיך ניט ציהען נאך גלוסטיקייטען אין אלע זאכען, נייערט וואס צו דיא בשטאנד איז פון זיין גוף דען זיין גוף איז דיא וואונונג פון דיא נשמה דאס ער זאל שטארק אונ גיזונד אונ פריש זיין צו זיין דינסט אונ תורה, דען דיא זיסקייט פון דיזען עולם גייט פארביי אונ ווערט פאר לארין אבער דיא זיסקייט פון עולם הבא האט קיין ענדע צו דיא וואס זיינען זוכה דער צו, דארום מוז דער מענש אלע צייט זיין נשמה מער דער מאנען אז זיין גוף, אונ זיך צו באמיהען אין איר בשירמונג ביי גאט, דען וואס אמענש בעסער איז פון איין אנדערין דאס איז דורך דיא מעלה פון זיין זייל, ניט דורך דיא מעלה פון זיין גוף אדער

געלט

מצד מעלת גופו וממונו . וצריך לחשוב תמיד על הימים שעברו בלתי עבודת ה' ויתקן בימים הנשארים כל מה דאפשר וכאשר ישריש בלבו כל עמוד האמונה כמו שכתבנו וידע שיש לו אדון שמשגיח עליו תדיר ואם לא יעשה רצונו הרי הוא מוכן לכל הצרות ומקראות שבעולם ותכלית בריאת האדם לעבוד את בוראו . ייעץ לו שכלו לקבל עליו עבודת ה' וללמוד תורתו ואז ינוח לו הבורא מעצבו וירגיע לו מפחדו . ויפתח לו שערי ידיעתו ויגלה לו סודות חכמתו . והש"י ישים עיניו על הדרכתו והנהגתו . ועליו נאמר כי מוצאי מצא חיים ויפק רצון מה' . ומהות העבודה הרצויה והקרובה אל האלהים אחר שישריש בלבו כל מה שכתוב בעמוד האמונה שיקבל עליו לקיים כל מצותיו רק לשמו הגדול ולכבודו בלי שום פנייה אחרת . כמו הבן העובד לאביו אחר שיודע שאביו מטיב לו בכל אופנים ורוצה להגדילו . והנה יש בתרי"ג מצות כמה עשין ולא תעשה

גֶעלְט, אוּנ אַלֶע צַייט מוּז עֶר דֵיינְקֶען אָן דִיא עֶרְשְׁטֶע טֶעג וָוס זַיינֶען אַוֶועק אָן גָאטְס דִינְסְט צוּ פַאר רִיכְטֶען אִין זַיין אִיבֶּערִיגֶן טָאג וָואס מֶעגְלִיךְ אִיז , אוּנ אַז דֶער מֶענְשׁ וֶועט צוּם הֶערְצִין נֶעמֶען וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין עמוד האמונה , אוּנ עֶר וֶועט וִויסֶען אַז עֶר הָאט אַיין הֶער וָואס עֶר לוּגְט אוֹף אִים שְׁטֶענְדִיג , אוּנ וֶוען עֶר זַיין וִוילֶען טוּט גִיט אִיז עֶר אָן גֶעבְּרֵייט צוּ אַלֶע צָרוֹת אוּנ טְרֶעפֶּענֶעשׁ וָואס אוֹף דֶער וֶועלְט קוּמְט , אוּנ אַז גָאט הָאט אִים נָאר בַּשַׁאפֶען צוּ דִינֶען אִים , וֶועט אִים זַיין שֵׂכֶל רַאטֶען דָאס עֶר וֶועט אוֹף זִיךְ מְקַבֵּל זַיין גָאטְס דִינְסְט אוּנ צוּ לֶערְנֶען זַיין תורה , אוּנ דֶענְסְט מָאל וֶועט גָאט אִים בַּארוּאִיגֶען פוּן זַיין טְרוֹיעֶרְקַייט אוּנ זַיין אַנְגְסְט , אוּנ עֶס וֶועלֶען צוּ אִים גִיעֶפִינְט וֶוערֶען דִיא טוֹיעֶרִין פוּן זַיין וִויסֶען שַׁאפְט אוּנ עֶס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶן צוּא אִים דִיא סוֹדוֹת פוּן הָכמה , אוּנ גָאט וֶועט אִים זַיינֶע אוֹיגֶען עֶפֶענֶען אוֹף זַיין פִירוּנְג אוּנ דַאן וֶועט עֶר גֶעפִינֶען דֶעם אֶמֶתֶען לֶעבֶּען אוּנ וֶועט אוֹיס צִיהֶען פוּן גָאט אַגוּטֶען וִוילֶען .— דִיא וַוארֶע עֲבוֹדָה וָואס בַּאווִילֶעגְט אוּנ נָאהֶענְט צוּ גָאט אִיז נָאךְ דֶעם אַז עֶר זָאל אַיין וָוארְצְלֶן אִין זַיין הֶערְץ אוּנ וֶועט גְלוֹיבֶּען וִויא עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין עמוד האמונה , דָאס עֶר זָאל מקבל זַיין אוֹף זִיךְ מקיים צוּ זַיין אַלֶע מצות פוּן וֶועגִין זַיין לִיבֶּען אוּנ גִיאַכְפֶּערְטֶען נָאמֶן אָן שׁוּם אַנְדֶערֶע גִידַאנְקֶען וִויא אַזוּ דֶער זַיין פָאטֶער דִינְט נָאךְ דֶעם דָאס עֶר וֵוייסְט דָאס זַיין פָאטֶער בַּאגִיטֶעגְט אִים אִין אַלֶע אוֹפַנִים אוּנ וִויל אִים גְרוֹיסֶען , נוּן אִיז

 אין

שמקיימין אותן בלב בלבד כגון שנאמין שיש לעולם בורא. בראו מאין. ושאין כמוהו ושנקבל עליו יחודו ושנעבדהו בלבנו ושנתבונן בפלאי יצירותיו כדי שיהיה לנו לאות עליו ושנבטח בו ושנכנע מפניו ושניראאותו ונפחד ונבוש מהשקיפו על נגלותינו ונסתרותינו · ושנכסוף לרצונו וניחד מעשינו רק לשמו ושנאהב אותו ואת אוהביו כדי להתקרב אליו ונשנא את שונאיו. והלאוין הם היפך כל אלה וגם לא תחמוד לא תקום ולא תטור את בני עמך ושלא להרהר בעבירות ולא להתאוות והדבר הדומה לזה ממה שהוא במצפון לבו במצות כאלה בודאי אין בהם זיוף כלל כי אין שום אדם יודעם רק הקב"ה שהוא בוחן לב וחוקר כליות. אך המצות שאדם מקיים באבריו הנראים לבני אדם כדי שיהו לשמו הגדול רק לעשות רצון אביו שבשמים צריך

אין אונזערע תרי"ג מצות פיל מצות עשה אונ לא תעשה דאס מען איז מקיים נור מיט דאס הארץ אליין דהיינו אז מיר זאלען גלויבען אז דיא וועלט האט איין בשעפער וואס האט איר בשאפען פון גאר נישט, אונ דאס זיין גלייכען איז ניטא, אונ דאס מיר זאלען מקבל זיין אויף אונז זיין איינציקייט צוא דינען אים מיט אונזער הערץ, אונ דאס מיר זאלען בטראכטין דיא וואונדר פון זיינע בשעפענעש דאס זאל אונז זיין איין צייכען אויף אים, אונ דאס מיר זאלען זיך אויף אים אליין פאר זיכערין, אונ אונטער טעניגען פאר אים אונ פארכטען אונ שעמען פר אים פון וועגין דאס ער לוגט אויף אונזרע אפענע אונ פאר בארגענע זאכען אונ גידאנקען, אונ דאס מיר זאלען גלוסטען צו זיין ווילען, אונ פאר איינינגען אונזער ווערק אום ווילען זיין נאמען אונ אים ליב צו האבן אונ זיינע ליב האבער (דאס זיינען דיא ערליכע אידען) אונ פיינדען זיינע פיינד (דאס זיינען דיא אפיקורסים וואס לייקענען אין דער תורה), אונ דיא לאווין וואס מען דארף ניט טאן איז אלעס פאר קערט, אונ אויך דוא זאלסט ניט גלוסטען, דוא זאלסט דיר ניט נוקם זיין אונ ניט היטען דיא פיינטשאפט אויף איין אידען, אונ קיין גידאנקען האבן אויף עבירות אונ ניט גלוסטען זייא, אונ פיל דאס גלייכען דיא פאר בארגען זיינען אין הערץ זעלכע מצות אונ דאס גלייכען איז געווים קיין פאלשקייט דער בייא דען קיין מענש ווייסט ניט וואס אין זיין הארץ פאר בארגען איז, נייערט דער באשעפער דער פרובט זיין הערץ אונ פארשט זיינע נירען, נייערט דיא מצות דיא גיזעהן מוזען ווערין צו דיא מענשן כדי

דאס

להשריש בלבו עמוד האמונה כי בלתי זאת אי אפשר שיהא שלם בשום מדה או מעשה. וגם לא יתיפה לבני אדם ויהא שוה אצלו אם יגנהו או ישבחהו . וזהו מדה גדולה. ומי שלא הגיע למדה זאת עדיין אינו במדרגה העליונה. וגם יהא שונא מתנות ומי שצריך ליקח יכוין במחשבתו שהוא מזכה אותן שנותנין לו · ולא יחניף בשביל זה לשום אדם בדבר שהוא נגד ה' אחר שיודע בוודאי שאין תועלת ונזק ביד נברא . ולא יודה רק להשם ב"ה שנתן בלבו להטיב עמו. ואז יהיו בודאי כל מעשיו רק לשמו הגדול בכל תנועותיו. ולא יעתק ידיו ורגליו ולא יניע עפעפיו אלא לעשות רצון בוראו. ועל דרך זה יקרא עבד ה' בתורתו ובתפלתו ובקיום מצותיו ובמשאו ובמתנו ובמלאכתו ובאכילתו ובשתייתו ובמלבושיו ובתענוגיו בשבתות ובימים טובים ובשמחת מצוה. ועל דרך זה אמרו חכמינו ז"ל (כל מחשבותיך) וכל מעשיך יהיו לשם שמים. ובכל מעשיו אף אם הוא

דָאס זַייא רִיכְטִיג פוּן גָאטְס וֶועגִין זָאלֶען זַיין, מוּז מֶען פֶּעסְט אַיין וָוארְצְלֶען אִין הֶערְצֶען דֶעם עמוד האמונה, זוּנְדֶער דֶעם אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ גַאנְץ צוּ זַיין אִין קַיין מִדָה אָדֶער וֶוערְק, אוֹיךְ זָאל עֶר זִיךְ נִיט אוֹיס פַּיינֶען פַאר דִיא לַייט, אוּנ זָאל בַּייא אִים גְלַייךְ זַיין אוֹיבּ מֶען אִים לוֹיבְּט אָדֶער שֶׁעלְט אוּנ דָאס אִיז גָאר אַיין הוֹיכֶע מִדָה דֶען דֶער וָואס אִיז נָאךְ נִיט אִין דִיא מדרגה דֶער אִיז נָאךְ נִיט אִין דִיא הוֹיכֶע מדרגה, אוֹיךְ זָאל עֶר פַיינְט הָאבֶּען מַתָנוֹת, אוּנ דֶער וָואס אִיז נֵייטִיג צוּ נֶעמֶען זָאל עֶר אִין זַיין גְדַאנְקֶען הָאבֶּען דָאס עֶר אִיז מְזַכֶּה דִיא לַייט דִיא אִים גֶעבִּין, אוּנ זָאל דְרוּם קֵיינֶעם קַיין חֲנִיפָה טְרַייבֶּען אִין אַזַאךְ וָואס קֶעגִין גָאט אִיז, וְוִיא בַּאלְד אַז עֶר ווֵייסְט דָאס קַיין הִילְף אָדֶער שָׁאדֶען אִיז נִיט אִין דִיא הֶענְט פוּן בַּשֶׁעפֶּענִישׁ נַייעֶרְט אָן גָאט זָאל עֶר דַאנְקֶען אוּנ לוֹיבֶּען דָאס גָאט הָאט אִים אִין זַיין הֶערְץ גִיגֶעבִּין גוּטֶעס צוּ טָאן, אוּנ דַאן וֶועט זַיינֶע אַלֶע מעשים זַיין נַייעֶרְט אוּם וְוִילֶען זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען אִין אַלֶע זַיינֶע בַּוֶועגוּנְג, אוּנ עֶר וֶועט קַיין הֶענְט אָדֶער פִּיס אוּנ קַיין גְלִיד בַּאוֶועגֶען נַייעֶרְט צוּ טָאן דֶעם וְוִילֶען פוּן זַיין בַּשֶׁעפֶּער, אוּנ אוֹיף דֶעם דֶרֶךְ וֶוערְט עֶר גִירוּפֶען אַקְנֶעכְט צוּ גָאט אִין זַיין תורה ומצות אִין זַיין תפלה אִין זַיין משא ומתן אָדֶער אִין זַיין מלאכה אִין זַיין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אִין זַיין קְלֵיידֶען אִין זַיינֶע תַעֲנוּגִים פוּן שַׁבָּת אוּנ יו"ט אָדֶער אַיין שמחת מצוה, אוֹיף דֶעם אַרְט הָאבֶּען דִיא חכמים גִיזָאגְט אַז אַלֶע דַיינֶע מעשים זָאלֶען זַיין לשם שמים, דֶען בַּייא גָאט אִיז נִיט אָן גִינוּמֶען נָאר וָואס

מען

עושה לשם שמים ויש בו גם כן פנייה אחרת. אינו מרוצה להשם ב"ה ואינו מקובל. כי לפניו אינו מקובל רק אם כוונתו לו לברו ולכבודו. וזהו מהות העבודה. ובפרטות אחז"ל מצות עשה מן התורה ולעבדו בכל לבבכם איזהו עבודה שהיא בלב הוי אומר זו תפלה ומפרש אב"ן עזרא שצריך להכרית מחשבותיו להתפלל בכוונה. ולפיכך נקראת עבודה. וגודל חיוב התפלה שתהיה בכוונת לבו. ומעלת התפלה וסידורה כאשר תקנו אנשי כנסת הגדולה היא גדולה עד מאוד יותר מכל הקרבנות. והנה התפלה על פי סוד אי אפשר לכל אדם. על כל פנים אם אינו מבין פירוש המלות עליו נאמר קרוב אתה בפיהם ורחוק מכליותם כי לבם בל עמם ורחמנא לבא בעי שיהיה הלב מבין. ואם כן חיוב גמור על כל אחד מישראל ללמוד פירוש המלות ולעיין בדבריהם ובמגמת עניניהם להבין המבוקש מכל ענין ועל ידי זה יכנוס בלבו מורא שמים מאוד וגדולתו

מֶען טוּט פוּן זַיין כָּבוֹד וֶועגִין אַלֵיין, אוּנ דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן גָאטֶס דִינְסְט, אוּנ בַּשֵׁיידְלִיךְ הָאבֶּען דִיא חכמים גִיזָאגְט דָאס וָואס דִיא תורה זָאגְט ולעבדו בכל לבבכם אִיר זָאלְט דִינֶען גָאט מִיט גָאר אַייֶער הַארְץ וֶועלְכֶע עבודה אִיז דָאס מִיטִין הַארְצִין? דָאס אִיז גִימֵיינְט תפלה, וָואס מֶען דַארְף בְּעֵת הַתְּפִלָּה צְווִינְגֶען אַלֶע גִידַאנְקֶען זַיי זָאלִין נוּר טְרַאכְטָען אוֹף דִיא וֶוערְטֶער וָואס דִיא מוֹיל רֶעט דְרוּם רוּפְט זִיךְ תפלה ,,דִיא עֲבוֹדָה פוּן הַארְצִין" פוּן דֶעם לֶערְנֶען מִיר דִיא גְרוֹיסֶע שׁוּלְדִיגְקַייט אַז דִיא תפלה זָאל זַיין מִיט כַּוָונָה פוּן הַארְצִין נִיט נָאר דִיא מוֹיל זָאל רֵיידִין אוּנ דִיא הַארְץ פַאר טְרַאכְט אִין אַנְדֶערֶע זַאכִין, אוּנ דִי מַעֲלָה פוּן דִי תפלה וִוי דִיא חכמים הָאבֶּען מתקן גִיוֶועִן אִיז זַייעֶר גְרוֹיס אוּנ וֶוערְדִיג מֶער אַז אַלֶע קָרְבָּנוֹת נוּן דִיא תפלה על פי הסוד דָאס קָאן נִיט אִיטְלִיכֶער, אָבֶּער דֶער וָואס פַאר שְׁטֵייט נִיט דִיא וֶוערְטֶער דָאס אוֹיס זַיין מוֹיל גֵייעֶן, אוֹף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק דוּא גָאט בִּיסְט נָאהֶענְט אִין אִיר מוֹיל אָבֶּער וַוייט פוּן אִירֶע נִירֶען, אוּנ גָאט בַּגֶערְט דָאס הֶערְץ זָאל פַאר שְׁטֵיין דְרוּם אִיז אִיטְלִיכֶער ישראל מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען פַאר טַייטְשִׁין דֶעם דַאווְנֶען בִּכְדֵי צוּ פַאר שְׁטֵיין וָואס עֶר בֶּעט כְּדֵי עֶס זָאל פוּן הַארְצֶען גֵיין, דוּרְךְ דֶעם וֶועט אִין זַיין הַארְצִין גֵיין גָאטֶס פָארְכְט אוּנ זַיין אַכְפֶּערְקַייט אַלֶע טָאג מֶער, אוּנ דָאס וֶועט אִים בְּרֵיינְגֶען צוּ ווִידֶער קֶערֶן זִיךְ פוּן זַיינֶע בֵּייזֶע דְרָכִים אוּנ צוּ פַאר רִיכְטֶען זַיינֶע מִדוֹת דֶען עֶר וֶועט זִיךְ דֶער וֶועקִין אוּנ אוּנְטֶער טֶענִיג מַאכֶען זַיין פַאר שְׁטָאפְּט הֶערְץ, אַז עֶר וֶועט

פאו

של הקב"ה מדי יום ויום יותר . וזה יהיה סיבה לשוב ממעש'ו הרעים ולתקן ענייניו . כי יתעורר עצמו ויכניע לבבו הערל . כשיבין שמתפלל בכל יום על חייו ושהוא צריך לרפואה לפרנסה ולשאר צרכי גופו . ואם ח"ו השם ב"ה יסתיר פניו ממנו אפילו רגע אחד ימצאהו צרות רבות ואז יתפלל מתוך קירות לבו כעני בפתח לפני הקב"ה אשר בידו למלאות שאלתו או למנוע ממנו ח"ו. ובכל תפלותיו יכוון על כל ישראל ומקיים בזה מצות עשה ואהבת לרעך כמוך. ולעולם ישתדל אדם להתפלל בבית הכנסת עם הצבור . דהפלת צבור מתקבלת יותר כמ"ש הן אל כביר לא ימאס . ומי שיש לו בית הכנסת בעירו ואינו נכנס להתפלל נקרא שכן רע וגורם הרבה רעות . ובפרט אלו נמסרו ביד היצה"ר שכל ישראל עומדים בבית ה' וצועקים שמע ישראל ואומרים קדיש וקדושה ומודים ומשבחים לממ"ה הקב"ה . והם שוכבים על מטותם . ובני אדם כאלו שוכחים השם ב"ה ואין להם יראת שמים כלל . והאב שרואה את בניו הולכים בדרך זה יעשה מלחמת ה'. ומוטב לאב שיתאחר זמן התפלה כמה וכמה פעמים ולא יכנס

פַאר שְׁטֵיין אַלֶע טָאג אַז עֶר אִיז מִתְפַּלֵל אוֹיף לֶעבִּין אוּנ רְפוּאָה אוּנ פַּרְנָסָה אוּנ אַלֶע בַּדֶערְפֶענִֶעשׁ פוּן זַיין גוּף , אוּנ וֶוען ח"ו השי"ת זָאל זַיין הַשְׁגָחָה פַאר בָּארְגֶען פוּן אִים אֲפִילוּ אֵיין אוֹיגֶען בְּלִיק וָואלְט אוֹף אִים קוּמֶען פִיל בֵּייזֶע צָרוֹת ח"ו , דַאן וֶועט עֶר תְּפִלָּה טָאן פוּן גְרוּנְד הַאֶרְץ פַאר הַשי"ת וָואס אִין זַיין הַאנְד אִיז צוּא דֶער פִילֶען זַיין גִיבֶּעט אָדֶער חלילה צוּא פַאר מַיידֶען פוּן אִים , אוּנ אִין אַלֶע זַיינֶע תפלות זָאל עֶר כוונה הָאבֶּען אוֹף כל ישׂראל , אוּנ דֶער מִיט אִיז עֶר מְקַיֵים אַיין מִצְוַת עֲשֵׂה דוּא זָאלְסְט דַיין גִיזֶעלֶען אַזוֹ לִיב הָאבֶּען אַזוֹ וִויא דִיךְ זֶעלְבְּסְט , אוּנ אֵייבִּיג מוּז זִיךְ אַמֶענְשׁ בַּאמִיהֶען דַאוָונֶען מִיטֶען צִבּוּר דֶען גָאט פַאר שֶׁעמְט נִיט אַיין צִבּוּר , אוּנ דֶער וָואס הָאט אַשׁוּל אִין זַיין שְׁטָאט אוּנ גֵייט נִיט אַרַיין תפלה טָאן , דֶער הֵייסְט אַיין שכן רע אוּנ עֶר אִיז גוֹרֵם פִיל בֵּייז , אוּנ דִיא דָאזִיגֶע זַיינֶען אִיבֶּער עֶנְפֶּרְט אִין דִיא הַאנְד פוּן יצה"ר דָאס כל ישׂראל שְׁטֵייעֶן אִין גָאטְס הוֹיז אוּנ שְׁרַייעֶן שמע ישׂראל אוּנ זָאגֶען אמן יהא שמיה רבא אוּנ קְדוּשָׁה אוּנ לוֹיבֶּען דֶעם מלך מלכי המלכים הקב"ה אוּנ עֶר לִיגְט אוֹף זַיין בֶּעט , אִין אַזֶעלְכֶע אִיז גֶעוִויס קַיין יראת שמים גָאר נִיטָא , אוּנ אַיין פָאטֶער דֶער דָא זֶעט דָאס זַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אִין אַזוֹ אַיין דֶרֶךְ , אִיז בֶּעסֶער דֶער פָאטֶער זָאל פִיל מָאל פַאר זַאמֶען זמן התפלה אוּנ זָאל אִין שוּל נִיט גֵיין בִּיז זַיינֶע

קינדר

לבה"כ בלא בניו עד שיהיו רגילים בכך. כי מהרגל נעשית הטבע ואז לא ישנו הרגלם ויודו לאביהם שהרגילם לכך. ואם ימרדו נגד אביהם שהם גדולים ואינו יכול לכוף אותם ירד עמהם עד לחייו שלא יענש על ידם וזהו מלחמות ה'. ומי שאי אפשר על כל פנים יתפלל בעת שהצבור מתפללים והוא עת רצון. ולעולם לא יפרוש מן הצבור בכל האופנים:

וכשנכנס לבהכ"נ ישים על לבו מה שאומר בפיו ואני ברוב חסדך אבוא ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך ויאמר מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלהים. לכן ראוי שיהא בבהכ"נ בהכנעה גדולה ומורא מלכות ואימת השכינה לא פחות כלפני מלך בשר ודם אשר מה ראוי ומחויב לקבוע ולייחד שעה קטנה זו לכבוד אלהינו לטהר מחשבותינו בשמחה וביראה ובהרדה בשירות ותשבחות בכל כוונתינו שתהא תפלתינו עטרה למלך מלכי המלכים הקב"ה. ולהתפלל במתון בתחנונים ולא

קינדער מוזען מיט אים גיין, ביז וואנען זייא וועלין איין גיוואונט ווערן אונ דאן וועלין זייא שוין זייערע גיוואונהייט ניט פאר ענדערין דען „דיא גיוואונהייט איז דיא צווייטע נאטור", אונ זייא וועלין לויבן איר פאטער וואס ער האט זייא גיוואונט דר צו, אונ ווען זיי זיינען גרויס אונ ווידער שפעניגען קעגען זייער פאטער אונ ער קאן זייא ניט צווינגען מוז ער מיט זייא גיין ביז אויף דאס לעבין אנדערש מוז ער גישטראפט ווערין דורך זייא, אונ דאס איז דיא שטרייט פון גאט. אונ ווען ניט מעגליך איז אין שול צו גיין זאל ער תפלה טאן אין דיא צייט אז דאס צבור תפלה טוט, דיא צייט איז בווילינגט, אונ אייביג מוז מען זיך ניט אב שיידען פון צבור אין אלע ענינים:

אונ אז ער אין שול קומט זאל ער צום הארצין נעמין פאר וועמען ער שטייט דא, אונ זאגען איך קום אין גאטס הויז דיא פארכט פון דאס הויז פאלט אויף מיר פון וועגען דיא שכינה דיא דא רוהט אין גאטס הויז, אונ מוז אין שול זיין מיט גרויס אונטער טעניקייט אונ פארכט ניט ווייניגער אלס פאר איין מלך בשר ודם, דרום איז רעכט צו באמיהען זיך תאטש לפחות דיא קליינע שעה צו זיצען לכבוד אונזער גאט, צו ריינינען אונזרע גידאנקען מיט פרייד אונ פארכט אונ מיט דער שרעקעניש, מיט לויב גזאנג אונ מיט אלע אונזער כוונה, דאס אונזער תפלה זאל זיין איין קרוין צו דעם ממ"ה הקב"ה, אונ לאנגזאם ניט גיאיילט, וואורט בייא וואורט זיין תפלה טאן מיט גיבעט, אבער ניט דאס

מיר

שנעשה תפלותינו ובקשתינו כמי שרוצה לפטור ממשא שמוטל עליו . ומתפלל בחפזון ומהירות. ולהזהר שלא נוציא מפינו שום דיבור רק שנהיה קשובות לשמוע אל התפלה שהש"ץ מתפלל . ולענות אמן על כל ברכה וברכה ואמן יהא ש"ר וקדושה :

וצריך לדעת שסדר התפילה והזמירות והשירות בין בעמידה בין בישיבה מתחילה ועד סוף תקנו אנשי כנסת הגדולה לתקן תיקון בעולמות עליונות וסודות נפלאים ונוראים ואף מי שאינו יודע אותן כוונות לעולם התפלה פועלת ומועלת לתיקונים האלה משל הרופא אף שהחולה אינו מבין המזור הרפואה פועלת ומועלת . רק צריך להזהר שלא לקלקל במחשבות זרות וידקדק בכל תיבה שתהא בשפה ברורה שלא ידלג אף מלה אחת . ושלא ישנה אפילו נקודה אחת כאילו מונה מעות וישים נגד עיניו שהוא עומד לפני ממ"ה הקב"ה אשר מלא כל הארץ כבודו . ובפרט שבהכ"נ שהוא מקדש מעט צריך לעמוד באימה וביראה ושלא לשיח שיחה בטילה וכ"ש בשחוק וקלות ראש . הלא האיסור הזה

מִיר אוּנְזֶרֶע תפלות אוּנ בקשות זָאלֶען טָאן גְלַייךְ וְויא אֵיינֶער טְרָאגְט אַיין לַאסְט אוּנ וָואלְט גֶערִין פָּטוּר וֶוערִין , אוּנ טוּט זַיין תפלה אַיילִינְדִיג אוּנ גֶעשְׁוִוינְד , אוֹךְ מוּזֶען מִיר זַייעֶר גִיוָוארִינְט זַיין דָאס מִיר פוּן אוּנְזֶער מוֹיל קַיין וָוארְט נִיט אוֹיס רֵיידֶען נַייאָרְט אַיין צוּ הֶערְכִין חזרת הש"ץ אוּנ עֶנְפֶּערֶען אָמֵן אוֹיף אִיטְלִיכֶע ברכה אוּנ . אמן יהא שמיה רבא אוּנ קדושה נָאךְ זָאגֶען :

מֶען מוּז וְויסֶען אַז דֶער סדר התפלה פוּן אָן פַאנְג בִּיז צוּם עֶנְדֶע הָאבֶען דִיא אנשי כנסת הגדולה מתקן גִוֶועזִין אוּם צוּא פַאר רִיכְטֶען עולמות עליונים אוּנ זַיינֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע סודות, אוּנ וֶוען אֲפִילוּ מֶען פַאר שְׁטֵייט נִיט דִיא כוונות פוּן דֶעסְט וֶועגִין טוּט דָאךְ דִיא תפלה אִיר וִוירְקוּנְג גְלַייךְ אַז אַיין דָאקְטֶער פַאר שְׁרַייבְּט אַיין מֶעדִיצִין וֶוען שׁוֹין דֶער חוֹלֶה פַאר שְׁטֵייט נִיט טוּט זִיא דָאךְ אִיר רְפוּאָה , נַייעֶרְט עֶר מוּז גִיוָוארִינְט זַיין דָאס עֶר זָאל אִיר נִיט מקלקל זַיין מִיט פְרֶעמְדֶע גִידַאנְקֶען אוּנ מוּז מדקדק זַיין אָן אִיטְלִיכְס וָוארְט וְויא עֶר גֶעלְט צֵיילְט , אוּנ עֶר זָאל טָאן קֶענֶען זַיינֶע אוֹיגֶען אַז עֶר שְׁטֵייט פַאר דֶעם מלךְ מה"מ הקב"ה וואס זַיין כבוד אִיז פוּל דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט , בפרט אִין שׁוּל דָאס הֵייסְט אַיין מקדש מוּז דֶער מֶענְשׁ דְרִינֶען שְׁטֵיין באימה וביראה , אוּנ גָאר קַיין וָוארְט שְׁמוּעֶסֶן אוּנ פְּשִׁיטָא נִיט אִין גִילֶעכְטֶער אוּנ קלות

ראש

מפורסם בגמרא ובפוסקים ובכל הספרים . וכך כתוב בשולחן ערוך א"ח סי' קנ"א בתי כנסיות הם נקראים מקדש מעט וכתיב את מקדשי תיראו לפיכך אסור לנהוג בהם קלות ראש כגון שחוק והיתול ושיחה בטילה כדי שיהא מורא של השוכן בה עליו . ובכל ספרי גדולי חכמי ישראל מאריכין הרבה ומחמירים באיסור זה מאוד :

כתב בהגהות יש נוחלין האלהים שבכל העבירות לא ראיתי כהנה כי בשאר עבירות כגון גזל ועריות ומאכלות אסורות וכיוצא בהן יצרו מתגבר עליו ומתאוה להם להנאות גופניות אבל בזה האיסור אין שום דבר יוצא ממנו כי אם בזדון לבו וברצונו מורד באדונו ומושך עליו כח היצה"ר ומזלזל בכבוד הקב"ה בהיכלו הקדוש בפרהסיא בתוך קהל ועדה . ובאשר שעבירה זו לא תיעשה בפחות משנים . א"כ הוא כירבעם חוטא ומחטיא . ועון זה מעכב את הגאולה כמ"ש בזוהר מאן דמשתעי בבי

ראש , דער אִיסור איז דָאךְ בַּאשִׁיידְלִיךְ אִין דִיא גמרא אונ פוסקים אונ אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע ספרים , אִין שולחן ערוךְ אורח חיים שְׁטֵייט אִין סימן קנ"א דִיא שׁוּלֶען וֶוערִין גִירוּפִין אַיין מקדש , אונ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פַּאר מַיין מקדש זָאלְט אִיר אַייךְ פָּארְכְטֶען , דְרוּם אִיז אָסור אִין שׁוּל נוֹהֵג צוּ זַיין קלות ראש שְׁמוּעֶסֶן אונ לַאכֶען , דֶען דִיא מוֹרָא פוּן דִיא שכינה דִיא דָא רוּהט אִין דִיא שׁוּל מוּז אוֹף אִים זַיין , אונ אַלֶע סְפָרִים פוּן דִיא חכמי ישראל זַיינֶען זֵייעֶר מַאריךְ אונ זַיינֶען מחמיר אִין דֶעם אִיסוּר :

אִין דִיא הגהות יש נוחלין שְׁטֵייט , דָא שְׁוֶוער אִיךְ בַּייא גָאט דָאס אוּנְטֶער אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיז אַזוֹ אַיין עֲבֵירָה נִיטָא וִויא שְׁמוּעֶסִין אִין שׁוּל , דֶען אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת דְהַיְינוּ גזל עריות אָדֶער מַאֲכָלִים אֲסוּרִים אונ דָאס גְלַייכֶען , שְׁטַארְקְט זִיךְ דֶער יצר.הרע אוֹיף אִים אונ גְלוּסְט זֵייעֶר דֶער צוּ פוּן וֶועגִין דִיא הֲנָאָה פוּן זַיין גוּף וָואס עֶר הָאט פוּן דֶעם , אָבֶער דִיא עֲבֵירָה פוּן שְׁמוּעֶסִין אִין שׁוּל קוּמְט גָאר קַיין הנאה דֶער פוּן אַרוֹיס, נַייעֶרְט מִיט זַיין מוּטְוִוילִיג הַארְץ אונ מִיט זַיין ווִילֶען אִיז עֶר מוֹרֵד אִין זַיין הֶער אונ צִיהט אוֹף זִיךְ דֶעם כֹּחַ פוּן יצר הרע אונ אִיז מְזַלְזֵל דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶער שְׁכִינָה אִין זַיין הֵיילִיגֶען פָּאלֶעשׁ פַּאר כָּל הַקָּהָל : אונ וַוייל דִיא עֲבֵירָה (פוּן שְׁמוּעֶסִין אִין שׁוּל) קֶען דָאךְ נִיט גִיטָאן וֶוערִין אֵיינֶער אַלַיין עֶר מוּז דָאךְ רֵיידֶען צוּ וֶועמֶען זִינְדֶעגְט עֶר אונ מַאכְט אַנְדֶערֶע זִינְדִיגֶען , אַזוֹ וִויא (ירבעם, ובעונותינו הרבים) דִיא זִינְד הַאלְט

אוף

כנישתא אנהיג קלנא בשכינתא על דא מתעכבי ישראל בגלותא ולית ליה חולקא באלהא דישראל והרי הוא ככופר בעיקר. שומו שמים על זאת מי לא ישים זאת על לבו מאין בא נגע זו לישראל לבזות השכינה בהיכל קדשו כי עינים רואות שאיסור זה נעשה ממש היתר גמור לרוב האנשים גם להרבה מן הלומדים וכמה לומדים כששואלים להם איזה דין או פירוש הם משיבים ובאמת יוצא קלקול גדול מזה. כי הנבלים והכסילים רואים מרחוק וחושבים כי בדברים בטלים דברו ועושים גם המה בשחוק ומנבלים את פיהם ותולין עצמם באילנות הגדולים. והמוכיח אותם הם מתנצלים ואומרים וכי טוב אני יותר מפלוני שהוא למדן וחשוב. ואין ספק כי אותן הלומדים יענשו על כולם כי מהם ילמדו קלי הדעת הרואים מרחוק וחושבים שבדברים בטלים הם משיחין ומזה יצא קלקול בישראל עד שנעשה

מבזה את התורה ואינה נחשבת בעיני לכלום ולא אזכה לכל המעלות הנזכרות ואענש בכל העונשין . וא"כ הלא טוב לי יותר שאשמע לעצת ה' באהבתנו ובאהבת אבותינו יעץ לנו בתורתו ואמר לנו ובחרת בחיים היא התורה כי הם חיינו בעה"ז ואורך ימינו לעה"ב ובודאי יתעורר לבבו על פי כל הדברים האלה . אבל מי שאינו משים על לבבו כל אלה הדברים ואפילו אוי ואבוי לא יאמר אין ספק שבני אדם כאלה המה ממשוגעים שנתעוות דעתם ושכלם והיצה"ר טח עיניהם מראות מהשכיל לבותם והמה נמסרים ביד היצר הרע ואין תרופה למכתם ואוי להם כי חכמים הם בעיניהם ואין להאריך בעונשים של אלו דאתקריאו עצים יבשים דאינון עתידין לאתוקדא בנורא דגיהנם וזו הערה ללמוד תורה לכל ישראל ואין שום אחד מישראל שפטור מתלמוד תורה כל אחד לפי

ווילִיג הַאַרְץ טוּא פַאר שֶׁעמֶען דִיא לִיבֶּע תּוֹרָה, אוּנ זִיא אִיז גָאר נִישְׁט גִירֶעכִינְט אִין מַיינֶע אוֹיגֶען , אוּנ זָאל נִיט זוֹכֶה זַיין צוּא אַלֶע דִיא אוֹיבֶּען גִימֶאלְטֶע מעלות אוּנ זָאל אַזוֹ גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין , אִיז דָאךְ גֶעווִיס בֶּעסֶער צוּא מִיר דָאס אִיךְ זָאל פָאלְגֶען דִיא רַאט פוּן הקב"ה , דָאס ווַייל עֶר אוּנְז לִיב הָאט , אוּנ וֶועגִין דִיא לִיבְשַׁאפְט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶרִין הָאט עֶר אוּנְז גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דִיא הֵיילִיגֶע תורה ובחרת בחיים דוּא זָאלְסְט אוֹיס דֶער ווֵיילֶען דָאס לֶעבִּין , דָאס אִיז דִיא לִיבֶּע תורה דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶר לֶעבִּין אִין דִי וֶועלְט אוּנ מִיר זַיינֶען דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה צוּ דָאס אֵייבִּיגֶע לֶעבִּין , אוּנ דוּרְךְ דִיא רֵייד וֶועט עֶר גֶעווִיס זַיין הַאַרְץ דֶער וֶועקִין , אָבֶּער דֶער זִיךְ דִיא אַלֶע רֵייד טוּט נִיט דֶער וֶועקִין , אוּנ עֶר זָאגְט אֲפִילוּ נִיט אוֹי אוּנ ווֵייא דָאס אִיז גֶעווִיס דָאס אַזֶעלְכֶע לַייט זַיינֶען אַזוֹ ווִיא מְשׁוּגָע דָאס זַייעֶר דֵעָה אוּנ שֵׂכֶל אִיז פַאר קְרִימְט , אוּנ דֶער יצר הרע הָאט פַאר קְלֶעפְּט זַייעֶרֶע אוֹגֶען אוּם צוּ זֶעהְן, אוּנ זַייעֶר הַאַרְץ אוּם צוּ קְלִיגֶען אוּנ צוּא פַארְשְׁטֵיין וָואס פַאר זֵייא גוּט אָדֶער בֵּייז אִיז , אוּנ זֵייא זַיינֶען אִיבֶּער עֶנְטְפֶערְט אִין דִיא הֶענְד פוּן יצר הרע , אוּנ עֶס אִיז קֵיין הֵיילוּנְג צוּ אִיר מכה , ווֵייא צוּ זֵייא צוּ דִיא דָא זַיינֶען קְלוּג אִין זַייעֶרֶע אוֹיגֶען , וָואס זָאל אִיךְ נוּן מַאֲרִיךְ זַיין פוּן זַייעֶרֶע עוֹנְשִׁים וָואס אַזֶעלְכֶע לַייט אִיבֶּער קוּמְט . זֵייא זַיינֶען דַארֶע הֶעלְצֶר אוּנ וֶועלִין פַאר בְּרֶענְט וֶוערִין אִין גֵיהִנָם . וְזוֹ אוּנ דָאס אִיז אַיין דֶער וֶועקוּנְג צוּ לֶערְנֶען תורה צוּ כל ישראל , אוּנ קֵיין מֶענְשׁ אִיז פָּטוּר

יכולתו ובפרט העשירים שיש להם די פרנסתם ומחיתם ומבלים ימיהם תמיד לצבור כעפר כסף ואין נותנין פנאי לקבוע בכל יום לעסוק בתורה ודוקא על דרך זה שלא יאבד ממנו מה שילמוד ואף אם ילמוד מעט מעט בודאי ברוב שנים יהיו לומדים ויעסקו בתורה בחשק ובשמחה כי פקודי ה' ישרים משמחי לב ואף אם אלו העשירים מחזיקים לומדי תורה בודאי ענוש יענשו על בטולה של תורה לאנשים כאלה. ורבי אליעזר בן חרסום מחייבם שהיה עשיר והיה מחזיק הרבה לומדי תורה והיה תמיד עוסק בתורה כי אין הנשמה נהנית אלא ממי שיגע בתורה ולפום צערא אגרא. ומכ"ש אותן הלומדים שמחזיקים ידיהם והם בזדון לבם אינן מתמידים בתורה וביראת שמים. אנה יוליכו חרפתם ביום הדין והתוכחה. כי כל חכם וחכם מישראל שיש לו דברי תורה לאמיתו ובפרט ת"ח שמחזיקים ידיהם ללמוד תורה צריכין ללמוד בהתמדה נפלאה בלי ביטול

אום צוא לֶערְנֶען, אִיטְלִיכֶער נָאךְ זַיין מַאכְט, אוּנ בִּפְרַט עֲשִׁירִים דִיא הָאבֶּען בָּרוּךְ הַשֵּׁם גִינוּג פַּרְנָסָה, אוּנ פַאר בְּרֵיינְגֶען תָּמִיד זֵייעֶרֶע טֶעג צוּ פַאר זַאמְלֶען גֶעלְט וְויא עֶרְד, אוּנ גֶעמֶען קֵיין צֵייט צוּ לֶערְנֶען. אוּנ דווקא אִין דִיזֶען אַרְט דָאס עֶר זָאל נִיט פַאר גֶעסֶען וָואס עֶר בִּיסְלֶעךְ וֵויים לֶערְנְט, דֶען וֶוען מֶען הָאטְשֶׁע וְוינְצִיג לֶערְנְט אוּנ הֶזֶערְט אִין דֶעם צוּ פַאר שְׁטֵיין מִיט דֶער צֵייט אִין עֶטְלִיכֶע יָארֶען וֶוערִין זֵייא לומדים, אוּנ וֶועלִין תורה לֶערְנֶען מִיט חֵשֶׁק אוּנ שִׂמְחָה, דֶען דִיא תורה וָואס מֶען לֶערִינְט רֶעכְט פַארְטִיג דֶער פְרֵייט דָאס הַארְץ. תָאטְשֶׁע אַזָעלְכֶע עֲשִׁירִים דִיא מַחֲזִיק זַיינֶען לומדי תורה, אִיז אוֹיךְ קֵיין סָפֵק דָאס זֵייא וֶועלִין גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין אוֹיף זֵייא הָאבֶּען מְבַטֵל גִיוֶועזִין זֶעלְבְּסְט תורה צוּא לֶערְנֶען, אַזָעלְכֶע לַייט אִיז רבי אליעזר בן חרסום מחייב דֶער וַואר אַגְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּנ הָאט פִיל תלמידי חכמים מחזיק גִיוֶועזִין אוּנ הָאט דָאךְ זֶעלְבְּסְט פְלַייסִיג תורה גִילֶערִינְט אַלֶע צַייט! דֶען דִיא נְשָׁמָה הָאט אַנְדֶערְשׁ קֵיין הֲנָאָה נַייעֶרְט דֶער וָואס בַּמִיהט זִיךְ אִין דֶער תורה, אוּנ נָאךְ דָאס מִיהֶען נָאךְ אִיז דֶער שְׂכַר, אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן דִיא תלמידי חכמים דִיא מֶען אִיז מַחֲזִיק דָאס זֵייא זָאלֶען תורה לֶערְנֶען אוּנ זַיינֶען נִיט גַאנְץ פְלַייסִיג אִין תורה אוּנ יראת שמים, וְויא וֶועלִין זֵייא זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערִין צוּם יום הדין, דֶען אִיטְלִיכֶער תלמיד חכם פוּן ישראל אוּנ בִּפְרַט אַזָעלְכֶע דִיא מֶען אִיז מַחֲזִיק צוּ לֶערְנֶען דִיא מוּזֶען פְלַייסִיג לֶערְנֶען אָן בִּיטוּל, אוּנ מוּזֶען זַיין גַאנְץ גָאטְס פַארְכְטִיגֶע לַייט

אוּנ

וצריכין להיות יראים ושלמים וללמד לאחרים לשם שמים. ולהתאונן ולקונן תמיד על חורבן ב"ה ולהתאנח על כבודו של הקב"ה ועל כבודן של ישראל שנתמעט ולצפות תמיד על כבוד ירושלים ועל בית המקדש ועל הישועה שתצמח בקרוב ועל כינוס גליות ויבכה על התורה שנשתכחה ויאנח על יראי השם ברוך הוא אשר נמאסו. ויתמרמר על מיעוט חסידות ועל ישראל עם ה' אשר נדרסו ברגל. ויעלה ירושלים על ראש שמחתו לראות בשמחתה. ואז הקב"ה משמח בתורתו ומשרה רוח הקודש בקרבו ות"ח כאלה מזכים לכל המחזיקים אותם וכל ישראל. ואפילו לומדים יהיה עיקר למודם החזרה ויהיו בקיאים ויצליחו בתורה ויוסיפו בכך יראת שמים. וצריך לדעת שכל תורה ומעשים טובים של אדם בעודו רשע אין צריך לומר שאינו נותן כח בקדושה אלא שנותן כח בקליפה והוא מוסיף על חטאתו פשע וגדול עונו מנשוא. ותורתו נעשית לו סם המות. כי בתורה אדם לומד כל ערמומיות ורמאות כמו שאמר ר' יוחנן

אונ מוזען מיט אַנדערע לערנען לשם שמים, אונ טרויערין אוף חורבן בית המקדש. וועגין דעם כָּבוֹד פון הקב"ה אונ יִשְׂרָאֵל דאס גימינערט בעו"ה איז גיוואָרען, אונ האָפען אַלע צייט אוף דעם כָּבוֹד פון יְרוּשָׁלַיִם אונ בית המקדש אונ אוף דיא יְשׁוּעָה דאס זיא בַאלד זאל שפּראָצען, אונ אוף דיא פאר זַאמלונג פון דאס גָלוּת, אונ זאל וויינען אוף דיא תורה דיא פאר געסען איז גיוואָרין, אוף גאָטס פאָרכט דאס אַזוּ פאר שעמט איז גיוואָרען, אונ זיין האַרץ זאל אים פאר ביטערט זיין אוף דאס ווייניג חֲסִידוּת, אונ אין זיין גרעסטע שִׂמְחָה זאל ער דיינקען צוּא זעהן דיא שִׂמְחָה פון יְרוּשָׁלַיִם, אַזוּ איין תלמיד חכם טוט זיך הקב"ה מְשַׂמֵחַ זיין מיט זיין תורה, אונ וועט אים געבין איין היילִיג גֶעפיל, אַזעלכע תלמידי חכמים זיינען מְזַכֶּה דיא לייט דיא זייא מַחֲזִיק זיינען אונ זיינען מְזַכֶּה כל ישראל, אונ אֲפִילוּ לומדים מוז זייער עִיקָר לִימוּד זיין אום חֲזָרֶען וועלין זייא בְּקִי זיין אונ וועלין מַצְלִיחַ זיין אין דער תורה, אונ דער מיט וועלין זייא מוֹסִיף זיין יראת שמים, אונ דאס מוז מען וויסען דאס דיא גאַנצע תורה אונ מעשים טובים פון מענשן וועען ער איז נאך איין רָשָׁע דאס ברויכט מען ניט צו ריידען דאס ער קיין כֹּחַ גיבט אין דער קְדוּשָׁה, נייערט ער גיבט כח אין דיא קְלִיפָּה, זיין זינד איז גאר גרויס אונ דיא תורה איז צו אים איין סַם הַמָּוֶת, דען אין דער תורה לערינט ער אַלע עָרְמוּת אונ רַמָאוּת, אַזוּ האָט

רבי

בן זכאי אוי לי אם אומר אוי לי אם לא אומר אם לא אומר יאמרו העמי הארצות שאין ת"ח יודעים מהרמאות שלהם ואעפ"כ אני אומר אותם צדיקים ילכו בם וישמרו מכל הרמאות ופושעים יכשלו בם וילמדו בתורה כל הרמאות וכל הרעות ועל כל זה ע"י התשובה יתוקן הכל כי אין לך דבר שעומד בפני התשובה. ועיקר התשובה החרטה ועזיבה ווידוי וקבלה. ואין זה תשובה שמכה באגרוף על החזה ומתפאר ואומר אשמנו בגדנו ואינו מתחרט על מעשיו ועושה מה שרגיל לעשות כל זה הוא היסוד העשירי כי הוא צופה ויודע סתרינו והוא בוחן לבות ויודע כל העשתונות אם החרטה היא בלב שלם. ויקבל עליו לעזוב העונות עד עולם ויתודה כל ימי חייו אז השם ברחמיו יחשוב לו הזדונות כזכיות והתורה תהא לו לסם חיים ויקבל שכר על כל מעשיו הטובים ועל כל מהשבותיו הטובים ואע"פ שאין כוונתו לשכר רק לאהבת ה' לעולם אין הקב"ה מקפח שכר

רבי יוחנן בן זכאי גיזָאגְט עֶס אִיז מִיר וויא וֶוען אִיך זָאל זָאגֶען אַלֶע רַמָאוֹת וועלין דיא עמי הארצים אָפּ לֶערְנֶען וויא מֶען קָאן מְרַמֶה זַיין, זָאל אִיך עֶס נִיט זָאגֶען וועלין דיא עמי הארצים מֵיינֶען דיא תלמידי חכמים ווייסֶען פוּן אוּנְזֶערֶע רַמָאוֹת נִיט, אָבֶער עֶר הָאט עֶס דָאךְ גְזָאגְט, דָען דיא צַדִיקִים וועלין לֶערְנֶען אַלֶעס וָואס אַיין רַמָאוֹת אִיז אוּנ וָועלִין עֶס נִיט טָאן, אוּנ דיא רְשָׁעִים וועֶרִין גִישְׁטְרוֹיכֶלְט אוּנ וָועלִין אִין דֶער תורה לֶערְנֶען צוּ טָאן אַלֶע רַמָאוֹת אוּנ אַלֶע רָעוֹת, אָבֶער אוֹיף אַלֶעס הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, עֶס אִיז קיין זַאךְ דָאס דָא בְּלַייבְּט שְׁטֵיין קֶעגְין תְּשׁוּבָה, אוּנ דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה זַיינֶען פִיר זַאכֶען, חרטה, עזיבה, מֵיינְט מֶען צוּ פַאר לָאזֶען אוֹיף אֵייבִּיג אַלֶע זִינְד, ווידוי מֵיינְט מֶען בֶּקֶענֶען פַאר השי"ת וויא שֶׁענְדְלִיךְ עֶר הָאט גִיטָאן, קַבָּלָה מֵיינְט מֶען עֶר אִיז אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל אוֹיף אֵייבִּיג קיין זִינְד צוּ טָאן, אָבֶער דָאס אֵיינֶער קְלַאפְּט מִיט דיא פוֹיסְט אוֹיף זַיין בְּרוּסְט אוּנ בַּארִימְט זִיךְ אִיךְ הָאבּ גִישׁוּלְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ גִיפֶעלְשְׁט, אוּנ מָארְגֶען הָאט עֶר ווידֶער קיין חֲרָטָה עֶר טוּט ווידֶער זַיינֶע גִיוואוֹנְהַייט, אוֹיף דיא בְּרוּסְט צוּ קְלַאפֶּן אִיז אוֹךְ אַיין גִיוואוֹנְהַייט, אוּנ דֶער יצר הרע רֶעט אִים אָן אַז עֶר קְלַאפְּט אַלֶע טָאג אָשַׁמְנוּ אִיז עֶר אַצַדִיק, וּבֶאֱמֶת אִיז דָאס קיין תְּשׁוּבָה דָען תְּשׁוּבָה אִיז טֵייטְשׁ ווידֶער קֶערֶן, עֶר מוּז אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל זַיין דָאס עֶר זַיין גַאנְצִין לֶעבִּין אַזֶעלְכֶע זִינְד שׁוֹין מֶער נִיט טְאן, אוּנ צוּ הִיטֶען זִיךְ פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע זִינְד, אוּנ אַלֶע טָאג בַּטְרוֹיעֶרִין אוּנ חֲרָטָה הָאבֶּען אוּנ מִתְוַדֶה

בריותיו . ואם לא ישים על לבו תורה ויראת שמים ידע בבירור כי ענוש יענש . ואילו רציתי לכתוב כאן העונשין משבעה מדורי גיהנם ומכף הקלע ומגלגולים ומשאר עונשים אשר לא יספרו הייתי נוטה מדרכי הקצר . חוץ מעונשי עה"ז והצרות רעות ויסורין ודלות ועניות ומאורעות רבות שלפעמים באים לאדם בעונותיו אם חוזר בתשובה נמחלו עונותיו בזה העולם . ואם לאו הרי אלו היסורים בזה העולם הם פירות עונותיו והקרן נשאר להענש אחר מיתתו . והוא היסוד האחד עשר שהוא גומל לאיש חסד כמפעלו ויתן לרשע רע כרשעתו וכאשר יאמין באמונה שלימה בגמול ועונש וביום שישים אל לבו לשוב בתשובה שלימה יחשוב תמיד על ימים הראשונים שעברו בלתי עבודת ה' ותורתו . ויתקן בימים הנשארים כל מה דאפשר לו . כי אין שכחה לפניו רק שהוא צופה לרשע וחפץ בהצדקו ואם לא ישוב בודאי יענש . ובפרט אם הוא סמוך לזקנתו

זַיין אוֹיף זַיינֶע זִינְד מִיט אַיין צוּבְּרָאכִין גֶעמִיט , אוּנ דָאס אִיז דֶער צֶעהַנְטֶער יְסוֹד דָאס הקב"ה לוּגְט אוּנ ווייסְט אַלֶע אוּנְזֶערֶע פַאר בָּארְגֶענֶעשׁ , עֶר פְּרוּבְט דִיא הֶערְצֶער , עֶר ווייסְט אַלֶע גְדַאנְקֶען אוֹיבּ דִיא הֲרָטָה אִיז מִיטֶען גַאנְצֶען הַארְצְן , דֶען ווֶערִין אֲפִילוּ זַיינֶע מוּטְ- ווילִיגֶע זִינְד פַאר זָכִיוֹת גִירֶעכֶנְט , דֶען דִיא דֶער בַּארֶעמְקַייט פוּן הקב"ה אִיז גְרוֹיס אוּנ דַאן ווֶעט דִיא תורה צוּ אִים זַיין אַיין סַם חַיִים , אוּנ עֶר ווֶעט מְקַבֵּל זַיין שְׂכַר אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים , חָאטְשֶׁע זַיין כַּוָונָה אִיז נִיט פוּן ווֶעגִין שְׂכַר נַייעֶרְט אוּם ווִילֶען דִיא לִיבְּשַׁאפְט צוּא גָאט , אַייבִּיג טוּט הקב"ה קֵיין בַּשֶׁעפֶענֶעשׁ נִיט פַאר שְׁנַיידֶען זַיין שְׂכַר : וְאִם אוּנ וָוען דֶער מֶענְשׁ ווֶעט נִיט צוּם הַארְצִין נֶעמֶן תורה צוּ לֶערְנֶען אוּנ יראת שמים , מוּז עֶר קְלָאר ווִיסֶען דָאס עֶר ווֶעט גִישְׁטְרָאפְט ווֶערִין , וָוען אִיךְ ווָאלְט דָא שְׁרַייבֶּען דִיא עוֹנְשִׁים פוּן זִיבֶּען גִיהִנם אוּנ כַף הקלע אוּנ פִיל אַנְדֶערֶע עוֹנְשִׁים ווָאלְט אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין סֵדֶר דָאס אִיךְ בִּין מְקַצֵּר , חוּץ דִיא עונשים פוּן דֶעם עוֹלָם פוּן צָרוֹת רָעוֹת יְסוּרִים דַלוּת עֲנִיוּת אוּנ אַלֶערְלֵייא גֶעשִׁיכְטֶעס ווָאס אַלֶעס טְרֶעפְט זִיךְ אִין עוֹלָם , ווָאס אַלֶעס אַיין מֶענְשׁ קָאן אִיבֶּער קוּמֶען ווֶעגִין זַיינֶע זִינְד , טוּט דֶער מֶענְשׁ תְּשׁוּבָה ווֶערִין דֶער מִיט זַיינֶע זִינְד פַאר גֶעבִין אוֹיף דִיא ווֶעלְט , אָבֶּער טוּט עֶר דָאךְ קֵיין תְּשׁוּבָה זַיינֶען אַלֶע דִיא יְסוּרִים דִיא פֵּירוֹת פוּן דִיא עֲבֵירוֹת אוֹיף דִיא ווֶעלְט , אוּנ דֶער קֶרֶן פוּן דִיא עֲבֵירוֹת בְּלַייבְּט אִים בִּיז נָאךְ זַיין טוֹיט , אוּנ דָאס אִיז דֶער עֶלְפְטֶער יְסוֹד פוּן

צריך להכין צדה לדרך. ע"כ יהא עיקר דאגתו והשתדלותו בזה העולם על תיקון נשמתו ואל ידאג תמיד בצרכי גופו ויבטח בכל עניניו על השם ב"ה כי אין עוד מלבדו ומה שגזר ברחמיו ובחסדיו יהא. משל לאדם שצריך לילך בדרך רחוקה מזמין צדה וכל מה שצריך לדרך ואינו יודע אם יהנה ממנו. ומדוע לא ישים האדם אל לבו לזכור אחריתו להזמין צדה לבית מועדו אשר אין לו מברח ממנו. אנו רואים שבכל יום מתים ילדים קטנים נערים בחורים וזקנים וישישים ובאמצע ימיו ובשליש ימיו ואינו יודע עתו. שהנשמה אצל האדם פקדון ופתאום צריך להשיב פקדונו בלי ידיעת דבר מקודם בעת שהיתה תקותו חזקה להשתעשע בשמחה. ע"כ צריך להיות מוכן בכל יום ויום. כמ"ש חז"ל שוב יום אחד לפני מיתתך דהיינו בכל יום לפי שאינו יודע מיתתו. ואל יאמר האדם אילו היה כך וכך הייתי לומד או הייתי עושה. כי זה פתוי היצה"ר

דאס יודישע גלויבען, נאט טוט פאר געלטען אונ בצאלען אמענשען דער גוט אונ פרום איז נאך זיינע ווערקען אונ בצאלט דעם שלעכטען נאך זיין שלעכטיקייט, אונ אז אמענש גלויבט אן שכר אונ עונש, אונ אין דעם טאג דאס דער מענש וועט צום הארצען נעמען צוא ווידער קערין מיט תשובה, זאל ער אלע טאג דיינקען אויף דיא ערשטע טעג דיא פאר בייא זיינען אן גאטס דינסט, אונ זאל אין זיינע איבעריגע טעג פאר ריכטען וואס מעגליך איז, דען פאר נאט איז ניט פאר געסין, נייערט ער לוגט צו דעם רשע אונ ער בנערט דאס ער זאל זיך גרעכט מאכין, אונ ווען ער טוט ניט קיין תשובה וועט ער בוודאי גשטראפט ווערין, ובפרט ווען ער נון בגינט אלט צו ווערין, מוז ער שפייז אן ברייטען צו דעם וועג, דרום מוז זיין עיקר זארג אונ פלייסיקייט אין דעם עולם זיין נייערט זיין נשמה צו פאר ריכטען אונ ניט תמיד זארגען פאר דעם גוף, דען וואס גאט האט שוין אמאל אויף אים גוזר גיוועזן דאס וועט שוין זיין, דורך זיינע גנאד אונ דער בארעמקייט, למשל איין מענש דער איין ווייטען וועג האט צוא רייזען, ברייט ער זיך אן שפייז אונ אלעם וואס נייטיג אין וועג איז, אונ ער ווייסט דאך ניט אויב ער וועט דאס געניסען אונ ווארום זאל דען אמענש ניט צום הערצין נעמען צו גידיינקען זיין לעצטעס, אום זיך שפייז אן צו ברייטען תורה אונ מצות צדקה ומעשים טובים, צו זיין גיזעצט הויז דאס מען קאן דער פון ניט לויפען, אונ מיר זעהן דאך דאס אלע טאג שטארבען

להדיחו אלא זה העיקר אצל האדם להשתדל בכל כחו מה שביכולתו מתורה ומצות ומע"ט בכל יום ויום . ואל תאחר מעשה יומך למחרתך . כמו שאדם אוכל ושותה בכל יום ויום כך צריך להאכיל לנשמתו תורה ומצות ומעשים טובים בכל יום ויום שמא תבא למחר ואיננו או שמא לא תפנה . וגם מזה צריך להשמר מאוד ומאוד פן יסיתך היצר הרע ויפה לך חברת בני אדם . כי עמוד בר לבב אהבת הבדידות כי ע"י הבדידות הוא חוזר תמיד למודו וניצול מכמה עבירות שאין לספר ולפיכך לא אאריך בסיפורו. אבל בחברת חכמי התורה האמיתיים והיראים והשלמים שכל דברי חולין שלהם צריכין לימוד מעלות יתירות ממעלות יחידות כמ"ש הולך את חכמים יחכם . ויתאוה ללמוד תורה ולעשות מע"ט

קְלֵיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶע אַלְטֶע מִיטֶעל יָארֶען אִין דְרִיט חֵלֶק פוּן זַיינֶע יָארֶען, עֶר ווייסְט זַיין צַייט נִיט אוּנ דִיא נְשָׁמָה אִיז בַּייא דֶעם מֶענְשֶׁען אַיין פִּקָדוֹן , וֶוען זִיא וֶוערְט גְפָּאדֶערְט מוּז עֶר זַיין פִּקָדוֹן וִוידֶער גֶעבִּין פְּלוּצְלוּנְג גָאר אוּם גֶערִיכְט , דְרוּם מוּז עֶר אָן גִיבְּרֵייט זַיין אַלֶע טָאג , אַזוֹ הָאבֶּען דִיא חז"ל גִיזָאגְט טוּא תְשׁוּבָה אֵיין טָאג פַאר דַיין טוֹיט , הָאבֶּען זַייא גִימֵיינְט אַלֶע טָאג וַוייל דֶער מֶענְשׁ ווייסְט דָאךְ נִיט דֶעם טָאג , אוּנ דֶער מֶענְשׁ זָאל נִיט זָאגִין וֶוען עֶס וַואר אַזוֹ וָואלְט אִיךְ גִילֶערִינְט אוּנ וֶוען עֶס זָאל אַזוֹ זַיין וָואלְט אִיךְ אַזוֹ גִיטָאן , דָאס אִיז נָאר אַיין אִיבֶּער רֶעדוּנְג פוּן יצר הרע צוּ פַאר שְׁטוֹיסֶען דֶעם מֶענְשֶׁן , נַייעֶרְט דֶער עִיקָר אִיז אַמֶענְשׁ מוּז זִיךְ בַּאמִיהֶען פְלַייסִיג מִיט זַיין קְרַאפְט אוּנ מַאכְט אִין תורה ומצות ומעשים טובים אַלֶע טָאג וָואס מֶעגְלִיךְ אִיז , אוּנ נִיט אָפּ לֵייגֶען וָואס מֶען קָאן טָאן הַיינְט אוֹיף מָארְגֶען , דֶען עֶס קָאן זַיין דָאס עֶר אִיז מָארְגֶען שׁוֹין נִיט דָא אָדֶער עֶר וֶועט קַיין צַייט הָאבֶּען , אוֹךְ מוּז מֶען זֵייעֶר גִיוָוארֶענְט זַיין פִילַייכְט מַאכְט דִיךְ דֶער יצר הרע אָן רֵייצֶען אוּנ וֶועט דִיר שׁוֹין גָאר לִיבְּלִיךְ פָאר שְׁטֶעלֶען צוּ זַיין אִין גִיזֶעלְשַׁאפְט מִיט חַבְרוּתוֹת דֶער פַאר מוּזְטוּ זֵייעֶר גָעהִיט זַיין , דֶען דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אַקְלָאר רֵיין הַארְץ אִיז דִיא לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִיא אֵיינִיקַייט , דֶען אַז עֶר בְּלַייבְּט אִין זַיין אֵיינִיקַייט קָאן עֶר אַלֶע צַייט זַיין לֶערְנֶען אִיבֶּער חַזֶרֶען אוּנ וֶוערְט בַּשִׁירֶעמְט פוּן אַזוֹ פִיל עֲבֵירוֹת אַז נִיט צוּ פַאר צֵיילֶען אִיז , דְרוּם ווִיל אִיךְ נִיט מַאֲרִיךְ זַיין צוּ פַאר צֵיילֶען , אָבֶּער אִין דִיא גִיזֶעלְשַׁאפְט פוּן חכמי תורה , דִיא וָואךְ-

האכטיג

כמותם . ויצפה תמיד לישועה שיהא פנוי ללמוד תורה . וזהו יסוד השנים עשר שישלח השם ברחמיו לקץ הימין משיחנו לפדות אותם המצפים והמחכים לקץ ישועתו ובשביל זה יתאוה לימות המשיח לא לשלוט על הרשעים ולא לאכול ולשתות ולשמוח וכיוצא. אע"פ שבאמת יהיו כל השמחות שבעולם באותו זמן אעפ"כ לא יצפה אלא להיות פנוי ללמוד תורה לדעת את ה' כי בעת ההיא תמלא הארץ דעה את ה' . ועיקר השמחה יהא על דבקות בהשם יתברך והיא עיקר תכלית בריאת האדם שנזכה במהרה בימינו אמן :

וצריך להאמין באמונה שלימה כי בא יבא בודאי ולא יאחר לקץ הימין

האפטיג אונ גאנץ גאטס פארכטיג זיינען איז פאר האנדען מער מעלות וויא דיא איינינקייט , דען אזעלכע רייד וואס אזעלכע לייט ריידען מוז מען הערין אונ לערנען אזו וויא אין פסוק שטייט דער דא גייט מיט דיא חכמים דער ווערט קלוג , אונ ער ווערט גלוסטען צוא לערנען זיין תורה צו טאן מעשים טובים אזו וויא זייא , אונ ער זאל אלע צייט האפען צו דיא הילף דאס מען זאל פון דיא טרדות לידיג זיין אום תורה צו לערנען , אונ דאס איז דער צוועלפטער יסוד דאס גאט מיט זיין דער בארעמקייט וועט באלד צו אונז שיקען משיח צום ענדע פון דיא טעג צוא אוים לייזען דיא זעלביגע דיא דא האפען אונ ווארטען דאס ענדע פון זיין הילף , אונ פון דעסט וועגין זאל מען האפען צו דיא טעג פון משיח ניט צו געוועלטיגען אויף דיא רשעים , אונ ניט צוא עסין אונ טרינקען אונ צו פרייען אונ דער גלייכינס, האטשע אין אמת וועלין אין דיא צייט זיין אלע שמחות פון עולם , דאך זאל מען ניט האפען נייערט דאס מען וועט לידיג זיין צו לערנען תורה , צו וויסען דיא תורה פון גאט דען דיא זעלבינע צייט וועט דיא גאנצע וועלט דער פילט ווערין וויסענשאפט אום גאט צו דער קענען , אונ דער עיקר שמחה וועט זיין דאס מיר אן גאט וועלין באהעפט זיין אונ דאס וועט זיין איין גאנצע פרייד , אונ דאס איז דער עיקר תכלית פון אמענשן דאס ער איז דאס אויס דערוויילטע בשעפעניש , מיר זאלין דאס זוכה זיין באלד אין אונזערע טעג אמן :

וצריך אונ מען מוז גלויבען דאס משיח געוויס קומען ווערט אונ ווערט ניט זאמען צו דאס ענד פון די טעג , אונ ווען ער שוין זאמט

האף

ואם יתמהמה חכה לו כמ"ש חכמינו ז"ל בעתה אחישנה זכו בתשובה אז אחישנה לא זכו על כל פנים בעתה בודאי יבוא. וצריך להאמין שיהא למשיח צדקנו יתרון ומעלה על כל המלכים שהיו מעולם כפי מה שנבאו עליו כל הנביאים מימות משה רבינו ע"ה עד אחרון שבנביאים הוא מלאכי ע"ה. ומי שמסתפק בו או נתמעט אצלו מעלתו כפר בתורה שייעד בו בפירוש בפ' בלעם ובפ' אתם נצבים. ומכלל זה שלא יהי' מלך לישראל אלא מבית דוד בלבד. וכל החולק על המשפחה הזאת כופר בהש"י ודברי נביאיו. ואולי תאמר שלא יזכו לגאולת משיח צדקנו אלא מתי מספר שעודנו בחיים ויתר העם שמתו בגלות שמסרו נפשם על קדושת השם ומתו בנפש מרה לא יאכלו בטובה ולא יראו בישועת ה' וגם האויבים והצרים לישראל ולא קבלו עונשם ומתו בכבוד אם כן החוטאים נשכרים מפני זה רצה הקב"ה לזכות לישראל שבזמן

הָאפְ צוּ אִים אַזוֹ וִויא דִיא חז"ל הָאבִּין גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועה אִים מַאכִין הַיילֶען צוּ קוּמֶען וֶוען דִי ישׂראל וֶועהרִין זוכה זַיין דוּרְךְ תשובה, אָבֶּער אִין דִיא צַייט וֶוערְט עֶר פַאר גֶעוִויש קוּמֶען, אוּנ מוּז גְלוֹיבֶּען פַאר גֶעוִויש דָאס משיח וֶוערְט אַזוֹ גְרוֹיסֶען אִיבֶּערִיגֶען מעלה אוּנ כבוד הָאבִּין מֶער אַז אַלֶע מלכים דִיא פוּן אֵייבִּיג זַיין גִיוֶועזִין, גְלַייךְ אַלֶע נביאים הָאבִּין אוֹיף אִים גֶעזָאגְט פוּן משה רבינו אָן בִּיז אָן דֶעם לֶעצְטִין נביא מלאכי, אוּנ וֶוער אָן דֶעם מסופק אִיז אָדֶער דֶער דָא פַאר מִינְדֶערְט בַּייא אִים זַיין מעלה, דֶער לֵייקֶענְט אָן דִי תורה דִי אוֹיף אִים בֶּעצַייגְט אִין פרשת בלעם אוּנ אִין פרשת נצבים, אוּנ מֶען מוּז גְלוֹיבֶּען דָאס קַיין מלךְ פוּן ישׂראל וֶוערְט אוֹיף שְׁטֵיין נַייעֶרְט פוּן בית דוד, אוּנ דֶער וָואס קְרִיגְט אוֹיף דִיא משפחה דָער לֵייקֶענְט אָן השׁ"י אוּנ אָן דִיא רֵייד פוּן דִיא נביאים. ואולי אוּנ פִילַייכְט וֶוערְסְטוּ וָועלִין דֵיינְקֶען דָאס צוּ דִיא גאולה פוּן משיח צדקינו וֶועהרִין נָאר זוכה זַיין וֵוינְצִיג פָאלְק דִיא נָאךְ וֶועהרִין לֶעבִּין אִין דִיא צַייט, אוּנ דָאס אִיבֶּערִיגֶע פָאלְק דִיא אִין גלות זַיין גֶעשְׁטָארְבִּין אוּנ הָאבִּין אִיר זַייל אִיבֶּער גִיגֶענְטְפֶערְט על קידוש השם אוּנ זַיין גֶעשְׁטָארְבִּין מִיט אַפַאר בִּיטֶערְטִין זַייל דִיא וֶועהרִין נִיט גֶענִיסֶען דִי טוֹבה אוּנ וֶועהרִין נִיט זֶעהִין דִיא הִילְף פוּן גָאט, אוּנ אוֹיךְ דִיא פֵיינְד דִיא בַּאלֵיידִיגְט הָאבִּין דִי ישׂראל אוּנ הָאבִּין אִיר עוֹנש נִיט מקבל גִיוֶועזִין אוּנ זֵיינֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען בככוד, וָוען אַזוֹ וֶועהרִין דִיא זִינְדִינֶער גִיוִוינֶען, צוּ לִיבּ דֶעם הָאט הקב"ה גֶעוָואלְט זַיין פָאלְק ישׂראל

הישועה יחיו המתים כי תחיית המתים תהיה כמוכה לקיבוץ גליות והיה כצדיק כרשע שיראו כולם ישועת ה' בגוף ונפש. הצדיקים המחכים ישועתו שלא תהיה בטילה תקותם יראוהו בעיניהם ויתענגו ברוב שלום אבל האויבים שהיו צרים לישראל יקבלו עונשם בגוף ונפש. וזהו היסוד השלשה עשר שעתיד הקב"ה להחיות המתים. אותם היסודות הקב"ה שומרם ועתיד להחזירם בגוף ונפש ויהיה קיים ויעמוד כאלו היה ישן. כמ"ש בגמרא כד דמך ר' פלוני שמכנים מיתת הצדיקים לשינה וזה ברור ומפורסם מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים וגם מן השכל כי אין מעצור לה' להושיע והוא היכול בלתי בעל תכלית:

אלה הם שלש עשרה יסודי הדת ומי שמאמין בהם באמונה שלימה הוא נכנס בכלל ישראל ומצוה לאהבו ולרחם עליו ולהנהיג עמו בכל מה שצוה הש"י בין איש לחבירו מן האהבה והאחוה ואפילו עשה מן

מזכה זַיין, דָאס אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע צַייט וֶועְרִין דִיא טוֹיטֶע אַלֶע גָאר לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין, דֶען תחיית המתים וֶוערְט תיכף זַיין נָאךְ קיבוץ גליות דָאס אַלֶע פַאר טְרִיבֶּענֶע וֶוערִין פַאר זַאמֶעלְט וֶוערִין אוּנ דֶען וֶוערְט זַיין דֶער צדיק אוּנ דֶער רשע אַלֶע גָאר וֶוערִין זֶעהְן דִי ישועה פוּן גָאט מִיט לַייבּ אוּנ זֵייל, דִיא צדיקים דִיא דָא וַוארְטִין הָאפֶען אוֹיף דִי ישועה פוּן גָאט דָאס נִיט זָאל בטל זַיין אִיר הָאפוּנְג, אָבֶּער זֵייא וֶוערִין מִיט אִירֶע אוֹיגֶען זֶעהְן אוּנ וֶוערִין זִיךְ זֶענִיפְטִיגֶען מִיט גְרוֹיס שָׁלוֹם, אוּנ דִיא פַיינְד דִיא דָא וַוארִין בַּאלֵיידִיגֶען אָן ישראל, דִיא וֶוערִין אִיר עוֹנֶש הָאבִּין בגוף ונפש אוּנ דָאס אִיז דֶער דְרַייצֶענְטֶער יסוֹד דָאס צוּם עֶנְדֶע וֶוערְט הקב"ה לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען דִיא טוֹיטֶע, דִיא זֶעלְבִּיגֶע יסודות הִיט זֵייא הקב"ה אוּם צוּא מַאכֶען וִוידֶער קֶערִין מִיט לַייבּ אוּנ זֵייל, אוּנ זֵייא וֶוערִין אוֹיף שְׁטֵיין גְלַייךְ זֵייא הָאבִּין גֶעשְׁלָאפִין וְוִיא דִי גמרא רוּפְט דֶעם טוֹיט פוּן צדיקים אַשְׁלָאף, אוּנ דָאס אִיז קְלָאר אוּנ אוֹיפֶען בַּאר פוּן תּוֹרה אוּנ נביאים וּכתוּבים, אוֹיךְ דֶער שֵׂכל בְּרֵיינְגְט עֶס מִיט דָאס בַּיי גָאט אִיז נִיבְט אוֹיף גֶעהַאלְטֶען אוּם צוּ הֶעלְפִין אוּנ עֶר אִיז מֶעכְטִיג וָואס קַיין עֶנְד הָאט:

אלה דָאס זַיינֶען דִיא דְרַייצֶעהְן יסוֹדי הדת אוּנ דֶער אָן זֵייא גְלוֹיבְּט אַנַוארֶע גְלוֹיבּוּנְג דֶער אִיז אִין כלל ישראל, אוּנ עֶס אִיז אַ מצוה אִים לִיבּ צוּ הָאבִּין, אוּנ זִיךְ נוֹהג זַיין מִיט אִים אִין אַלֶעס וְוִיא גָאט

האט

העבירות מהמת התאוה והתגברות טבעו הגרועה הוא נענש כפי חטאיו אבל יש לו חלק לעוה"ב והוא מפושעי ישראל וסתם ישראל בודאי מאמין כי הם מאמינים בני מאמינים בני אברהם יצחק ויעקב. אבל אם אדם חלילה אינו מאמין אפילו אחד מאלו היסודות. הרי הוא יוצא מכלל ישראל וכפר בעיקר ונקרא אפיקורוס. ועליו נאמר הלא משנאיך ה' אשנא ובודאי שלא היתה רוחו ונשמתו במעמד הר סיני. כמו שכתוב בשער הגלגולים. ויש הרבה בני אדם שאינן יכולים לקבל האמת ממי שאמרו. ותמיד רוצים להתחכם יותר. ועליהם נאמר הוי חכמים בעיניהם חכמים המה להרע ולהטיב לא ידעו. והיצה"ר החליש אור שכלם ואין רפואה למכתם כי הם נמסרים ביד יצרם אם לא על ידי תשובה שלימה בלב נאמן:

והנה ידע איניש בנפשו ויכול להבין בלבו ולברר דעותיו ואם ירגיש

הָאט גֶעבָּאטִין, הָאטְשֶׁע עֶר טוּט אַטֵייל עבירות פוּן וֶועגִין זַיין לוּשְׁט אוּנ אוּם וֶועגִין זַיין שְׁטַארְקֶע שְׁלֶעכְטֶע טבע, דֶער פַאר וֶועט עֶר גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערִין נָאךְ זַיין זִינְד דֶער נָאךְ אָבֶּער הָאט עֶר חלק לעולם הבא אַזוֹ וִויא אַיין פּוֹשעי ישׂראל, אוּנ אַיין סתם ישׂראל דֶער אִיז בּוודאי מאמין דֶען זַייא זַיינֶען גְלוֹיבְּהַאפְטִיג, אוּנ זַייא זַיינֶען אוֹיךְ קִינְדֶער דִיא אַרוֹיס קוּמֶען פוּן גְלוֹיבְּהַאפְטִיגֶע לַייט, דִיא קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לִיבֶּע אבות אברהם יצחק ויעקב אוּנ דִי מוּטֶערְס שׂרה רבקה רחל ולאה. אָבֶּער אַמֶענְשׁ דֶער חלילה נִיט גְלוֹיבְּט הָאטְשֶׁע נָאר אֵיין זַאךְ פוּן דִיא יסודות דֶער הֵייסְט אַ כּוֹפר בעיקר, אוֹיף דֶעם הָאט דוד המלך ע"ה גֶעזָאגְט דַיינֶע פַיינְד טוּא אִיךְ פַיינְד הָאבִּין, אוּנ דָאס אִיז גֶעוִויש דָאס זַיין נשמה אִיז נִיט גִיוֶועזִין בּהר סיני אוּנְטֶער ישׂראל אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין ספר הגלגולים, אוּנ דָא זַיינֶען פִיל מֶענְשִׁין דִי נִיט קָאנֶען מקבל זַיין דֶען אמת פוּן דֶעם וָואס אמת זָאגְט, אוּנ אַלֶע צַייט וִוילֶען זַייא קְלִיגֶער זַיין, אוּנ אוֹיף זַייא הָאט דֶער נביא גֶעזָאגְט ווייא גֶעשְׁרִיעֶן אוֹיף אַזֶעלְכֶע דִיא קְלוּג אִין אִירֶע אוֹיגֶען זַיינֶען זַייא זַיינֶען קְלוּג צוּ בֵּייזֶען אוּנ נִיט צוּא בַּאגִיטִיגֶען, אוּנ דֶער יצר הרע הָאט פַר שְׁוַואכְט דָאס לִיכְט פוּן אִיר שׂכל אוּנ עֶס אִיז קֵיין רפואה צוּ אִיר מכה, דֶען זַייא זַיינֶען אִיבֶּער עֶנְטְפֶערְט אִין דִיא הֶענְד פוּן יצר הרע נַייעֶרְט דוּרְךְ אַוואָרֶע תשובה מִיט אַרֵיין גֶעטְרַייעֶ הַארְץ:

בלבו תכונה רעה כזאת. ידע בבירור שהיצר הרע מבלבל דעתו כי זה תחבולותיו של היצר הרע ולא ינום ולא יישן ותמיד אורב אל האדם והאדם הולך אחריו כשור אל טבח עד שיעקור אותו מעוה"ז ומעוה"ב שיהא עדי אובד. ואם ישים האדם אל לבו ויחשוב ויפקח עיני שכלו. ויאמר אוי לי איך אבלה ימי בעצת יצרי הרע והוא מדיח אותי מאמונת קבלת אבותי שהיו חכמים מחוכמים כמו חכמי המשנה וחכמי הגמרא שאפילו כל חכמי אומות העולם מעידים שהיו חכמים מחוכמים וקדושתם היה יותר משרפים ואופנים וחיות הקודש שכל אחד מהם היה בידו להמית ולהחיות כמ"ש בגמרא נתן בו עיניו ונעשה גל של עצמות וחכמתם היה כל כך ממש שרות אלהים דבר בם וא"כ בודאי טוב לי,

---

והנה נון אַמֶענְשׁ דֶער ווייש בֵּייא זִיךְ זֶעלְבְּסְט אונ קָאן פַאר שְׁטֵיין אִין זַיין הַארְץ אונ מַאכִין קְלָאר זַיינֶע דֵעות ווֶען דֶער מֶענְשׁ פִּילְט אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אַזוֹ אַבֵּייזֶען גְרוּנְד, מוּז עֶר קְלָאר ווִיסֶען דֶר יצר הרע הָאט אִים זַיין דעה מבלבל גִיוֶועזִין, דֶען דָאס זַיינֶען דִיא תחבולות פוּן יצר הרע עֶר שְׁלוּמְט נִיט אונ שְׁלָאפְט נִיט תמיד לוֹיעֶרְט עֶר אוֹיף דֶעם מֶענְשִׁין, אונ דֶער מֶענְשׁ דֶער אִים פָאלְגְט אִיז גְלַייךְ ווִי אַיין אָקְס דֶער דָא גֵייט צוּ שֶׁעכְטִין אִים, בִּיז עֶר רַייסְט אִים אוֹיס פוּן דִיא וֶועלְט אונ פוּן עולם הבא דָאס עֶר זָאל אִין דִיא אֵייבִּיקֵייט פַאר לָארֶען זַיין, אָבֶּער אַמֶענְשׁ דָער זִיךְ ווֶערְט צוּם הַארְצֶען נֶעמֶען אונ ווֶערְט דֵיינְקֶען אונ וֶועט עֶפִינֶען דִיא אוֹיגֶען פוּן זַיין שֹכל אונ מִיט זִיךְ זֶעלְבְּסְט רֵייְדֶען אִין זַיין אֵיינִיקֵייט, אוֹי ווֵייא מִיר ווִיא זָאל אִיךְ פַאר לֶענְדִין מַיינֶע טֶעג מִיט דִיא רַאט פוּן יצר הרע אונ עֶר פַאר שְׁטוֹיסְט מִיךְ פוּן דָאס גְלוֹיבֶּען ווָאס מַיינֶע אבות הָאבִּין מקבל גִיוֶועזִין דִיא טְרַייהַאפְטִיגֶע עֶלְטֶערִין, דִיא אַלֶער קְלִיגְסְטֶע אַזוֹ ווִי דִי חכמי המשנה אונ דִי חכמי הגמרא ווַארֶען, דָאס אפילו כמה קְלִיגְסְטֶע אוּנְטֶער אַלֶע אוּמוֹת בַּאצַייגֶען אַלֶע גָאר אוֹיף זֵייעֶר קְלוּגְהַייט אונ הֵיילִיקֵייט, דָאס זֵייא ווַארֶען מֶער אִין דִיא מעלה אַז אַלֶע מלאכים דִיא דָא הֵייסֶען שׂרפים ואופנים וחיות הקודש דָאס אִיטְלִיכֶער פוּן זֵייא הָאט אִין זַיין מַאכְט גֶעהַאט מִיט דִיא הִילְף פוּן גָאט צוּ טֵייטֶען אונ צוּ מַאכֶען לֶעבִּין אַזוֹ ווִיא אִין דִי גמרא שְׁטֵייט ווֶען אֵיינֶער זַיין אוֹיג אוֹיף אֵיינֶעם הָאט גֶעבִּין צוּ שְׁטְרָאפִין אִים אִיז אַיין הוֹיפֶען בֵּיינֶער אוֹיס אִים גֶעווָארִין,

אונ

יותר שאקבל עלי דברי תורה ודברי חכמים כאשר קבלו הם איש מפי איש עד משה רבינו שקיבל מפי הקב"ה. ולעשות התורה ולהאמינם בלי הרהור. ובזה יזכך דעותיו להציל נפשו מבור שחת ולהעלותה אל מקום שממנה חוצבה. וכשתחשוב תמיד באלה הדברים תגיע אל רצון הבורא ית' ויאר פניו אליך ויקבל מעשיך הטובים ויסלח לעוניך ותמצא חן בעיני אלהים ואדם:

ולהשלמת הספר הזה אכתוב קצת מהמדות אחרי שתכלית שלימות האדם הוא השלם במדות. וכתב בספר החינוך אחת מתרי"ג מצות שנצטווינו לעשות כל מעשינו בדרך היושר והטוב בכל כחנו ולהטיב בכל דברינו בינינו ובין זולתינו על דרך החסד והרחמים שזה דרך השי"ת

אונ זייער קלוגהייט וואר גאר אזו גרויס, דאס ממש דר גימיט פון גאט האט גירעט אין זייא, דען איז דאך געווים בעסער דאס איך זאל מקבל זיין אויף מיר דיא רייד פון דיא תורה אונ די רייד פון די הייליגע חכמים אזו וויא זייא האבין מקבל גיוועזין איינער פון אנדערין ביז פון משה רבינו ע"ה, אונ ער פון מונד גאטעס, אונ צו טאן דיא תורה אונ צוא גלויבען זייא אן שלעכטע געדאנקען, דאמיט ווערט זיינע דעות ריין זיין צוא באשירעמען זיין זייל פון דיא גרוב פון גיהנום אונ אויף צוא ברייגגען איר צוא דאס ארט פון וואנען זיא איז גענומען געווארין אונ אז ער ווערט זיך תמיד באדיינקען מיט אזעלכע רייד וועט ער גרייכען צו דעם ווילען פון גאט אונ גאט ווערט זיין שכינה דער לייכטען אויף אים, אונ ווערט אנטפאנגען זיינע גוטע מעשים, אונ ער ווערט פאר געבין זיינע זינד, אונ ער ווערט גיפינען לייט זעליגהייט אין די אויגען גאטעס אונ די לייט:

ולהשלמת אונ צום בעשלוס פון דאס ספר וויל איך עטוואס דער מאנען פון דיא מדות ווייל די גאנצהייט פון אמענש איז דאס ער גאנץ איז אין זיינע מדות, אונ אזו שטייט אין ספר החינוך איינע פון תרי"ג מצות איז דאס מיר זיינען געבאטין צוא טאן אלע אונזערע ווערקין אין ארעכט פארטיגע גוטע וועג מיט אלע אונזער קראפט, אונ צו באגיטיגען אלע אונזערע זאכען דאס די איז צווישען אונז אונ איין אנדערין אין איין דרך פון איטיל חסד אונ רחמים, דאס איז גאטעס וועג אונ דאס באגערט ער פון זיינע באשעפיניגעס אום ווילן

זייא

וזה חפצו מבריותיו למען יזכו לטובו. ועל זה נאמר והלכת בדרכיו כמו שהוא מתנהג בחסד וברחמים עם בריותיו בין קודם שחטא ובין לאחר שחטא. ותמיד מטיב לו עד שישוב ואע"פ שעדיין לא שב מחטאיו מאריך אפו וסובל עלבון שלו כביכול. מה שלא יכילוהו הרעיון כי באותו רגע שהוא חוטא הקב"ה משפיע בו כח תנועת האברים והאדם מוציא אותו כח באותו רגע ממש בחטא ועון. והיה ביד הקב"ה למנוע אז אותו כח ממנו לייבש ידיו ורגליו ושאר אבריו שחטא בהן כמו שעשה לירבעם בשעה שפשט ידו אל הנביא. והשם ברחמיו מעלים עין מסוררים וסובל ונעלב עד שיעשה תשובה. וכדי לקיים והלכת בדרכיו צריך האדם להתנהג בסבלנות אפילו שחטאו נגדו אותם שהוא משפיע עליהם אל ימנע מהם הטובות כלל ויסבול אותם כמו שהקב"ה סובל ממנו. וכשיתנהג האדם כך יהיה דומה אל קונו על ידי מדות האלה של חסד ורחמים. וסגולתם כי

זייא זאלין ראוי זיין צוא זיין גוטס, אונ דערויף זאגט דער פסוק דוא זאלסט גיין אין זיינע וועגין אזו וויא ער איז זיך נוהג מיט חסד אונ רחמים מיט זיינע באשעפינעס, סייא איידער ער זינדיגט אונ סייא נאך דאס ער האט געזינדיגט, אונ תמיד טוט ער אים באגיטיגען ביז ער תשובה טוט אונ חאטשע ער האט נאך ניט תשובה געטאן פון זיינע זינד דער ליינגערט ער זיין צארין אונ כביכול לייד דיא שאנד וואס ממש דיא געדאנקען ניט דער ליידען קאנען, דען אין דיא רגע דאס ער זינדיגט גיט הקב"ה דעם כח פון דיא באוועגונג פון זיינע אברים, אונ דער מענש ציט אוים דעם כח אין די זעלביגע רגע ממש מיט זינד, אונ גאט האט דאך די מאכט צו פאר מיידען דאס זעלביגע מאל דעם כח פון אים, צוא פאר דארין זיינע הענד אונ פים אונ זיינע אנדערע אברים, אזו וויא ער האט געטאן צו ירבעם וויא ער האט זיין האנד אוים גישטרעקט קעגין דעם נביא אונ נאט מיט זיינע דער בארימהערציקייט פאר הוילט דאס אויג פון די אפ קערער אונ לייד די שאנד ביז ער טוט תשובה, אונ דאס דער מענש זאל מקיים זיין צו גיין אין נאטעס וועג מוז דער מענש זיך נוהג זיין מיט סבלנות צוא ליידען אפילו ווען זייא זינדיגען קעגין אים דיא זעלביגע דיא פון אים טובות האבין, זאל ער גאנץ אונ גאר ניט פאר מיידען דיא טובות פון זייא, אונ זאל ליידען אזו וויא הקב"ה טוט ליידען פון אים, אונ אז דער מענש וועט זיך אזו נוהג זיין וועט ער גלייך זיין צוא זיין באשעפער

דורך

כמו שהאדם מתנהג מלמטה כך יזכה להשפיע עליו מלמעלה. ואז יהא מושלם במדת הענוה שהוא מאריך ימים וניצול ממיתה משונה ותפלתו נשמעת וקורעין לו גזר דינו ומוחלין לו כל עונותיו ומעבירין כל פשעיו ממנו וזוכה לתורה ושיתגלה לו אליהו הנביא שאינו מתגלה אלא למי שאינו קפדן:

ומדין תורה צריך להיות עניו ויסבול הכל. מדכתיב לא תקום ולא תטור משמע אפילו בלב. והלא נגד הטבע שלא יזכור מי שהרע לו אלא התורה עולה על הטבע שצריך לזכור תמיד הפסוק אין עוד מלבדו שאין תועלת ונזק ביד נברא. ואין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה. ואין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו. ותמיד לא יוסר מפיו הפסוק אין עוד מלבדו. פירושו שלא יתלה שום דבר בשום בריה. אלא יתלה הכל בגזירת העליון כל זאת נמשך ממדת הענוה. אבל הגאוה אפילו בלב היא שנואה בעיני ה׳. ותועבת ה׳ כל

דורך דיא גוטע מדות חסד ורחמים, אונ איר סגולה איז, וויא דער מענש איז זיך נוהג אונטען איז ער זוכה דאס אויף אים דיא שפע קומט פון הימעל, אונ דען ווערט ער גאנץ זיין אין די מדה פון ענוה אונ דיא מדה פון ענוה האט דיא סגולה דאס זיא דער לייננגערט אים זיינע יארען אונ טעג, אונ ער ווערט באשירעמט פון אַ מיתה משונה אונ זיין תפלה ווערט אָן גענומען, אונ מען צורייסט פון אים דעם גזר דין, אונ מען איז אים מוחל אַלע זיינע זינד, אונ ער איז זוכה לתורה אונ דאס אליהו ווערט זיך צוא אים אַנטפּלעקן, וואס ער טוט זיך צו קיינעם ניט אַנטפּלעקן נייערט צו דעם וואס גאר ניט צארענט: ומן התורה מוז אַמענש איין עניו זיין אונ אַלעס דער ליידען, דען דיא תורה שרייבט דאך אָן לא תקום דוא זאלסט דיך ניט נוקם זיין ולא תטור אונ דוא זאלשט ניט היטען קיין שנאה, איז משמע חאטשע אין הארצען אונ דאס איז דאך קעגין די טבע דאס מען גאר ניט געדיינקען זאל דער אים בייז האט געטאן נור די תורה גייט איבער דיא טבע, דער מענש מוז תמיד גדיינקען דעם פסוק אין עוד מלבדו עס איז קיין הילף אָדער שאדען אין דיא האנד פון קיין בשעפעניש, אונ קיין מענש וועט זיך איין שניט אין פינגער געבין, נייערט מען האט דאס שוין אין הימעל אויס גירופען, אונ קיין מענש קאן ניט אָן גרייכען וואס נאט האט אָן גיברייט צוא זיין חבר אונ דער פסוק מוז

גבה לב וכל המתגאה כאילו עובד ע״ז. וגאות אדם תשפילנו. ונגעים באים עליו. ונופל בגיהנם. ומעכב את הגאולה. וכאשר יתן האדם אל לבו העונשים הנזכרים. ועוד כמה עונשין אשר אין לספר. וגדול שבכולם שאין לו תקומה בתחיית המתים. ויזכור כי שאול ביתו ובעודו בחיים כמה צרות שבעולם מחלאים ודלות ובלבולים וכל הרעות אין מספר שיכול לבא על האדם. ואם אדם יחשוב כל זאת א״כ למה יתגאה. ועוד מתוך הגאוה יקפיד על כל דבר ויכעוס כי הכעס ענף מן הגאוה וכל הכועס אפילו השכינה אינה חשובה כנגדו. וכל מיני גיהנם שולטים בו. ובידוע שעונותיו מרובים מזכיותיו. ואין לספר ברעת הכעס. הכעסן אין לו חן בעיני הבריות והוא כשוטה בעיניהם ומתוך כך אין מעשיו

צאלע צייט פון זיין מזיל ניט אב גיטאן ווערין אין עוד מלבדו פון דעם איז צו פאר שטיין ער זאל ניט אן הייגגען אן קיין בשעפעניש, אונ זאל אלעס אן הייגגען אן דיא גזירה פון דעם אייבערשטען גאט, דאס אלעס אויף דיא וועלט מוז אלעס גישעהן נאך זיין ווילען אונ דאס ציט זיך אלעס פון דיא מדת ענוה, אבער דיא וואס ברויכען גאווה אפילו נאר אין הארצען זיינען זייער גיפיינד אין גאטס אויגען, אונ דער זיך בגאוה האלט איז גלייך ער דינט עבודת גלולים, אונ דיא גאוה מאכט אים שפל, אונ גרויסע פלאג קומען אויף אים, אונ ער פאלט אין גיהנם, אונ ער האלט אויף דיא גאולה, אונ אז דער מענש נעמט צום הארצען דיא גימעלטע שטראף, אונ נאך פיל מער שטראף וואס איז ניט צו דער ציילען, אונ דאס ערגסטע איז דאס צו אים איז קיין אויף שטאנד צו תחיית המתים אונ ער זאל גידיינקען דיא גרוב איז דאך זיין הויז, אונ בעת ער נאך לעבט וויא פיל צרות רעות פון קריינק דלות בלבולים אונ אלע צרות רעות דיא ניט צו דער ציילען זיינען, וואס אלעס אויף אמענש קאן קומען, ווען אמענש דאס אלעס גידיינקט ווארום זאל ער זיך בגאוה האלטען, נאך איינס דורך דיא גאוה ווערט ער איבער אלעס ברוגז, אונ צארינט אויף דיא מינסטע זאך, דאס ריכט אים תיכף אן זיין גאוה, אונ צארען איז אצווייג פון דיא גאוה, אונ אלע דער דא צארינט אפילו דיא שכינה איז ניט גיאכט אין זיינע אויגען, דער כעסן האט קיין חן בייא דיא מענשן ער איז גלייך אזו וויא אשוטה אין זייערע אויגען, דאדורך זיינען זיינע

מעשים

מקובלים בעיני הבריות ואפי' יש בידו תורה ומע"ט אין אדם לומד ממנו ואין סוף לרעת הכעס. כי הוא מגרש השכינה מעליו אע"פ שהוא ירא וחסיד אין השכינה שורה עמו. ואע"פ שאז"ל ת"ח דרתח אורייתא הוא דמרתתא ליה. היינו כל מה שנוגע בכבוד הקב"ה שהוא נגד הקב"ה ותורתו. אבל במילי אחריני כמו מילי דעלמא צריך להיות מאוד מאוד שפל רוח בפני כל אדם ולא יקפיד ולא יכעוס על שום דבר כי אין הקב"ה אוהב אלא למי שאינו כועס:

והכלל כשישתדל האדם במדת הענוה אין ספק שיקנה כל המדות הטובות כי במשה רבינו בודאי היו בו כל המדות ואין התורה משבחו אלא במדת הענוה שנאמר והאיש משה עניו מאוד. כי באמת כל המדות טובות כלולים במדת הענוה. אבל יש כמה בני אדם שהם ענוים מחמת גאוה גדולה שבלבם והמה שנואים מאוד בעיני ה' וניכרים אלה בני אדם

מעשים נִיט אָן גִינוּמֶען בַּא דִיא מֶענְשֶׁן, חָאטְשְׁע בַּא אִים אִיז תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, לֶערִינְט קַיין מֶענְשׁ פוּן אִים נִיט אָפּ, עֶס אִיז קַיין סוֹף צוּ דִיא בֵּייזְקַייט פוּן כַּעַס, עֶר פַאר טְרַייבְּט דִיא שְׁכִינָה פוּן זִיךְ חָאטְשְׁע עֶר אִיז אַיין יְרֵא שָׁמַיִם אוּנ אַחָסִיד רוּאֶט דִיא שְׁכִינָה נִיט מִיט אִים. חָאטְשְׁע אוּנְזֶערֶע חכמים ז"ל הָאבִּין גִיזָאגְט אַתַּלְמִיד חָכָם וֶוען עֶר צָארִינְט דָאס דִיא תורה דֶער הִיצְט זִיךְ אִין אִים, דָאס אִיז וֶוען עֶס קֶענְגִין גָאט אוּנ זַיין תורה אָבֶּער אִין וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען מוּז זִיךְ אַמֶענְשׁ זֵייעֶר שָׁפָל הַאלְטָן פַאר אַלֶע מֶענְשֶׁן אוּנ מוּז גָאר נִיט צָארְנָן דֶען גָאט הָאט לִיבּ דִיא וָואס צַארְנֶען גָאר נִיט:

והכלל דֶער כְּלַל אִיז אַז אַמֶענְשׁ וֶועט זִיךְ בַּאפְלַייסִיגֶען אִין מדת ענוה אִיז קַיין סָפֵק דָאס עֶר וֶועט אָן זִיךְ נֶעמֶען אַלֶע מדות טובות דֶען אָן משה רבינו ע"ה זַיינֶען גֶעוִוים גִיוֶועזִין אַלֶע מדות טובות, אוּנ דִיא תורה לוֹיבְּט אִים נַייעֶרְט עֶר וַואר זֵייעֶר אַיין עָנָיו דֶען אִין דִיא וָוארְהַייט זַיינֶען דְרִינֶען בַּאגְרִיפֶען אַלֶע מדות טובות, אָבֶּער עֶס גִיבְּט זִיךְ פִיל מֶענְשֶׁן דִיא עֲנָוִים זַיינֶען פוּן וֶועגִין זֵייעֶר גְרוֹיסֶע הָאפֶּערְט דָאס זִיא אִין הַארְצֶען הָאבִּין, אוּנ דִיא זַיינֶען זֵייעֶר גִיפַיינְד אִין גָאטְס אוֹיגֶען, אוּנ אַזֶעלְכֶע לַייט קָאן קֵיינֶער דֶער קֶענֶען, נָאר דִיא וָואס זֶעלְבְּסְט נָאר נָאטְס פָארְכְטִיג זַיינֶען אוּנ רֶעכְט פַארְטִיג אִין אַלֶע זַיינֶע מִדוֹת, אוּנ אַזֶעלְכֶע לַייט זַיינֶען גְלַייךְ אַזוֹ וִויא דִיא פַאלְשֶׁע נְבִיאִים דִיא דָא זַיינֶען גִיוֶועזִין אוּנְטֶער יִשְׂרָאֵל, אוּנ הָאבֶּען זַייא פַאר פְּרוּם אוּנ פַאר אֵירְלִיךְ,

למי שיש בו דעת ויראת ה׳ בלבו. ואלו הן דומין ממש לנביאי השקר שהיו מתעים את ישראל. כי באמת תמיה גדולה ישראל קדושים איך היו שומעים לנביאי השקר. רק שהיו מתנהגים כמו מלאכי אלהים וכל התועבות שבעולם היה בלבם ואין סוף לעונשם הגיהנם כלה והם אינם כלים כי הם מכלים העולם וכן כל המדות מגונות ורעות כלולים במדת הגאוה כמו בלעם שהיה בו בודאי כל מדות המגונות והיה בועל אתונו והתורה אינו מגנה אותו אלא בגאוה שהיה מתפאר שהוא יודע דעת עליון. וסי׳ אין גדול ממשה ואין גרוע מבלעם:

ודע והאמן שכל שרות הבריות נוחה הימנו זהו ירא את ה׳ בסתר ובגלוי. ע״כ לעולם יהא אדם ערום ביראה ויעשה כל מעשיו מיוחד לכבוד ה׳ ועי״ז יאהבוהו בני אדם ויהא רצוי לכל אחיו במענה רך שהוא משיב חמה ולהרבות שלום עם אחיו וקרוביו ועם כל אדם אפילו עם אינו יהודי בשוק לכבדו ולהקדימו בשלומו ולהיות ישר ונאמן עמו כמו

דען אין אמת איז דאס אגרויס וואונדער דיא ישראל זיינען איין הייליג פאלק וויא האבען זייא גיפאלגט אין פאלשע נביאים, אלא זייא האבען זיך אויף געפירט אזו וויא גאנץ הייליגע לייט אונ אלע אומווירדיקייט וואר אין זייער הארצן, אונ עס איז ניטא קיין סוף צו זייער עונש דאס גיהנם ועט פאר לענדין אונ זייא וועלין ניט פאר לענדין דען אזעלכע זיינען מכלה דעם עולם אונ אזו אויך אלע בייזע מדות זיינען באגריפען אין דיא מדה פון גאוה, אזו וויא בלעם האט געווים אלע מדות רעות אן זיך גיהאט אונ האט מזנה גיוועזען מיט זיין אייזיל אונ דיא תורה שענד אים מיט גאוה, ער האט זיך ברימט ער ווייסט דיא וויסען שאפט פון גאט, אונ דער סימן אויף גאוה אונ ענוה איז, ניטא קיין בעסערער אז משה רבינו אונ ניט קיין ערגירער אז בלעם:

ודע אונ זייא וויסען אונ גלויב דאס אמענש וואס דיא לייט האבען אים ליב, דער איז געווים גאטס פארכטיג אנטפלעקט אונ אין פאר בארגענעש, דרום אייביג זאל אמענש קלוג זיין אין גאטס פארכט, אונ זאל טאן אלע זיינע ווערקין פון גאטס כבוד וועגין אליין, דא דורך וועלין דיא מענשען אים ליב האבין, אונ ער וועט זיין באוויליגט צוא אלע מענשען, מיט ווייכע רייד דאס מאכט ווידער קערין דעם צארין, אונ צו מערין פרייד מיט זיינע ברידער אונ זיינע קרובים אונ מיט אלע מענשען אפילו מיט איין אינו יהודי אויף דעם מארק, אונ

צוא

עם ישראל כי גזילתו חמורה מגזלת ישראל משום חילול השם . וכדי בזיון שיאמרו עלינו שמנה שתורתינו הקדושה תסבול ח"ו הגניבה והגזל או בזיון לשום אדם והרי החמירה התורה אפילו על גניבת דעתו של אינו יהודי . ומלדבר אליו תועה ודברי כזב כי שארית ישראל לא יעשו עולה ואפילו בעלי חיים אסור לצער :

ויש כמה בני אדם שהמה משוקעים כל כך בתאות העולם ומורגלים בהיתול ובשחוק ובקלות ראש כשאומרים לו לקבל עליו עול תורה ויראה הוא חושב שאם יעשה כך יתבטל מן העולם וחייו אינו חיים וכאלו נמסר לבית הסוהר לנסר קורות . ובאמת היצר הרע מדמה לו למתוק מר ולמר מתוק אבל באמת אדם שהוא תמים עם אלהים ומקיים

צוּ עֶהרִין אִים אוּנ צוּ פָאדֶערִין צוּא אִים שָׁלוֹם , אוּנ צוּא זַיין רֶעכְט פַארְטִיג אוּנ בַּגְלוֹיבְּט מִיט אִים , אַזוֹ וִויא מִיט אַיין יִשְׂרָאֵל , דֶען זַיין גְזֵילָה אִיז הַארְבֶּער אַז אַיין גְזֵילָה פוּן אַיין יִשְׂרָאֵל , פוּן וֶועגִין חִילוּל הַשֵּׁם , אוּנ דָאס אִיז גִינוּג אַיין שַׁאנְד דָאס דִיא אוּמוֹת אוֹיף יִשְׂרָאֵל זָאלִין זָאגִין אַז אוּנְזֶער הַיילִיגֶע תּוֹרָה עֶרְלוֹיבְּט ח"ו גְנֵיבָה אָדֶער גְזֵילָה , אָדֶער שֶׁענְדְלִיכֶע רֵייד צוּא אֵיינִיגֶע מֶענְשֶׁען , גְרַאדֶע פַאר קֶערְט דִיא תּוֹרָה הָאט מַחְמִיר גִיוֶועזִין מֶען טָאר נִיט גוֹנֵב דַּעַת זַיין אֲפִילוּ אַיין אֵינוֹ יְהוּדִי אָדֶער צוּא רֵיידָען צוּ אִים אֵיינֶע פַאר אִירוּנְג אָדֶער לִיגֶען , דָען דִיא יִשְׂרָאֵל טָארִין נִיט טָאן קַיין עַוְלָה אוּנ קַיין אוּם רֶעכְט צוּא קַיין מֶענְשֶׁען , אֲפִילוּ אַיין לֶעבֶּעדִיגֶען בַּאשֶׁעפִּינֶעשׁ אִיז אָסוּר מְצַעֵר צוּא זַיין :

וְיֵשׁ עֶס זַיינֶען פִּיל מֶענְשֶׁן דִיא נָאר אַזוֹ פַאר זוּנְקֶען זַיינֶען אִין דִיא גִילוּסְטִיקַייט פוּן דִיא וֶועלְט אוּנ זַיינֶען אַזוֹ גִיוואוֹינְט אִין אַייטָל שְׁפָּאטֶען אוּנ לַאכֶען אוּנ קַלוּת רֹאשׁ אַזֶעלְכֶע לַייט וָוען מֶען זָאגְט צוּ זַייא דָאס זַייא זָאלֶען נָאךְ לָאזֶען זַייעָר גִיוואוֹנְהַייט אוּנ מְקַבֵּל זַיין תּוֹרָה צוּא לֶערְנֶען אַלֶע טָאג אוּנ זִיךְ צוּ פִירָען אִין גָאטְס פָארְכְטִיקַייט , אַזוֹ מֵיינֶען זַייא וָוען זַייא דָאס טוּעֶן דָען וֶוערְט זַיין לֶעבִּין שׁוֹן קַיין לֶעבִּין נִיט , אַז וָוען עֶר בָּטֵל פוּן עוֹלָם וֶוערְט אוּנ אִיז אִין תְּפִיסָה הוֹיז אוֹיף אֵייבִּיג בַּאלְקִינָס צוּא זֶעגִין , הֶען דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט אִים דָאס אַזוֹ פַאר וָואס זִיס אִיז בִּיטֶער אוּנ בִּיטֶער אִיז זִיס , אָבֶּער דִיא רֶעכְטֶע וַואהְרְהַייט אִיז אַמֶענְשׁ דֶער גַאנְץ אִיז מִיט גָאט אוּנ דִיא לַייט אוּנ

האלט

כל דברי הספר הזה הרי הוא כשר ויהיה תמיד בשמחה והוא עיקר החיים *) ויהיו לו חיים טובים מתוקנים ואוכל ושותה בזה העולם מפירות מעשיו וטוב לו לעולם הבא. ע"כ מאהבת ה' ומאהבת ישראל עם סגולתו איעצך ויהי אלהים עמך שמע בקולי יצפון לבך אמרי ואל תטוש תורתי ואל יליזו דברי ספר קטן הזה מנגד עיניך עד שיהיו מושרשים בלבבך. ותהיה גופך דירה נאה לשכינה שתהיה עמך להורות אותך בכל אופנים שתעשה ותזכה לכל טוב בזה העולם ולעולם הבא ותתענג על רוב שלום:

הַאלְט זִיךְ פֶעסְט אָן דָאס קְלֵיינֶע סֵפֶר דָאס הָאט אַיין הויכֶען נָאמֶען אמונת ישׂראל דָא שְׁטֵייט נִיט פוּן פַאסְטֶען אָדֶער פַּיינִיגֶען, נֵייעֶרְט אַיין גֶעזִיסְט לֶעבִּין אַזוֹ וִויא אַיין מֶלֶךְ, גוּט עֶסִין, גוּט טְרִינְקֶען, גוּט שְׁלָאפֶען, גוּט תפלה טָאן, גוּט תורה לֶערְנִין דִיא שָׁעָה אַז מֶען לֶערִינְט, אַלֶעם וָואס אַיין יִשְׂרָאֵל כָּשֵׁר טוּט זָאל אַלֶעם גוּט זַיין, דָאס אִיז דָאס רֶעכְטֶע גֶעזִיסְטֶע לֶעבֶען מִיט לוּסְט אוּנ פְרֵייד דָאס אָן זִיךְ צִיט דָאס אֵייבִּיגֶע לֶעבִּין, דְרוּם אוּם לִיבְשַׁאפְט צוּ הש"י אוּנ צוּ זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אִיךְ רַאט דִיר גָאט וֶועט מִיט דִיר זַיין, פַאר נֶעם מַיין שְׁטִים לָאזִין מַיינֶע זָאג אִין דַיין הַארְצֶען פַאר בָּארְגֶען זַיין, פַאר לָאז נִיט מַיינֶע לֶערְנוּנְג, אוּנ דִיא רֵייד פוּן דָאס קְלֵיינֶע סֵפֶר זָאל נִיט פַאר קְרִימְט זַיין פוּן קֶעגִין דַיינֶע אוֹיגֶען בִּיז זֵייא אִין דַיין הַארְץ רֶעכְט בַּאפֶעסְטִיגְט וֶועלִין זַיין, מִיט דֶעם וֶועט דַיין גוּף זַיין אַיין שֵׁיינֶע וואוֹינוּנְג צוּא דִיא שְׁכִינָה דִיא אַלֶע צַייט מִיט דִיר וֶועט זַיין, צוּא לֶערְנֶען דִיךְ אִין אַלֶע דַיינֶע זַאכֶען, אוּנ דוּא וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶן דִיא הִילְף פוּן גָאט, אוּנ עֶסְט זוֹכֶה זַיין אַלֶעם גוּטֶס אִין דִיזֶע וֶועלְט אוּנ דָאס אֵייבִּיגֶע לֶעבִּין, אוּנ דוּא וֶועסְט דִיךְ זֶענֶפְטִיגֶען מִיט פִיל שָׁלוֹם:

תם ונשלם

---

*) כמ"ש למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כו' כימי השמים על הארץ (איין הימילשין לעבין אויף דיזע וועלט) כ"פ בהכתב והקבלה ע"ד מאחז"ל (ברכות יז) עולמך תראה בחייך, וע"ד מאה"כ ומל ה"א את לבבך כו' ופי' בתרגום ויעדי ה"א ית טפשות לבך כו' לאהבה את ה"א כו' למען חייך פי' שתראה חיים נעימים ומתוקים.

דעם

רמב"ם צוואה

דא ווערט באשריבין דיא לעבענס-גישיכטע פון דעם
גרויסין היילינען מאן (מבחר החכמים, אור ישראל)
רבינו משה בן מיימון ז"ל (הרמב"ם) זייער שיינע
אינטערעסאנטע ספורים (ערצייללונגען).
אויך דיא היילינע צוואה וואס ער האט גישריבין
פיר זיינע קינדער.

ווילנא

שנת תרנ"ה לפ"ק

ДЕМЪ РАМБАМСЪ ЦАВОЕ.

Біографія раввина Моисея Маймона, названнаго „Рамбамъ“ и его нравоучительныя наставленія на евр. просторѣчіи. Соч. Б. Алфеса.

Соб. изд. Л. Л. Маца.
Съ Виленскаго изданія 1885 г.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ, д. № 1195/6 1894 г.

Дозволено цензурою 30 Ноября 1894 г. Вильна.

תולדות הרמב"ם ז"ל

אין דער שטאט קורטבא וואס אין מדינת ספרד, דארטין האט זיך דיא חכמה גימאכט אנגעסט אין ניינטין יאהר הונדערט לאלף החמשי, אין דער שטאט האבין זיך באהעפט צוא זאמען תורה מיט חכמה, פון דארטין איז ארויס תורה אונ די קוועלע פון וויסענשאפט, אין דיזע שטאט אין דעם יאר ד"א תתצ"ה (דאס איז שוין זיבין הונדערט מיט ניין אונ פערציג יאר) אום שבת ערב פסח איז גיבארין גיווארין דער אויס דער ווייל טער פון דיא חכמים, דער שיין פון אידין וואס האט אויף גיהויבין דיא ליכטיקייט פון דער תורה אונ האט איר אן גיקרוינט אקרוין פון שיינקייט דאס איז (דער רמב"ם) רבינו משה דער זון פון רבינו מיימון הדיין הספרדי וואס קומט ארויס פון די פאמיליע פון דוד המע"ה. דיזער קינד האט זיך ערצויגין אויף דעם שוים פון אנדריסין מאן אפאטער, זייער גליקליך, דער פאטער האט זיך שטארק באמיט צוא לערנען אים תורה אונ וויסענשאפט, אונ ער האט זיך זייער שטארק גענומען צום לערנען אונ האט איבער גיאגט אלע זיינע חברים אין אלע למודיות, דען זיין קאפ וואר זייער טיף אונ שארף, קורץ גיזאגט אז אין זיין יונגשאפט האט מען אין אים דער קענט, אז ער וועט פרשיינען די וועלט מיט זיין תורה אונ חכמה. דער פאטער (האט אים גילערינט לשון ערבי וואס זיא איז דענסטמאל גיוועז דיא שפראך פון וויסענשאפט אונ) האט אין אים גיגאסין דיא טייכין האניג פון דער תורה וואס ער האט גישעפט פון קוואל פון זיינע רביים גדולי עולם, וויא שיין אונ צימליך איז עס צוא זעהען אז דער פאטער מיטין זון צו זאמען האבין גילערינט תורה פון דעם גרויסין גאון וואס האט ערלויכטין אידישע אויגין מיט זיין תורה הרב ר' יוסף הלוי מיגאש וואס דער רמב"ם האט אויף זיין רבין עדות גיזאגט אז זיין שכל אין תלמוד איז גיוועזן מורא'דיק, פון דעסט וועגין האט דער רמב"ם גילערינט ביי אים יונגערהייט,

פון

פון דעם איז צוא פאר שטיין דיא גרויסקייט פון רמב״ם, אונ דער
רבי ר׳ יוסף האט זיך שטארק פאר וואונדערט אויף דיא גרויס פאר
שטאנד פון דעם רמב״ם אונ האט גיזאגט פאר אלע בני הישיבה
„איר זאלט וויסן אז דער קינד וועט זיין אגרויסער מאן, אונ וועט
באלייכטן מיט זיין שיין כל ישראל״.

בעת ההיא) אין יענע צייטן האבן זיך אן גיהייבן אין ספרד
זייער פיל אנגסטין אויף אידין, דיא פאר בלאנדזשעטע שעפסעלע
נעבאך איז גיווארין אפארצוקונג צוא דיא וועלף אונ טיגערין
פון אינדיען וואס זייא האבן זיך פארשפרייט דענסט מאל אין
יענעם קאנט איין נעמען דיא לאנד. אין אזא שווערע קריטישע
לאגע האט גילעבט דער רבינו מיימון מיט זיין פאמיליע אין שטאט
קורטבא, גיהאפט אונ גיווארט צוא גאטעס הילף, ביז וואנען זיי
זיינען ערמידעט גיווארין צוא ערליידין, אונ מיט גאטעס הילף איז
רבינו מיימון מיט זיינע צווייא זין מיט דיא הויז גיזינד אנטרונען
גיווארין פון דארטן אין דיא שטאט פאס, וואס דארטן איז גיוועזן
דער גרויסער הייליגער גאון ר׳ יהודה הכהן, האט דארטן דער
רמב״ם גילערנט ביי דעם ר׳ יהודה הכהן אונ דער פאטער מיט זיין
ברודער ר׳ דוד האבן גיפירט געשעפטן אונ האבן גישפייזט דעם
רמב״ם, אבער דארטן האט אויף זייא די זון אויך ניט גישיינט לאנג,
דיא אידעשע פיינדע האבן דארטן אויך גיגרייכט אונ דר הייליגער
גאון ר׳ יהודה איז אום גיקומען אויף קידוש השם אונ רבינו מיימון
מיט זיין פאמיליע זיינען אנטרונען גיווארין פון דארטן.

אין דעם יאר תתקכ״ה לאלף החמישי זונטאג ד׳ לחודש אייר
זיינען זייא ארויף אויף אשיף רייזין נאך „עכו״, דיא גאנצע וואך
האט דיא שיף גיזעגילט רוהיג, וויא עס איז גיקומען שבת איז
געווארן אגרויסער שטורעם אפין ים אונ דיא שיף האט געהאלטין
ביין אונטער גיין, עס איז גיווארין גרויסע געוויינען אונ לארעמס, האט
זיך דער רמב״ם גישטעלט מתפלל זיין אונ האט זיך גיטאן איין
נדר אויב השי״ת וועט אויף זייא רחמנות האבן אונ זייא ראטעווען
וועט ביי אים זיין שטענדיג דיא צווייא טעג (דער זונט׳ [illegible] אייר

וואת ·

וואס ער איז ארופ אף דיא שיף אונ דער שבת יוד אייר) איין תענית אויף זיין גאנצען לעבין, ער אונ זיינע קינדער אונ קינדס קינדער אונ געבין צדקה וויא וייט מעגליך, אונ דעם צעהענטין טאג אייר זאל ער זיך שטענדיג נוהג זיין זיצין סגור ומסוגר אונ ניט אן קוקען קיין מענטשען נור דאווענען אונ לערנען דעם גאנצען טאג (ער שרייבט מיט דיזען לשון) „אזוי וויא אין דעם טאג האב איך ניט גיפונען קיין גוטען פריינד וואס זאל מיך באטעווען פון טויט נור הקב"ה אזוי זאל איך דעם טאג ניט זעהען אונ ניט ריידין מיט קיין מענטשען נור מיט הקב"ה, תורה אונ עבודה", הקב"ה האט אן גינומען זיין תפלה אונ דער ים איז געווארען רוהיג אונ זיינען גיקומען דעם דריטין טאג לחודש סיון אין עכו, דארטין האבין זייא גיבענטשט גומל אונ גילויבט השי"ת פיר אלע הסדים, אונ גימאכט דעם טאג יו"ט אונ גיגעבין מתנות לאביונים אונ גינומען אויף זיך צו מאכין אזו אלע יאר. (דעם טאג וואס זייא זיינען ארויס פון ים לשלום).

ואחר נאך ימים טובים ד' חשון זיינען זייא ארויס פון עכו אויף גיין קיין ירושלים אין קאמפאניא מיט הדיין ר' יפת ב"ד אלי' אויס גיפין זייער ביטערע הארץ ביי דעם כותל מערבי, זייא האבין גירייזט אין גרויס סכנה אונ שרעק פון די רויבער-באנדעס וואס איז דענסט מאל גיוועזען אויף די וויסטע וועגין, זייא זיינען גיקומען קיין ירושלים בשלום אונ האבין אויס גיגאסין זייערע ביטערע הערצער אונ דיא הערצער פון כלל ישראל אויף דיא היילינע ערטער אין ירושלים אונ האבין זיך דארטין פאר זאמט ביז ט' חשון, פון דארטין האבין זיי גירייזט נאך חברון מתפלל זיין אויף מערת המכפלה (אויף די קברים פון די אבות אברהם יצחק ויעקב) אונ די צווייא טעג ואו חשון וואס ער האט זוכה גיוועזען צו קומען אין ירושלים אונ ט' חשון וואס ער האט זוכה גיוועזען צו קומען אין חברון האט ער אויף זיך גינומען צו מאכין אזוי וויא יום טוב לויבין השי"ת אונ פריילך זיין אונ געבין מתנות לאביונים אונ ביים אוועק גיין פון ירושלים האט ער אזויא גיזאגט „השי"ת זאל מיר העלפין ערפילין מיינע נדרים (אזוי שרייבט דער רמב"ם אין אבריף)

אונ

אונ אַזוי וויא איך האָב זוכה גיוועזן מתפלל צו זיין אין דיא היילינע
ערטער בעת החרבנם (אין זייער פאר וויסטער צייט) אַזוי זאָל איך
זעהן אונ כל ישראל בנחמתה במהרה אמן":
אולם אָבער צום אומגליק האָבין זיי זיך אין חברון אויך ניט גיקאָנט
באַזעצין פון גרויס יקרות אונ וויסטעניש — זייא האָבין
דער הערט אַז אין מצרים איז עפּעס אַשטיקיל ישוב פון אידין אונ
זייא לעבין זיך דאָרטין רוהיג איז זיי גיפעלין אַראָפּ פאָרין דאָרטין
איבער קומען דיא שלעכטע צייט, דער אַלטער פאָטער איז פאַר-
בליבין אין ירושלים ענדיגין זיינע יאָרין, אונ דער רמב"ם מיטין
ברודער ר' דוד מיט דיא הויז גיזינד זיינען גיקומען קיין מצרים אונ
האָבין גיפונען דאָרטין אַהיבשען ישוב פון אידין וואָס לעבין זיך
גאַנץ רוהיג האָבין זיי זיך דאָרטין באַזעצט אונ גינומען האַנדלען
מיט דימענט-וואַרג ווייל זיי האָבין גיהאַט אַידיעה אין דעם מסחור
פון לאַנג, אין אַקורצע צייט נאָך זייער אָפּ רייזין פון ירושלים האָט
רבינו מיימון זייער פאָטער גינומען אָפּ שייד פון דער וועלט אונ
אַוועק אין זיין רוהע אונ נקבר גיוואָרין אַפין היילינגין אָרט, עס איז
זייא אָן גיקומען טרייסט בריף פון אַסך שטעט וואָרום זייער נאָמען
איז גיוועזן גרויס אונ באַוואוסט אין אַלע עקין וועלט, אונ כל
ישראל האָט אויס גיקוקט אויף זיי, זיי זאָלין זייא דער לייכטין דיא
אויגין מיט דיא ליכטיקייט פון תורה אונ חכמה:
ימים רבים) אַלאַנגע צייט האָבין זייא גיפירט זייער מסחור פון
דימענט וואַרג, ר' דוד האָט גירייזט אויף אַלע ירידין וועגין
גישעפט אונ רבינו משה (רמב"ם) האָט פאַר היילינט זיינע צייטין
צו תורה אונ חכמה. עס איז ניט גיוועזן קיין חכמה וואָס ער האָט
איר ניט ערגרייכט, אויך אין חכמת הרפואה (דאָקטאָר מידיצין)
איז ער זייער גרויס גיוועזן אונ זיין נאָמען איז נתפרסם גיוואָרין אין
גאַנצע לאַנד מצרים:
ריתחתן) ער האָט זיך מתחתן גיוועזן מיט אַגרויס אַרטינען מאַן
פון די גרויסע נכבדים, אונ האָט דאָרטין גיפירט דאָס פאָלק
ישראל אין די היילינע יודין וועגן. ער האָט זייא אָפּ גישיידט פון
דיא

דיא געמיינדע קראים (קאראיטעס) אונ פון זייערע מנהגים וואס אידין זיינען דענקט מאל פאר מישט געווארין מיט זייא אונ האבין זיך אפ גילערינט פון זייערע דרכים אונ מנהגים. אין פערלויף פון דער צייט, האט זייא יעצט דער רמב"ם אפ גישיידט פון די קראים אונ האט זייא איין גיארדענט תקנות אונ גוטע מנהגים, ביז וואנען ער האט גישטעלט די תורה מיט אידעשקייט אויף אגוטע פוס. ער האט גילערינט תורה מיט אסך תלמידים:

ויהי היום) עס וואר איין טאג האט ר' דוד (דעם רמב"מ'ס ברודער) גירייזט נאך מדינת "הודו" איינקויפין דארטין דימענטווארג, אונ האט מיט זיך גינומען אסך געלט, אלע האבין גיווארט אונ גיהאפט אויף זיין קומען לשלום פון יריד. פלוצלונג האט אפינצטערער וואלקין צו שטערט זייער שיין, דאס איז דיא פינסטערע נאבריכט וואס נעמט אן אשוידער הערינדיג אז דיא שיף איז אונטער גינאנגין אין ים הודו אונ ר' דוד מיט זייער גאנצין פערמעגין איז דער טרונקען גיווארין. דיזע טרויעריגע נאבריכט האט פאר-וויטאגט דיא הייליגע הארץ פון דעם רמב"ם, אונ פון גרויס שמערצין איז ער קראנק גיווארין אונ האט גיקרענקט ארומגין יאר, ער האט זיך ניט גילאזט טרייסטין ווייל ער האט אים זייער ליב גיהאט אונ זיין זעלע איז גיווען אן גיקניפט אן ר' דוד'ס זעלע, ווייל דער רמב"ם איז גיזעסין פאר זיין קאפ זייער רוהיג אונ האט גילערנט תורה טאג אונ נאכט אן אשום שטערונג, אונ יעצט איז צו שטערט זיין גאנצע רוהע, ווייל ער וואר שוין גיצוואונגען צו זוכין אמיטל צו שפייזין דיא פאמיליע אום צוא ערפילין זיין ריינעם אונ איידעלן כאראקטער וואס ער האט ניט גיוואלט זיין צו לאסט אויף קיין פרעמדין אונ שפייזין זיך נאר מיגיע כפו:

אך ה' הטה אליו חסד) השי"ת האט אן גינומען זיין צער אונ האט גינייגט צו אים זיין חסד, אונ האט גיגעבין זיין חן אין דיא אויגין פון מלך מצרים אז ער האט אים אויף גינומען פאר דעם קיניגליכין הויף דאקטער אונ האט שוין זיך גישפייזט מיט זיין פאמיליע מיט גרויס כבוד, אייננייענדיג אין קיניגליכין הויף האט

ער

ער גרויס גוטעס גיטאן אידין אונ האט פון זייא אראפ גענומען דעם עול הגלות , אונ אויף דיא אידין פון גאנץ מצרים האט אן גיהויבין דיא זון צו שיינען · דער רמב״ן (אין איינע פון זיינע בריף) נאך דעם וויא ער רעט ארום דיא גרויסקייט פון רמב״ם אונ איז זייער מאריך בשבחו שרייבט ער מיט דעם לשון : „מיר גענומען אויף זיך פאר עדות הימל אונ ערד, פאר מיינע כבותי, אז מיר האבין גיהערט פון ווארע ערצייילער , אז אין גאנצין קאנט פון מלכות תימן , אסך גימיינדעס פון אידין זיינען עוסק אין תורה אונ מצות לשמה (מיט איין אמת ניט פאר פארבט) אונ פלעגין דער מאנגען מיט עהרענפורכט דעם נאמען פון רמב״ם אין קדיש מיט דיזען לשון : „בחייכון וביומיכון ובחיי דרבנא משה בן מיימון" וואס ער האט ער-לייכטין זייערע אויגין אין דער תורה, אונ האט זייא אוועק גישטעלט אין אליכטיגין ווינקיל אונ האט פון זייא מבטל גיוועזן די שווערע גזרות אונ דעם לאסט פון דיא גרויסע מסים (אפ-צאלונגען) אונ האט פאר גרינגערט פון זייא דעם שווערין גלות וואס זייא זיינען גיוועזן פריער הפקר אונ ניט גיאכט אזוי וויא ליים אונ בלאטע וואס מען טרעט אין גאס, אונ דורך אים האבין זיי גיקראגין מענשין רעכט".

ויהי) אונ עס וואר וויא השי״ת האט אים בארוהיגט פון זיין טלטול (פארוואנלונג אונ אונרוהיגקייט) האט ער פאר קאנצעט זיין פירוש אויף משניות וואס ער האט אים אן גיהויבין צוא שרייבין בעת ער איז אלט גיוועזן צוויא אונ צוואנציג יאר , ער האט באטראכט אז דיא וועלט איז פוסט פון דיא גרויסע ישיבות וואס אמאל פלעגט צו זיין , אונ דיא תורה ווערט פון טאג צוא טאג וויניגער, האט ער זיך ערבארעמט אויף אונזערע טייערע צירונג עס זאלין איר ניט פאר פלייצין דיא וואלין פון דיא סטראמיגע אונ רויסינדע צייט, דרום האט ער זיך אפ גילייגט אונ גימאכט אפירוש צו משניות אויף לשון ערבית וואס זיא איז דעמאלט מאל גיוועזן מוטער שפראך אונ האט גימאכט הקדמות אונ יסודות וואס ער האט כולל גיוועזן מיט זיין גרויס פאר שטאנד אויף יעדער מסכת , אונ האט ערוועקט דיא לעזער אויף דיא עקרים (פונדאמענטין) פון

דיא

דיא אמונה וואס זיינען באהאלטין אין פארשידענע ערטער פון משניות אונ דאס איז ביי אים געוועזן זייער טייער אז יעדער איד זאל דאס לערנין אונ קלאר זיין אויס ווייניג, *) ווארום ווען דער פונדאמענט איז שטארק האט אקיום דער בנין וואס איז גיבויט אויף אים, דאס גלייכין ווען ביין אידין זייגען שטארק די עקרים פון דיא אמונה דאן האט ביי אים אקיום דיא גאנצע יודעשקייט אונ דיא מצות.**) אונ האט פאר קאנצעט דעם פירוש אין מצרים אין דרייא אונ דרייסעגטין יאר פון זיין לעבין:

בהיותו) בעת ער איז אלט גיווארין זיבין אונ דרייסיג יאר האט אים זיין קלוגע אונ פרומע הארץ באוויליגט מחבר זיין דעם ספר „יד החזקה". צעהן יאר נאך אנאנד טאג אונ נאכט האט ער גיארבעט דיזע גרויסע היילינגע ארבעט אונ האט איר פאר קאנצעט אין זיבין אונ פערציגסטין יאר צו זיין לעבין, עס האבין זיך פאר־וואונדערט דיא גרעסטע גאונים אונ דיא גרעסטע קעפ מענשין אויף דיא חכמה פון דיזין חבור וואס זינט נאך דיא בעלי התלמוד איז ניט גימאכט גיווארין אזא חבור וויא דער יד החזקה איז:

בהיותו) אין דעם פופציגסטין יאר פון זיין לעבין איז צוא אים גיבורין גיווארין זיין זון ר' אברהם, אונ נאך אין זיינע יונגע יארין איז שוין ערקענט גיווארין אין אים חכמה אונ פרומקייט

אונ

---

*) ז"ל בפהמ"ש סוף ברכות יקר בעיני ללמוד עיקר מעיקרי הדת והאמונה מכל אשר אלמדהו. ובא' ממכתביו כ' כי זהו רצון התורה וחכמת המצות להתקין הנפש במדותיה ובאמונת הבורא יתברך וע"כ אמר הכתוב רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, ואין הדבר תלוי בתענית ותפלה וצעקה בלי דעה ואמונה של האמת ובכגון זה כ' קרוב אתה בפיהם ורחוק מכליותיהם, ועיקר הכל שאין שום דבר העומד לעולם ולעולמי עולמים אלא הבורא ית"ש (אחי אחי שים לבך לדבריו היקרים אם בעל נפש אתה).

**) אויב דו מיין ליבער לעזער ווילסט וויסין דיא יסודי הדת ועקרי האמונה פון רמב"ם זאלסטו לעזין דעם ספר „לקח טוב" וואס האט מחבר געוועזן פר כמה הונדערט יאר הגאון ר' אברהם יג"ל אויף לשה"ק אונ מיר האבין אים יעצט איבער זעצט אויף זארגאן (געדרוקט בווילנא שנת תרמ"ד).

און דער רמב"ם אַליין הָאט אויף אִים מֵעִיד גִיוֶוען אַז עֶר אִיז אַנְלַייבָּער בַּעַל שֵׂכֶל אוּנ אַגוּטֶער כאַראַקְטֶער צוּ זַאמְען מִיט גוּטֶע זִיטִין, — עֶר הָאט גִיהָאפְט אַז דָאס וֶועט אַרוֹיס וַואקְסִין אֵיינֶער פוּן דִיא גְרֶעסְטֶע מֶענְשֶׁער אִין דֶער וֶועלְט, אוּנ השי"ת הָאט גִיהָאלְפִין עֶס זָאל עֶרְפִילְט וֶוערִין זַיין וואוּנְשׁ אוּנ ר' אברהם אִיז אוֹיס גִיוַואקְסִין אַגָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל אִין לֶערְנֶען אוּנ אִין פְרוּמְקַייט :

בעת ההיא) אִין יֶענֶער צַייט הָאט עֶר פַאר קָאנְצֶעט זַיין סֵפֶר „מורה נבוכים", אִין עֶס אִיז צוּ זֶעהֶן זַיין גְרוֹיס חָכְמָה אוּנ זַיין צִדְקוֹת, עֶר הָאט אַכְטוּנְג גִיגֶעבִּין אַז דִיא פִילָזָאפִישֶׁע סְפָרִים אִיז זֵייעֶר פַאר־שְׁפְּרֵייט אוּנ אָן גִינוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ אַלֶע אִידִין הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיצוֹיגִין נָאךְ זֵייא, אוּנ אָפּ גֶעשֵׁייד זִיךְ פוּן תוֹרָה אוּנ פַאר הַאסְט אִיר, הָאט זִיךְ אִין אִים אָן גִיצוּנְדִין דִיא קִנְאָה פַאר דֶעם שַׁאנְד פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תוֹרָה אוּנ הָאט בַּאוֹוִיזִין אִין דֶעם סֵפֶר אַז נָאר דִי פִילָאזָאפִיֶע אוּנ נָאר דִי חָכְמָה אוּנ נָאר דֶעם גוּטִין כאַראַקְטֶער אִיז צוּ זֶעהֶן אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע תוֹרָה*) :

---

*) מִיר וֶועלִין דָא מַעְתִּיק זַיין אַמְקֻצָּת פוּן דֶעם בְּרִיף וָואס דֶער רמב"ם הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּא הֶחָכָם ר' שמואל בֶּן הֶחָכָם ר' יהודא אבן תבון, וָוען דֶער ר' שמואל הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם רמב"ם אַבְּרִיף אִים אָן צוּ זָאגִין דָאס עֶר הָאט שׁוֹין מַעְתִּיק גִיוֶוען דֶעם סֵפֶר „מורה נבוכים" פוּן אַרַאבִּישׁ שְׁפְּרַאךְ אִין לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, אוּנ אוֹיךְ שְׁרַייבְּט אִים ר' שמואל אִין זַיין בְּרִיף דָאס עֶר וִויל קוּמֶען צוּ אִים, זִיךְ מְשְׁתַּעְשֵׁעַ זַיין דַאמִיט וָואס עֶר וֶועט בַּיי אִים פַארְבְּרֵיינְגֶען אֵיינִיגֶע צַייטֶען, הָערִין זַיין גְרוֹיס חָכְמָה, דַארוֹיף שְׁרַייבְּט אִים אָפּ דֶער רמב"ם אוּנ דַאנְקְט אִים זֵייעֶר פִיר זַיין אִיבֶּער זֶעצִין זַיין סֵפֶר „מורה נבוכים", אוּנ אוֹיף דֶעם וָואס ר' שמואל שְׁרַייבְּט אִים דָאס עֶר וִויל קוּמֶען צוּ אִים, שְׁרַייבְּט דֶער רמב"ם אִים אַזוֹי: „לִיבֶּער ר' שמואל, דָאס וָואס דוּא דֶער מָאנְסְט אִין דַיין בְּרִיף פוּן דַיין קוּמֶען צוּ מִיר. קוּם קוּם דוּא גִיבֶּענְטְשְׁטֶער פוּן גָאט, אוּנ אוֹיךְ דֶער גִיבֶּענְשְׁטְטֶער פוּן דִיא אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר

זאַ

צוּ פְרִידְעֶן, אוּנ פֶערְגֶענִיגֶענְט פוּן דַיין לִיבֶּען קוּמֶען צוּ מִיר אוּנ אִיךְ בַּאגֶער אוּנ גְלוּסְט מִיט מַיין פוּלֶען הֶערְצֶען צוּ דַיין טַייעֶרֶע בֶּעהֶעפְטוּנְג צוּ מִיר, אוּנ אִיךְ בִּין זַייעֶר גֶערִין צוּ זֶעהֶן דַיין פָּנִים דֶעם לִיכְטִיגֶען דֶעם צִיפְּלִיבֶּען, אוּנ צוּ פְרַייעֶן זִיךְ נָאךְ מֶעהר פִיר דַיין פְרַיילִיכְקֵייט וָואס דוּא וֶועסְט זִיךְ פְרַייעֶן וֶוען דוּא וֶועסְט זֶעהֶן מַיין פָּנִים, אָבּ וָואהְל עֶס טוּט מִיר זַייעֶר לַייד דַיין שְׁוֶוערֶע רַייזֶע וָואס דוּא וֶועסְט הָאבֶּין קוּמֶענְדִיג צוּ מִיר, דֶען דוּא דַארְפְסְט דָאךְ פָארִין אִיבֶּערִין יַם, אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע סַכָּנוֹת׳דִיגֶע וֶועגִין, נָאר מַיין פְרַיידֶע צוּ זֶעהֶן זִיךְ מִיט דִיר שְׁטַארְקְט דִיא לַיידֶען אַרִיבֶּער, גָאר דִיזֶעס מוּז אִיךְ דִיר צוּ וִויסִין גֶעבִּין אוּנ אִיךְ רַאטְהֶע דִיר אוֹיךְ, אַז וֶוען דִיר אִיז שְׁוֶוער דִיא רַייזֶע צוּ מִיר זָאלְסְט דוּא זִיךְ גִיט שְׁטֶעלִין אִין סַכָּנָה, דֶען פוּן דַיין קוּמֶען צוּ מִיר וֶועסְטוּ קֵיינֶע גְרוֹיסֶע נוּצֶען הָאבִּין, נָאר דִיזֶעס וָואס דוּא וֶועסְט זֶעהֶן מַיין פָּנִים, אוּנ דֶעם כָּבוֹד וָואס אִיךְ וֶועל דִיר טָאן וִויא וַוייט אִיךְ וֶועל קֶענֶען, אָבֶּער דִיר אִיז דָאךְ בֶּעוואוּסְט אַז דָאס אִיז קֵיינֶע נוּצֶען. דִי נוּצֶען פוּן דַיין קוּמֶען צוּ מִיר אִיז נָאר דָאס מִיר זָאלִין זִיךְ קֶענִין זַיין צוּזַאמֶען אִין אֵיינְזַאמְקֵייט צְוַוייא אָדֶער דְרַייא שָׁעָה אִין טָאג אוּנ צוּפָאר בְּרֵיינְגִין אִין חָכְמָה, אִין פִילוֹסוֹפְיָא, אוּנ דָאס גְלַייכִין, אָבֶּער דַארוּף זָאלְסְטוּ זִיךְ גָאר נִיט רִיכְטִין דֶען דִי בִּיאָגְרַאפִיֶע פוּן מַיינֶע טֶאגְלִיכֶע צַייטִין אִיז וִויא אִיךְ וֶועל דִיר דֶער צֵיילֶען.

„דָאס אִיז דִיר בֶּעוואוּסְט דָאס אִיךְ בִּין אִין מִצְרַיִם, אוּנ דֶער מֶלֶךְ פוּן מִצְרַיִם אִיז אִין אַלְקָאִירָה אוּנ צְווִישִׁין דִיא בֵּיידֶע שְׁטֶעט אִיז אַיין גְרוֹיסֶע שְׁטְרֶעקֶע (צְוַוייא תְּחוּמֵי שַׁבָּת גַאנְג) מוּז אִיךְ אַלֶע טָאג גַאנְץ פְרִיא גֵיין צוּם מֶלֶךְ אוּנ מַיין דִינְסְט בַּייא אִים אִיז זֶעהְר שְׁוֶוער, דַאן וֶוען אַז עֶס מַאכְט זִיךְ דָאס דֶער מֶלֶךְ וֶוערְט נִיט גִיזוּנְד אָדֶער אֵיינֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אָדֶער אֵיינֶע פוּן זַיינֶע קֶעפְּס-וַוייבֶּער טָאר אִיךְ נִיט אַוֶועקְגֵיין פוּן אַלְקָאִירָה, בִּיז אַהִיבְּשֶׁע צַייט נָאךְ הַאלְבִּין טָאג אוּנ דַאצוּ מַאכְט זִיךְ אוֹיךְ דָאס אֵיינֶער אָדֶער צְוַוייא פוּן זַיינֶע שָׂרִים וֶוערִין נִיט גִיזוּנְד אוּנ דָאס מַאכְט זִיךְ אָפְט, מוּז אִיךְ זִיךְ אָפּ הַאלְטִין צוּ לִיבּ זַייא אוּם צוּא גֶעבִּין

זַייא רְפוּאוֹת, (מֶעדֶעצִינֶען), דֶער כְּלָל אִיז אִיךְ בִּין זַייעֶר פֶערְנוּמֶען מִיט מַיין דִינְסְט בַּיין מַלְכוּת. דֶען אַלֶע טָאג מוּז אִיךְ בַּייא אִים זַיין בִּיז נָאךְ הַאלְבֶען טָאג וָוען אֲפִילוּ אַלֶע זַיינֶען גֶעזוּנְד, אוּנ פַאר דִיא צַייט טָאר אִיךְ נִיט גֵיין אַהֵיים אִין מִצְרַיִם, אוּנ אוֹיךְ הוּנְגֶער אִיךְ אַלֶע טָאג בִּיז אִיךְ קוּם אַהֵיים, אוּנ וָוען אִיךְ קוּם שׁוֹין אַהֵיים גֶעפִין אִיךְ אִין קָאלִידָאר פוּן מַיין הוֹיז פִילֶע מֶענְשִׁין קְרַיינְקְלִיכֶע וָועלְכֶע עֶרְוַוארְטֶען אוֹיף מַיין קוּמֶען, אוּנְטֶער זַייא גֶעפִינֶען זִיךְ אַלֶע קְלַאסֶען מֶענְשִׁין. יְהוּדִים, אַרַאבֶּער, הוֹיכְאַרְטִיגֶע מֶענְשִׁין אוּנ אוֹיךְ נִידֶער-קְלַאסִיגֶע מֶענְשִׁין אוֹיךְ רִיכְטֶער אוּנ בֶּעאַמְטֶע, אַיין פֶערְזַאמְלוּנְג פוּן אַלֶע אַרְטִין מֶענְשִׁין, אִיךְ גֵייא אַרָאפּ פוּן מַיין עֶזֶעל, אוּנ וַואשׁ זִיךְ אַרוּם אוּנ גֵייא אַרוֹיס צוּ דִיא מֶענְשִׁין וָועלְכֶע עֶרְוַוארְטִין מִיר, אוּם צוּ בֶּעטִין פוּן זֵיי פֶערְצַייאוּנְג (מְחִילָה) אוֹיף זַייעֶר עֶהְרֶע וָואס זַייא וַוארְטֶען אַזוֹי לַאנְג, אוּנ אִיךְ בֶּעט זַייא, זַייא זָאלִין מִיר עֶרְלוֹיבֶען עֶטְוָואס צוּ גֶענִיסֶען אִין מַיין מוֹיל, אוּם צוּ קְרֶעפְטִיגֶען זִיךְ עֶטְוָואס, אוּנ דֶער עֶסֶען אִיז בַּייא מִיר גִיוָועהְן אַיין מָאל אִין טָאג, אוּנ אִיךְ גֵייא אַרוֹיס זַייא אַלֶע צוּ הַיילֶען, אוּנ צוּ גֶעבִין זַייא רֶעצֶעפְּטִין אוּנ מִידִיצִין צוּא זַייעֶר קְרַאנְקְהַייט, אוּנ אַזוֹי פְלֶעגִין אַרוֹיס גֵיין אוּנ אַרַיין גֵיין קְרַאנְקֶע בִּיז צוּ דֶער נַאכְט, אוֹיךְ בַּייא נַאכְט קוּמֶען צוּ מִיר מֶענְשִׁין צוּ לֶערְנִין מִיט זַייא חָכְמַת הַתּוֹרָה, אוּנ אִיךְ לֶערִין מִיט זַייא אוּנ אִיךְ עֶרְקְלֶער זַייא גְרוֹיסֶע אוּנ טִיפֶע עִנְיָנִים, אוּנ וָוען אִיךְ לֶערִין מִיט זַייא קֶען אִיךְ נִיט זִיצִין אוּנ נִיט שְׁטֵיין פוּן פִיל שְׁלַאפְקֵייט פוּן מַיין טֶעגְלִיכֶע מִיהֶע, נָאר אִיךְ מוּז לִיגֶען אוֹיף דֶעם רוּקִין אִיךְ לֶערִין מִיט זַייא אַזוֹי פִיל בִּיז אִיךְ וֶוער מִיד דָאס אִיךְ קֶען שׁוֹין כִּמְעַט נִיט רֵיידִין מִיט מַיין מוֹיל דָאס אִיז מַיין אַרְבֵּייט אַלֶע טָאג דַאפַאן קֶענְסְטוּ פַאר שְׁטֵיין דָאס עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ דָאס אַיין מֶענְשׁ זָאל קֶענִין מִיט מִיר זִיךְ צוּ זַאמֶען אַיינִיגֶען אִין אֵיינְזַאמְקֵייט אוּם צוּ צוּ בְּרֵיינְגִין אִין פֶערְגֶענִיגֶען פוּן חָכְמַת הַתּוֹרָה אוּנ פִילִיסוֹפְיָא נָאר שַׁבָּת'דִיגֶען טָאג, אוּנ אֲפִילוּ שַׁבָּת'דִיגִין טָאג בִּין אִיךְ פַאר נוּמֶען מִיטֶען עוֹלָם, דֶען תֵּיכֶף נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען אִין דֶער פְרִיא

קומט

קומט דער גאנצער קהל אדער דער רוב קהל צו מיר אין הויז און איך
לערין מיט זייא, און איך ווייז זייא אגלייכע וועג וויא זייא זאלן
זיך פירין דיא גאנצע וואך וואס וועט קומען, סייא אין געטליכע
זאכין סייא אין וועלטליכע זאכין צו פירען זיך (על פי התורה)
וויא דיא תורה לערינט אונז, און אזוי לערנין זייא בייא מיר ביז
האלבען טאג, אויך נאך מנחה קומען אויך אנדערע מענשין צו
הערין פון מיר גוטע לערהונג אין חכמת התורה, און אזוי פאר
ברייגגין זייא ביז מעריב, דאס איז דיא ביאגראפיע פון מיינע
טעגליכע ארבייט, וועלכע איך בין צו זייא צו געבונדען, נון ליבער
פריינד קענסט שוין פאר שטיין אז דיין קומען צו מיר איז זייער
ווייט עם זאל זיין צום נוצין פון דיין באגער צו פאר ברייגגין מיט
מיר אין פערגעניגען פון שפרעכונג אין חכמה און פילוסופיא, דען
דאס וואס איך האב דיר דער ציילט מיין ביאגראפיע פון מיין
ארבייט אלע טאג איז דאס איין מקצת פון מיין פיהל מיהע וואס
איך האב, וויא דוא וועסט אליין זעהן ווען דוא וועסט קומען צו
מיר מיט דיא הילף פון דעם בורא ית', און ווען דוא וועסט ענדען
דעם פירוש און דיא העתקה (איבער זעצונג) פון מיין ספר „מורה
נבוכים" ווארום ווייל דוא האסט אן געהויבין מעתיק צו זיין ביזט
דוא שוין בעשולדיגט צו ענדען, וויא דיא גמרא זאגט „המתחיל
במצוה אומרים לו גמור" דאן זאלסטו קומען מיט פרייד און מיט
גיזאנג צו מיר אבער נאר צו זעהן זיך פערזענליך (פנים אל פנים)
אום צו פרייען זיך מיט פערגעניגין פון אונזער פריינדליכין און
ליבליכין זעהן זיך אבער ניט פון נוצבארקייט אום צו לערנין צו
זאמען חכמה וויא דוא פערלאנגסט, ווייל מיין צייט איז מיר זייער
איינג דארויף וויא איך האב דיר געשריבין, עכ"ל, ביז אהער
איז דער בריף פון רמב"ם וואס ער האט געשריבין צו ר' שמואל
אבן תבון ז"ל. — ליבע לעזער פון דיזין בריף קענין מיר גוט
בעמערקין און פאר שטיין דיא גרויסקייט פון רמב"ם, דען זייא ער
איז גיוועזן אזוי א טרוד, א דאקטאר ביים קייזער, א גרויסער אנ-
פירער בייא אידען, און איז גיוועזן שטענדיג פאר מאטערט און

שלאף

שלאף פון תארעוואנגע וויא ער שרייבט אין זיין בריף פון דעמט וועגין האט ער מיט פיל אידען גילערינט חכמה מונדליך אונ אויך גימאכט אזעלכע גרויסע חבורים וואס מיט זייא האט ער אויף גיעפענט דיא טויערין פון דער תורה אונ האט ערלויכטין מיט זיין ליכטיגע חכמה אלע אירע ווענין בכדי דיא וואס ווילין זיין אידען זאלין ניט געשטרויכלט ווערין אין שלעכטע גידאנקין אונ אלע זאלין וויסין דיא תורה מיט ליכטיגע אויגין אונ מיט אגוטין פאר־שטאנד, דארום האט ער גימאכט דעם קלוגען אונ טיפען ספר „מורה נבוכים“ צו לערנין זיין פאלג דיא גרונדין פון דת, אונ אמונה, אונ האט גימאכט פידצעהן ספרים וואס אלע אין כלל רופין זיך ספר „יד החזקה“ צו לערנין זיין פאלג מיט אליכטיקייט דיא תורה אונ מצות:

ולעת זקנתו) אין דיא צייט פון זיין עלטער זעהט מען פון זיינע היילינע כתבים אז ער האט זוכה גיוועז צוא דיא היילינע מעלות אונ דיא איידעלע הרגשות וואס עס האבין זוכה גיוועז צוא דעם דיא גרויסע צדיקים אונ אונזערע היילינע נביאים, השי"ת האט אים מטעים גיוועז (גינעבין צו פאר זוכין) פון דעם זיסין אונ צימליכן תענוג פון גן עדן נאך פאר זיין לעבין. *)

ונעלה) אונ אין דעם יאר תתקס"ה מאנטיג כ' טבת אין דעם זיבציגסטין יאר פון זיין לעבין (אין לאנד מצרים) איז זיין היילינע נשמה ארויף צוא איר באשעפער זעטינין זיך דארטין פון דיא פארגעניגין וואס ער האט זיך אן גיגרייט אין דעם פארלויף פון זיינע זיבציג יאר לעבין — עס האבין אים באוויינט יודין אונ קריסטין דרייא טעג נאך אנאנד, דעם גאנצען יאר האט מען גיטרויערט אויף אים, אונ אין דער גאנצער וועלט וואו עס איז נאר אן געקומען

דיא

---

*) כמ"ש למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כו' כימי השמים על הארץ (אין הימלשין לעבין אויף דיזע וועלט) כ"פ בהכתב והקבלה ע"ד מאמז"ל (ברכות יז) עולמך תראה בחייך, וע"ד מאה"כ ומל ה"א את לבבך כו' ופי' בתרגום ויעדי ה"א ית טפשות לבך כו' לאהבה את ה"א כו' למען חייך פי' כדי שתהא חיים נעימים ומתוקים.

דיא טרויעריגע נאכריכט האט מען גיפאקט, אונ גימאכט גרויסע הספדים, — אויפן אכטן טאג איז אן גיקומען דיא שרעקליכע נאכריכט אין ירושלים האט מען גוזר תענית גיוועזן אזוי וויא תשעה באב אויף חורבן ירושלים אונ מיא האט זיך צוא זאמען גיקליבין אין דיא שולען אונ גילייענט דיא תוכחה אונ דער מפטיר האט גילייענט אין שמואל פ"ו ויהי דבר שמואל אונ גיקאנצעט (כי נלקח ארון אלקים) עס איז צוא גינומען גיווארין דער היילינגער ארון (ד.ה. דער היילינגער גוף וואס אין אים איז גילעגין דיא גאנצע תורה אזוי וויא דיא לוחות אין ארון הקדש):

(ואחר ימים) אין איינעגע טעג ארום האט מען אים גיטראגין אין זיין ארון פון מצרים קיין ארץ ישראל מקבר זיין (אזוי וויא יעקב אבינו ע"ה) זיינען באפאלין אבאנדע רויבער אויפן וועג, זיינען אלע מענשין צו לאפין אונ גילאזין זיין ארון ביא די גזלנים האבין דיא גזלנים גינומען דעם ארון אונ גיוואלט אריין ווארפין אין ים אבער עס האט זייא ניט גיגליקט זייא האבין אים ניט גיקענט רידין פון ארט, זייא האבין זיך גימאטערט אלע (אבאנדע פון דרייסיג מאן) מיט אלע קרעפטין אונ דער ארון האט זיך ניט גירירט פון ארט, וויא די גזלנים האבין דער זעהן דיא שרעקליכע סצענע זיינען זיי גאר אויסער זיך גיווארין אונ זאגין איינע צו די אנדערע דאס איז בודאי זייער אהייליגער מאן, זיינען זיי גיגאנגען אונ צו זאמען גירופין דיא אידין אונ האבין זייא גיבעטין בחמים זייא זאלין אים פירין אין זיין רוהע, אונ דיא גזלנים האבין אים באלייט די גאנצע וועג אונ מיא האט אים גיבראכט קיין טבריי' אונ מקבר גיוועזן לעבין דיא היילינגע אמוראים ר' יוחנן אונ רב כהנא:

(ובנו) זיין זון ר' אברהם איז דענסט מאל אלט גיוועזן צוואנציג יאר, ער איז גיוועזן אגרויסער גאון אונ אצדיק האט מען אים אויף גענומען אין מצרים פיר אהאר איבער זייא, אונ נאך אים איז גיוועזן זיין איינקיל ר' דוד אויך אגרויסער חכם אונ אשר נכבד ער האט מחבר גיוועזן ניין ספרים אויף תורה, אויך אפערמער אונ אגינעטער דור זיינען באוואוסט פיר גאונים אונ צדיקים, אויף אים

איז

איז מקוים געווארין דער פסוק (תחת אבותיך יהיו בניך תשיתמו לשרים בכל הארץ) ד. ה. דיינע קינדער וועלין באטרעטין דיא שטעלע פון זייערע עלטערין אונ וועלין זיין הארין אין דער וועלט. השי"ת זאל אונז מיט אונזערע קינדער מזכה זיין צו לערנען זיינע הייליגע ספרים אונ מקיים זיין וואס אין זייא שטייט אונ מיר זאלין אים זוכה זיין צו זעהן בעת תחית המתים ב"ב אמן :

צוואת הרמב"ם ז"ל

נדפס בלשה"ק (בסוף ספר „לקח טוב" לר' אברהם יג"ל ז"ל) בשם מוסר נאה מאד מאד מהרמב"ם ז"ל לבנו הרב החכם ר' אברהם ז"ל.

אברך איך טוא לויבן השי"ת וואס ער האט מיר די עצה געגעבן (איך זאל אים מקבל זיין צו דינען אים) אונ אין דיא אמתע וועג האט ער מיר גיפירט, זיינע גינאדע טוא איך דער מאנען אויף אלע גוטעס וואס ער האט מיר פאר געלטינגט, ער האט מיר געשטראפט מיט יסורים אום מיך צו לייטערין פון מיינע זינד אבער צום טויט האט ער מיר ניט איבער געענטפערט, מיט זיין רעכטע האנד האט ער מיר אן גענומען אונ אונטער דעם שוטץ פון זיין האנד האט ער מיר באהאלטין (בעת עס איז געקומען פורעניות אויף דער וועלט), פון דיא ליידונג פון גלגל (ד. ה. די וועלט וואס דרייט זיך וויא א גלגל) האט ער מיר ארויס גיצויגען, אונ פון זיינע אום קערונג (וואס דיא וועלט דרייט זיך פון רייך אויף ארעם, פון גליק אין אונגליק) האט ער מיר גירעטעט, אין דעם טייל פון דער צייט האט ער מיר גילייטערט, אונ פון דיא שווארצקייט פון יונגשאפט האט ער מיר ווייס גימאכט, אונ פון דיא יוגענט ווילדיקייט האט ער מיר אפ גישייט, פון דיא מלחמה פון יצר הרע האט ער מיר בארוהיגט אונ האט אן גישריען אויף דעם נחש וואס האט מיר אן גירעט צוא שלעכטס, אונ פון זיינע זיסקייט האט ער מיר געמאכט פאר זוכען, אונ פון דער ערד האט ער מיר אויף גישטעלט, אונ מיט גרויס ארטיגע אדיל לייט האט ער מיר גיזעצט, דיא טעג האבן מיך גילערינט, אונ דער נסיון האט מיך גיקליגט אונ דיא צייט האט מיר מבאר גיוועזן (ערקלערט דיא גוטע וועג), אונ ביז יעצט (ביז דיא מדרגה וואס איך האלט יעצט) האט ער גיבענטשט אונ מחיה גיוועזן, פון דעם צווייטין האט ער מיר גימאכט פאר שטענדיג אונ ער האט מיר געמאכט פאר שטיין איך זאל וויסען דעם אונטערשייד צווישין גוטס אונ שלעכטס, אז אין זיין האנט איז מיין ענדע האט ער מיר געמאכט וויסין, אבער איך אליין וויים ניט ווען מיין צייט איז צוא שיידין זיך פון דער וועלט, דרום זיין ליבשאפט האט מיר ער-וועקט, לאזין צואה מיינע קינדער וואס ער האט מיר חונן גיוועזן

אז

אַז זַייא זָאלִין הִימֶעל גָאטֶעם וֶוענ, אונ לֶערְנֶען זַייא דִיא חָכְמָה וָואס עֶר הָאט מִיר גֶילֶערִינְט, אונ מַאכִין זַייא אַרְבִּין דָאס וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַרְבִּין, אֵיידֶער עֶר וֶועט מִיר צוּא זִיךְ רוּפִין, אונ זַיין כָּבוֹד וֶועט מִיר צוּא אִים אַיין זַאמְלֶען.

שמעוני בני, הֶערְט מִיר צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט זַיין גִיבֶּענְצְט פוּן גָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶּער פוּן הִימִיל אונ עֶרְד, עֶר זָאל אַייךְ בֶּענְטְשִׁין הִימְלִשֶׁע בְּרָכוֹת (ד. ה. אַלֶע גוּטֶעס וָואס דֶער הִימִיל מְהוּם גֶעבִּין אוֹיף דֶער וועלְט), עֶר זָאל אַייךְ בֶּענְטְשִׁין דָאס אָבְּגְרוּנְד בֶּענְטְשׁוּנְג (ד. ה. אַלֶע בֶּענְטְשׁוּנְג וָואס דֶער אָבְּגְרוּנְד טוּט גֶעבִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט), אוֹיךְ זָאל עֶר אַייךְ בֶּענְטְשִׁין מִיט פְרֵיידֶען צוּ גֶעבִּירֶען קִינְדֶער (ד. ה. דִיא פְרוֹיעֶן זָאלִין גְרִינְג גֶעבִּירֶען), אונ זַייא גוּט צוּא עֶרְנֶערִין, עֶס זָאל קַיין מָאל נִיט פֶעלִיג זַיין זַייעֶר שְׁפַּייז, שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ זַיין מֶענְטְשִׁין, פִירְכְטֶעט זִיךְ פַאר אַייעֶר גָאט, דֶער גָאט פוּן אַייעֶר פָאטֶער, דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, אונ דִינְט אִים מִיט אַגַאנְצֶע הַארְץ מִיט לִיבְּשַׁאפְט (ד. ה. זַיין לִיבְּשַׁאפְט זָאל עֶרְפִילֶען אַייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ) וָוארוּם יִרְאָה בְּרֵיינְגְט זְהִירוּת (צוּא זַיין אָפּ גִיהִיט פוּן זִינְד) אונ אַהֲבָה בְּרֵיינְגְט זְרִיזוּת (גִישְׁווִינְדִיגְקֵייט צוּא מִצְוֹת), אִיר זָאלְט וִויסִין אַז גָאט וֶועט בְּרֵיינְגֶען צוּם מִשְׁפָּט אַלֶע מַעֲשִׂים פוּן מֶענְטְשִׁין סַייא וָואס עֶר טוּט בְּגָלוּי (אַנְדֶעקְט) סַייא בְּנֶעְלָם (פַאר בָּארְגֶענֶערְהֵייט) ד. ה. עֶר טוּט עֲבֵירוֹת מֶענְטְשִׁין זָאלִין נִיט זֶעהֶען, אָדֶער ד. ה. סַייא וָואס עֶר טוּט מִיט דִיא אֵבָרִים וָואס זַיינֶען אַנְדֶעקְט אונ סַייא וָואס עֶר טְרַאכְט אִין דִיא גֶידַאנְקֶען אוֹיף גוּטְס סַייא אוֹיף שְׁלֶעכְטְס (ד. ה. השי"ת וֶועגְט אַלֶץ סַייא בַּייא אַמִצְוָה סַייא בַּייא אַיין עֲבֵירָה ח"ו מִיט וָואס פַאר אַזְרִיזוּת אונ מִיט וָואס פַאר אַיין חֵשֶׁק אונ מִיט וָואס פַאר אַשִׂמְחָה מַ'הָאט גִיטָאן דִיא מִצְוָה אָדֶער דִיא עֲבֵירָה ח"ו), דֶער וָואס פִירְט זִיךְ אִין אַגוּטֶע וֶועג צָאלְט אִים השי"ת דִיא פֵּירוֹת פוּן דִיא מִצְוָה בעוה"ז, אַלֶע וָואס זֶעהֶען אִים, לוֹיבִּין אִים, אַלֶע וָואס קֶענֶען אִים רִימֶען אִים, וַוייל אִיז יֶענֶעם וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אִין גוּטִין וֶועג צוּא גָאט אונ צוּא לַייטִין, אונ אַז עֶס וֶוערְט עֶרְפִילְט דֶער צָאל פוּן זַיינֶע

טָעג, בְּעֵת עֶר נֶעמְט אָפּ שֵׁייד פוּן דֶער וָועלְט פְּרֵייט עֶר זִיךְ מִיט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּנ דַיינֶעט וֵוייניג-וָואס ווֶעגִין שְׁטַארְבִּין, וַוייל עֶר הָאט נִיט קֵיין זִינְד פַאר וָואס מוֹרָא צוּא הָאבִּין, פַאר קֶערְט עֶר הָאפְט נָאךְ צוּא אַיין גוּטִין לוֹין צוּא זֶעהֶען אִין דִיא גוּטֶעם וָואס הַשי״ת הָאט בַּאהַאלְטִין פַאר דִיא יִרְאֵי שָׁמַיִם, אוּנ זַיין הוֹיז גִיזִינְד וֶועט הַשי״ת אוֹיף רִיכְטִין זַייא זָאלִין עֶקְסִיסְטִירֶען בִּיז אֵייבִּיג — אָבֶּער דֶער וָואס פַאר דַארְבְּט זַיין וֶועג (עֶר פִירְט זִיךְ שְׁלֶעכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעגִין הַשי״ת אָדֶער גֶעגִין מֶענְטְשִׁין) אוּנ יָאגְט זִיךְ נָאךְ שְׁלֶעכְטֶעס, וֶועט דִיא שְׁלֶעכְטֶעס אִים נָאךְ יָאגִין אוּנ גְרֵייכֶען אוּנ פַארְדַארְבִּין זַיינֶע מַעֲשִׂים, דֶער וָואס זֶעהֶעט אִים פַאר קְרִימְט אוֹיף אִים זַיין מוֹיל, אוּנ בַּאלֵיידִיגְט אִים מִיט דִיא לֶעפְצִין, אוּנ בְּעֵת עֶר שֵׁיידְט זִיךְ פוּן דֶער וֶועלְט טוּט אוֹיף אִים זַיין לַייבּ וֵוייטָאגִין אוּנ זַיין נְשָׁמָה טוּט אוֹיף אִים טְרוֹיעֶרִין. וָוארוּם עֶר אִיז אָן גִיבְּרֵייט צוּ פִינְצְטֶערְנֶעס פוּן קֶבֶר אוּנ גֵיהִנָם, אוּנ מִיט דִיא פִינְצְטֶערְנֶעס וֶוערְט זַיין נָאמֶען אוֹיס גִימֶעקְט, אוּנ זַיין פַאמִילְיֶע גֵייט צוּא שְׁטְרַאנְד, קֵיינֶער לֵייגְט אוֹיף זַייא קֵיין מִיטְלֵייד נִיט אִיבֶּער דִיא שְׁלֶעכְטִקַייט פוּן זֵייעֶר פָאטֶער.

אחלי לפניכם אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער אִיהר זָאלְט בֶּער קֶענֶען דֶעם יִתְרוֹן פוּן דִיא לִיכְטִיקַייט (ד. ה. דִיא גוּטֶע וֶועג) אוֹיף דִיא פִינְצְטֶערְנֶעס (ד. ה. דִיא שְׁלֶעכְטֶע וֶועג) אוּנ זַייט מְמָאֵס (פַאר הַאסְט) דֶעם טוֹיט אוּנ דָאס שְׁלֶעכְטְס (דָאס אִיז דֶעם אוֹיף פִירוּנְג פוּן דִיא רְשָׁעִים) אוּנ קְלֵייבְּט זִיךְ אוֹיס דֶעם לֶעבִּין מִיט גוּטֶעס (דָאס אִיז דֶער אוֹיף פִירוּנְג פוּן דִיא צַדִיקִים) וָוארוּם דֶעם רְשׁוּת צוּא פִירִין זִיךְ אִין גוּטֶען וֶועג אָדֶער אִין שְׁלֶעכְטֶע ח״ו אִיז אָפּ גִיגֶעבִּין צוּם מֶענְטְשִׁין. וִויא עֶר וִויל אַזוֹ פִירְט עֶר זִיךְ, קֵיינֶער צְוִוינְגְט אִים נִיט — גִיוֵוייְנְט זִיךְ אַיין אִין אַלֶע גוּטֶע מִדוֹת וָוארוּם דֶער נַאטוּר פוּן מֶענְטְשִׁין וֶועקְסִילְט זִיךְ נָאךְ דִיא גִיוואוֹנְהַייט, „אוּנ דִיא גְוואוֹנְהַייט אִיז דִיא צְוֵוייטֶע-נַאטוּר“, — אִיהר זָאלְט וִויסִין אַז (שְׁלֵמוּת הַגוּף) דָאס הֵייסְט זִיךְ אוֹיס בִּילְדִין דֶעם חַארַאקְטֶער (דִיא מִדוֹת) אִיז פְרִיעֶר פַאר שְׁלֵמוּת הַנֶפֶשׁ (ד. ה. אַהֲבַת ה׳, יִרְאַת ה׳

דבקות בה' (ר"ת אי"ד שבזה תלוי שלמות נפש הישראלי) וואס איין איד איז זוכה צוא דעם, דורך זיין לערנען תורה לשמה, אונ שלמות הגוף איז וויא אשליסיל וואס עפינט אויף דעם זאל (דאס איז שלמות הנפש) וואָרום ווען דר מענטש איז פאר דארבין אין מדות אונ האראקטער איז ער ניט זוכה צוא שפירין דיא זיסקייט פון דער תורה (אשר דרכיה דרכי נועם כו' ומתוקים מדבש ונופת צופים *) אונ איז ניט זוכה צוא געטליכע וויסענשאפט, דרום זאל זיין אייער כוונה זיך אויס בילדין דעם האראקטער אונ איין פלאנצין אין זיך גוטע מדות כדי איר זאלט זוכה זיין דורך דעם צוא פאר שטיין דיא טיפקייט פון דער תורה, עס זאל פאר אייך גיעפינט ווערין דיא טויערין פון הימיל (ד. ה. דיא סודות פון דער תורה).

---

*) אונ דאס קען זיין דיא כוונה פון דיא פסוקים (תהלים קי"ט) „אשרי תמימי דרך" וגו', דער נאמען „תם דרך" קען מען זאגין דיא כוונה אזוי וויא איינער וואס ער וואהר געשיקט אוים צו זעהען אוועג פיר רייזענדער, מוז ער אכטונג געבין אויף דיא גאנצע שטרעקע עס זאהל קיין שום שטרויכלונג ניט זיין, ניט קיין גריבער, ניט קיין שטיינער, ניט קיין זומפען, אונ ווען ער זאהל פאר זעהן אייניגע וויארסטין קען זיין אז דארטין געפינט זיך דיא אלע שטרויכלונגען אונ נאכהער ווען דיא רייזענדע ווערלין דארטין דורך גיין ווערלין זייא אלע געשטרויכילט ווערין אונ ער אליין (דער דורך זעהער) ווערט אויך געשטרויכילט, אדער מען קען זאגין דעם משל, ווען מען וויל מאכין א ליניע דער באהן זאהל אויף איהר גיין מוז מען אוים גלייכין דיא גאנצע וועג פון דיא ליניע אונ לייגען רעלצעס, אום אונד אום, אונ ווען מען זאהל אין איין אָרט פאר זעהן צוא פאר גלייכען, אדער צו לייגען א רעלצע, זיינען דיא פאסעזירען אין גיפאהר ח"ו, דיא זעלבע איז אויך ווען דער מענש איז פריער געגרינדעט מיט גוטע מדות (זיטען) אונ פאר גלייכט פריער זיינע מענשענשאפט עס זאהל זיך אין איהם קיין קרומקייט געפינען, נאר ער טוט אלס וואס גלייך איז וויא עס שטייט אין פסוק (ועשית הישר והטוב) ד. ה. דוא זאלסט מאן וואס גלייך אונ גוט איז, נאך דעם אז ער וועט לערנען תורה וועט ער הנאה האבין פון איהר זיסקייט אונ פון איהר טיפקייט (דעם טיפען שכל) אָט דאס זאגט דער פסוק (אשרי תמימי דרך) ווייל איז ווען דיא מענשין וואס זייא הייסען „תמימי דרך" (ד. ה. „גלייכע וועגין" וויא מיר האבין פריער ערקלערט אין משל) „ההולכים בתורת ה'" ווען זייא גייען אין גאטס תורה, דען ווען דער מענש איז ניט אויס געבילדעט אין גוטע מדות (זיטען) איז ווען ער לערינט תורה קען ער נכשל ווערין אין אפולע שלעכטעס, אונ אויך ער מאכט אז אנדערע זאלין אויך נכשל ווערין ווייל מען לערינט זיך אב פון איהם, דען מען זאגט „אז יענער למדן טהוט אזוי וואס

איהר זאלט זיך פירין וויא נכבדים, פאר מיידעט זיך פון דיא קאמפאניעס פון קלים (לייכטזיניגע) אונ פון ליידיג גייער אונ פון גילעכטערלאך פון יונגע לייטלאך. ווייל פון דעם וואקסט שלעכטע פרוכט, איר זאלט זיך שטענדיק געפינען אין דיא קאמפאניעס פון וויכטיגע מענשין אונ חכמים, נור שטיין פאר זייא מיט ענוה אונ הכנעה, אונ שטיין אין דעם נידעריגסטען ארט, אונ לייגט צו אייער קאפ אונ עפינט אויף אייער הארץ איין צו הארכין אונ צו פאר נעמען זייערע רייד וואס זיי שענדין אונ וואס זייא לויבען. יעדער זאך זאלט איר איבער וועגין אין דיא גיוויכט פון שכל. היט אייער מויל אונ דעם צונג פון צו מערין רייד פאר זייא. ווענגט אייערע רייד ווארום דורך מערין רייד וועט גימערט ווערין אייערע טעותין. איר זאלט זיך ניט אויס פיינען אונ גרויס האלטין פאר דיא חכמים אונ ניט שעמען זיך צו פרעגין וואס פון אייך איז פאר הוילין גאר אין דער צייט ווען עס פאסט אונ מיט אלשון וואס עס פאסט — רעכינט אויס אונ וועגט איבער יעדער זאך איידער איר לאזט ארויס פון מויל, ווארום נאך דעם קען מען שוין ניט אום קערין. — ליבט דיא חכמת התורה גילוסט איר וויא געלט אונ זוכט איר וויא באהאלטענע אוצרות — זאמילט זיך איין אין דיא הייזער פון חכמי התורה וואס לערנען אליין אונ לערנען מיט דעם צווייטין, דארטין זאל זיין אייער שפאציר גאנג. אונ נעמט זיך פארגיניגין הערינדיג פון זייא חכמת התורה אונ מוסר, חדושי תורה אונ פלפול. — זיים

זאלין מיר שוין טאהן", אונ דאס בישפעט אויך דהמע"ה אין דיא פסוקים (אחלי יכונו דרכי) ד. ה. איך ביטטע דיר גאט אז מייבע וועגין פון מיין וועלט רייזע זאלין זיערין גוט צו געריכט, דארום איך זאל קענען (לשמור חוקיך) היטען דיין תורה, (אז לא אבוש בהביטי אל כל מצותיך) דען אז דער מענש האט אין זיך גוטע מדות, אונ לערינט ניט אונ וויים ניט דיא תורה, וועט ער האבין פיל שאנדע דער פון בעוה"ב, אונ ווען ער וויים דיא תורה אונ לערינט איר, אבער ער האט ניט אין זיך קיין גוטע מדות (זיטען) וועט ער אויך האבין דער פון פיל שאנדע בעוה"ב, דאס זאגט דהמע"ה (אז לא אבוש) ווען וועל איך זיך ניט שעמען (בהביטי אל כל מצותיך) ד. ה. ווען איך וועל אין זיך האבין בידע מעלות, גוטע איטין אונ לערנען דיא תורה.

מְקַנֵא דִיא וָואס קָענֶען דִיא תּוֹרָה אוּנ פַאר הַאסְט אִין הַארְצִין דִיא עוֹלָמִ'ס (דִיא וָואס ווִילֶען נִיט קָענֶען) — אַז אִיר וָועט עֶפֶּעס פְרֶעגִין אָדֶער עֶנְטְפֶערִין זָאלְט אִיר נִיט פְּלוֹטֶעוֶוען אוּנ נִיט שְׁרַייֶען, רֶעט מִיט אַשַׁיינֶעם אוּיס שְׁפְּרַאךְ, בַּאוַואכְט אוּנ רוּהִיג, אַייעֶרֶע ווֶערְטֶער זָאלִין זִיךְ צִילִין צוּם עִנְיָן וָואס אִיר רֶעט ווִיא אֵיינֶער וָואס ווִיל זִיךְ לֶערְנֶען אוּנ זוּכְט דֶעם אֱמֶת נִיט ווִיא אַקְרִיגֶער וָואס זוּכְט נָאר נִצָּחוֹן. פַאר זַאמְט זִיךְ דָארְטִין מִיט אַייעֶר גוּטִין ווִילֶען אוּנ זַייט זִיךְ מִתְבּוֹנֵן צוּ בַּאקוּמֶען דָארְטִין אַיין גוּטְץ דַאן ווֶעט אַייךְ צִימְלִיךְ זַיין אוּנ נִיט צוּ שְׁווֶער זַיין. אָבֶּער ווֶען אִיר וָועט פַארְנַאנְדֶער לָאזִין אַייעֶרֶע גִידַאנְקֶען הִין אוּנ הֶער, אִיז לֹא דַי וָואס אִיר ווֶעט קַיין רֶיוַח נִיט צִיהֶען, אִיר וָועט אֲפִילוּ דֶעם קֶרֶן אוּיךְ פַאר לִירֶען. ווָארוּם אִיר ווֶעט זִיךְ גַאנְץ ווֵייניג אוּיס לֶערְנֶען אוּנ עֶס וָועט אַייךְ זַיין צוּ לַאסְט דִיא אוֹיפְהַאלְטוּנְג דָארְטִין אוּנ עֶס ווֶעט אַייךְ אָפּ שְׁוַואכִין דֶעם קֶערְפֶּער — אוּנ בְּעֵת אִיר גֵייט אַרוֹיס פוּן רֶבִּין דֵיינְקְט זִיךְ אִיבֶּער וָואס גֶענֶעמְט אִיר מִיט אַהֵיים, וָועצְט דָאס אַיין פֶּעסְט אִין מוֹחַ אוּנ בִּינְדְט דָאס אַיין אִין הַארְצִין:

לֶערְנְט אִין אַייעֶר יוּגִינְט בְּעֵת אַייעֶר שְׂפַּייז אִיז אָן גִיבְּרֵייט, אוּנ אַייעֶר הַארְץ אִיז נָאךְ לֵיידִיג פוּן טִרְדוֹת הַפַּרְנָסָה אֵידֶער זִיא ווֶעט פוּל וָוערִין מִיט טִרְדוֹת אוּנ דֶער כֹּחַ הַזִּכָּרוֹן ווֶעט אָפּ גִישְׁוַואכְט וָוערִין. ווָארוּם עֶס ווֶעט קוּמֶען אַצַייט וָואס אִיר וָועט שׁוֹין ווֶעלִין לֶערְנֶען אָבֶּער דִיא צַייט ווֶעט אַייךְ נִיט עֶרְלוֹיבִּין אוּנ דִיא בִּיסֶעלֶע וָואס אִיר וֶועט שׁוֹין קֶענֶען לֶערְנֶען אִין דִיא עֶלְטֶערֶע יָארִין ווֶעט אִיר זִיךְ נָאר פַאר מַאטֶערִין מִיט ווֵייניג נוּצִין, ווָארוּם דִיא הַארְץ הַאלְט נִיט נָאךְ דִיא מוֹיל (ד. ה. דִיא מוֹיל רֶעט אוּנ דִיא הַארְץ אִיז טָרוּד אִין דַאֲגוֹת אוּנ טִרְדוֹת) אוּנ אֲפִילוּ דִיא בִּיסֶעלֶע וָואס דִיא הַארְץ ווֶעט שׁוֹין אָן יָאגִין דִיא מוֹיל וָועט זִיךְ גַאנְץ קוּרְץ אַיין הַאלְטִין אִין אַייךְ, אוּנ אִיר ווֶעט דָאס גִיךְ פַאר גֶעסִין. דְרוּם הִיט דִיא יוּנְגֶע יָארִין ווִיא בּוּרְלַאנְטִין. שֶׁעצְט טַייעֶר יֶעדֶער מִינוּט ווִיא אַגְרוֹיסֶען שַׁאץ:

איך

איך ענטפער אייך איבער מיינע דברי מוסר אין האנט. איר קענט
דער פון ציען גרויס נוצין ווען איר זאלט לערנען אונ הנערין
צוא פאר שטארקין דעם אמת אונ אפ טאן דיא פארפלאנטערונג.—
ווען איר וועט גיפינען אין תנ"ך אטיפין פסוק אדער אפארשטעלטין
מאמר אין תלמוד, וואס איר וועט ניט פארשטיין זיין כוונה אונ אייך
וועט זיך אפ דאכטין אז ער איז סותר פנות התורה, אדער אזוי
רייד וואס מיטין קליינעם שכל דוכט זיך אז זייא זיינען ניט קיין
קלוגע רייד, זאלט איר זיך ניט אראפ רוקין פון דיא אמונה אונ זאל
ניט מבולבל ווערין אייער שכל, האלט זיך פעסט אן דיא אמונה
אונ דעם פעלער הייגנט אן אייך אן (אז אייער שכל איז קורץ־
זיכטיג צוא פאר שטיין דיא זאך). לייגט דאס אפ אן אזייט אונ
פאר אונווירדיגט ניט אייער אמונה וייל איר פאר שטייט ניט דעם
מאמר חז"ל אדער דעם פסוק פון תנ"ך. דען גאט מאכט וויסען דיא
וועג וויא צו פארשטיין דאס, צו דיא היילינע מענשין וועלכע זיינען
ווירדיג דאס צו פארשטיין, דען נאר ער ווייס איר ארט (וואס דער
גידאנק פון דעם פסוק אדער דער מאמר איז):

ליבט דעם אמת אונ דיא גירעכטיגקייט אונ באהעפט זיך אן זייא
ווארום איר וועט מצליח זיין מיט זייא, אונ דיא הצלחה פון
דיא עסקים וואס זיינען גיגרינדעט אויף אמת וצדק איז אפעסטע
הצלחה וויא איינער בויעט אויף אשטארקין פונדאמענט — פאר
האסט שקר אונ עולות אונ גילוסט ניט צוא זייער גישמאק ווארום
דער בנין וואס מען בויט אויף שקר אונ שווינדעל איז וויא איינער
בויט אויף זאמד נאר עט וואס אריר פאלט דאס איין — דרום זאל
בייא אייך זיסער זיין דער אמת אונ צדק אפילו אייך וועט זיך
אויס דוכטין צו האבין היזיק פון דעם, בעסער אונ מערער פון שקר
אונ עולה וואס אייך וועט זיך אויס דאכטין צו פארדינען פון דעם,
אונ אזוי זאגט דער חכם שלמה המלך (אמת קנה ואל תמכור)
ד. ה. לאז זיך קאסטין געלט אויף דעם אמת אונ פאר קויף אים
ניט צו ליב געלט — איר זאלט וויסין אז דער אמת אונ דער צדק
זיינען דיא תכשיטין פון דיא נשמה (וואס דיא נשמה ציערט זיך

מיט זייא אוים) אונ זייא גיבין שטארקייט אונ פאר זיכערונג אונ צופרידנקייט צום קערפער — אונ איך האב ניט גיפונען אזא טייערע רפואה צו וייכין דיא הארץ וויא דיא צוא זאמען מישונג פון אמת מיט צדק, אונ עס האבין מיר ניט אזוי באפעסטיגט אונ בארוהיגט מיינע קאמפאניעס פריינד אונ דיא שטארקסטע פעסטונגען אונ שווערד אונ פאנצער וויא דיא הוט פון אמת אונ דער פאנצער פון צדק. דרום מיינע ליבע קינדער אז עס וועט קומען מיין צייט צוא שיידין זיך מיט אייך אונ מאכין אייך ארבין דאס וואס השי"ת האט מיר גימאכט ארבין וויל איך מאכין אייך ארבין דיא מדה פון נאמנות (ערליכקייט, ראיעלקייט, פינקטליכקייט, דער „יא וואָרט" זאל זיין יא, דער „ניין" ניין) וואס דורך דעם האט מיר דער בורא ית"ש גימאכט ערווערבין מיין רייכטום מיט דיא גדולה, ווארום בעת איך האב זיך גישייד פון מיינע עלטערין איז מיר נאר גיבליבען מיין שטעקין אונ מיט אים בין איך גיפארין פאר דינען מיין ברויט שפייזין דיא פאמיליע, אונ השי"ת האט מיר גיבענשט אונ האב דער לאנגט אזוי אהויכע שטופע אונ דורך וועמען? נאר דורך דיא נאמנות, דיא נאמנות האט מיר רעקאמאנדירט אונ ארין גיבראכט אין אזעלכע הויכע ערטער וואו מיינע קרובים אונ פריינד האבין ניט דער לאנגט, אונ האט מיר גימאכט ירשינען וואס מיינע עלטערין האבין מיר ניט גימאכט ירשינען, אונ האט מיר גימאכט גיוועלטיגען אז איך האב גיהאט צוא שאפין אויף גרעסערע אונ בעסערע פון מיר, אונ האב מצליח גיוועזען אונ זיך גוטס גיטאן אונ דעם צווייטין אויך, דרום פאר זאג איך אייך מיינע ליבע קינדער אז איהר זאלט זיין זהיר אין נאמנות צוא אלע מענטשין סייא אידין סייא אנדערע נאציאנען, קיינעם ניט נארין אונ ניט גאנווענען זיין דעה — האלט אייער ווארט, זאל ביי אייך ניט זיין וויכטיגער אייער אונטער שריפט וואס איר שרייבט מיטין האנט וויא אייער ווארט וואס איר רעט מיטין מויל, (דיא מויל שטייט העכער וויא דיא האנט), דיא צווייא זייטיקייט (צוא ריידין מיטין מויל אזוי אונ טראכטין אין זיך אנדערש) ווארצילט

אוים

אויס פון זיך, אונ דאס גלייבין נאר אזארט קרומקייט אונ שווינדלעריי אונ פוילקייט, ווייא איז דעם וואס בויט זיין הויז אויף דעם, אין זיינע העלפט יארין וועט ער איר פאר לאזין אונ זיין ענדע וועט זיין שאלקהאפטיג — לעבט אין תמימות אונ אין ציכטיגקייט אונ רירט גיט אן קיין פרעמדע אויף דאס מינדעסטע — פאר זוכט ניט אויף אהאר דאס וואס ניט אויף געווים אייערע, אונ דיא זאך וואס אייך איז אספק צו עס איז אייערע אדער יענעמס, אנטלויפט פון דעם אונ שטעלט דאס אין יענעמס חזקה (אז מן הסתם איז דאס יענעמס) — איר זאלט וויסין אז ווען מען פאר זוכט נאר איין מאל פון אספק (טאמער איז דאס מיינע) ציהט דאס בסלאך ווייס ארין אן צוא רידין וואס עס איז געווים יענעמס, אונ אביסעלע ברייננט צוא אפולע אונ פאר גארגינע ברייננט צוא עפינטליכע זאכין ביז וואנען מיא ווערט אמוחזק פאר אקיסלער אגנב אונ אגזלן אונ איין אן זעצער, אנטלויפט פון דעם וויא ווייט די אויגין טראגין, דער שקרן לעבט אין בושה אונ שטארבט אין חרפה, דאס אלין זאג איך אייך וואס איך האב אויף מיין לעבין גיזעהן אונ פראקטיצירט אונ האב זיך אראפ גענומען אמוסר אז דיא וואס טראגט מעקענע גיבירט זיא שטרוי אונ דער וואס זייט גירעכטיגקייט שניט ער גינאדע. יחסינט זיך מיט מוסר אונ שעצט זיך גליקליך מיט נאמנות ווארום עס איז ניטא אזא יחסן וויא דער אדעל מאן מיט גוטע מדות אונ עס איז ניטא אזא רייכע ירושה וויא נאמנות — זייט מקרב אפילו אייערע ווייטע קרובים, בייגט זיך איין צוא איין נידעריגין פון אייך, ווייזט אפרייליכען פנים צו עלינטע אונ שפלע מענשין, ערבאריםט זיך אויף אביונים אונ פאר שעמטע, ערפרייט זייא אין אייערע שמחות אונ דער מאגט זיך אן זייא אין אייערע ימים טובים מיט דיא גוטע וואס גאט האט אייך גיבענטשט, נאר היט זיך זייער זייא זאלין ניט פאר שעמט ווערין דורך אייערע געשאנקען — איר זאלט זיך ניט פאר מיידין גוטעס טאן וויא ווייט אייער מעגליכקייט איז נאר ווען איר קענט — פאר האכט דיא ליידיג גיין אונ פאר מיאוסט דיא רוהיג זיצין ווארום

דער

דאָרך דעם וועט פאַרדאַרבן דיא געזונד מיט דיא קעשענע מיטין
שכל מיטין כאַראַקטער, אונ דיא ליידיג גיין אונ פוילקייט איז
אַלייטער פאַרין שטן אַרויף צו קריכן דעם מענשין אויפן קאָפּ,
אונ פון יעדער אַרבעט האָט דער מענש אַנוטץ אפילו ווען ער
פאַר דינט ניט פון איר, לפחות איז ער ניט ליידיג געזעסין:
איהר זאָלט ניט פאַר אונווירדיגן אייער זעלע מיט מחלוקת וואס
דאס פאַר לענט דעם קערפער אונ דיא נשמה אונ די געלט,
הייכט וואס בלייבט אים איבער, איך האָב געזעהן ליכטיגע זיינען
פינצטער געוואָרין אונ האַרין זיינען שפל געוואָרין, אונ פאַמיליעס
זיינען צוא שטראַנד געוואָרין אונ גרויסע לייט זיינען אַראָפּ פון
זייער גדולה אונ גרויסע שטעט זיינען אויס געריסין אונ וויסט
געוואָרין אונ גרויסע געזעלשאַפטין זיינען צו שפּרייט געוואָרין, אונ
פרומע לייט זיינען קיילע געוואָרין אונ בעלי נאמנות זיינען פאַר
לאָרין געוואָרין אונ אָן שטאַנדיגע מענשין זיינען גרינג אונ פאַר
שעמט געוואָרין אַלץ דורך מחלוקת, נביאים האָבין נביאות געזאָגט
אונ חכמים האָבין געזאָגט קלוגע רייד אונ פילאָזאָפין האָבין ערקלערט
אונ פאַרגלייכט דיא אונגליקין וואס מחלוקת ברענגט אונ דאָס איז
נאָך אַלץ נאָר ניט, מחלוקת ברענגט צוא אַזעלכע אונגליקין וואס
קיין נביא אונ קיין חכם אונ קיין פילאָזאָף איז ניט אום שטאַנד
דאס אַרויס צוא שרייבין, דרום מיינע ליבע טייערע קינדער פאַר
האַסט איהר אונ אַנטלויפט פון דעם וויא פון אַגיפטיגע שלאַנג אונ
ערווייטערט זיך פון די מענשין וואס ליבין איהר אונ האָבין נאָר אַיד
אין דעם, אונ אפילו אייערער איין נאָהענטער קרוב ווען ער איז
אַנדערער מאַכט זיך פרעמד צו אים אונ ערווייטערט זיין התקרבות.
טאָמער וועט איהר נעמען אַטייל אין זיינע זינד, באַרימט זיך אונ
שעצט זיך גליקליך מיט דיא מדת הסבלנות (פאַר ליידין אַלץ, ניט
שטעלין אויף דיא פיסלאַך קיין זאַך) וואָרום דאָס איז דיא גראָדע
גבורה אונ דער וואָרער נצחון, וואָרום ווען איהר וועט זוכין נקמת
נצחון פילייכט וועט איהר עס ניט ערגרייכן אונ ניט אויס פירין
ווען איהר זיך נאָר אָן מאַכין קריינקונג אונ וועט נאָר צו ברענגען

צו די בושה נאך חרפה מיט דעם וואס איר וועט ניט אויס פירין, אונ רעכינט אפילו ווען איר וועט אויס פירין אונ וועט זיך שוין נוקם זיין אן יענעם, באטראכט וואס פיר נוצין האט דאס אייך גיבראכט, מער ניט וויא פאר זינדיגט זיך קעגין השי"ת וואס ער האט פאר זאגט אין דער תורה „לא תקום כו'“ איר זאלט זיך ניט נוקם זיין (ראכע נעמען) אן דעם צווייטין. אונ בארעכינט זיך וואס פאר אונווירדיגע פריזענטין דיא ראכע האט אייך גיבראכט, פיינדשאפט אויפען צווייטען, איין מערדישע הארץ, צו מישטין שכל צו שטערט דעם שלאף, צו מישט דיא ארבעט, אנדערקט אייערע פעלערין, פאר ענדערונג אין פנים (טיראנישע גיזיכט) פאר דארבין דעם כאראקטער אונ מענשליכען גיפיל, מיט אזעלכע שמוציגע פריזענטין האט אייך דיא ראכע באשאנקען דרום זאלט איר זיך נעמען אין זין אונ ערקענען דיא מעלות פון סבלנות מיט דעם וועט איר פאר היילגט זיין אין דיא אויגין פון אייערע פיינד, זייא וועלין ערקענען אייער אדעלען כאראקטער, הגם איר קענט נעמען ראכע פון זייא פון דעסט וועגין פערצייעט איר זייא אונ טראגט ניט נאך קיין פיינדשאפט אויף זייא, וועט דער סאוויסט זייא אזוי ווייט גריזענען אז זייא וועלין חרטה האבין אויף זייער נארהייט וואס זייא האבין אייך שאדין גיטאן אונ אייער זעלע וועט זיך זייער גרויס גיאכט ביי זייא אין דיא אויגין, אונ זייא וועלין זיך איבער צייגין אונ טאן מיט אייך גוטעס, דאס איז אויב זייא זיינען מענשין מיט פולין פאר שטאנד, אונ אויב זייא זיינען נארעשע אונ שאלקהאפטיגע מענשין וועט דאס זייא קריינקען, ווארום פירט איר זיך ניט אזוי וויא זייא מיט פארדארבענע מדות, זלזולים, באליידיגען, ראכע נעמען, וועט איהר קיניגין אויף זייא מיט דעם קרוין פון מוסר אונ אדעל — פירט זיך מיט ענוה, ווארום די מדת ענוה איז וויא אלייטער וואס אויף איר גייט מען ארויף צוא דיא העכסטע מדות אונ מעלות, אונ מיט דיא מדות וועט איהר קיין מאל ניט האבין קיין ליידין, באדיינקט זיך, אז עס איז ניטא אזא צירונג וויא ענוה, משה רבינו ע"ה דער רבי פון אלע נביאים האט דיא תורה אים ניט אזוי בארימט מיט אלע מדות וויא מיט ענוה

האבן זיין שוועסטער מרים און אהרן האבן אים באליידיגט פון דעסט וועגן האט ער דאס אוועק גימאכט אונטערן האנד און גיבליבן זייא דער זעלביגער פריינד וויא פריער און נאך מתפלל גיוועזן אויף איר בעת זיא איז גיווארין מצורע, אז השי"ת זאל איר היילין:

היט דעם שלאס פון אייער מויל און דעם צוים פון צונג ניט צוא עפענען וואו ניט נייטיג און נוצבאר איז, נעמט זיך אין אכט אז דעם טייערין שאץ פון ריידין האט דאס גאט געשאנקען דעם מענטשין מחמת זיין גרויס ליבשאפט צוא אים מער וויא צו אלע באשעפענעס פון דר וועלט וואס דורך דעם זאל דר מענטש לערנען חכמות און ערקענען זיין באשעפער, דרום דארף דער מענש זייער שעצין דעם טייערין פריזענט און באנוצין אים נור צוא טייערע זאכין, צוא לערנען תורה און חכמה און דאנקען דעם באשעפער און ערהויבין אים און דערציילין זיינע וואונדער, היינט וויא אונ-וויסענד און פאר שעמט איז דער מאן וואס פארבייט גוטעס אויף שלעכטס און פארשמוצט אזא טייערין צירונג, צוא ריידין מיאוסע רייד אדער שקר, רכילות, אדער גלאט פוסטע רייד וואס בריינגען ניט קיינע נוצין. דאס איז פון דיא שרעקליכע זינד.

זייט משעבד (מאכט אונטערטעניג) דעם חומר צום שכל (ד. ה. דעם גוף צוא דיא נשמה) ווארום די אונטערטעניגקייט פון קערפער צום נפש איז דיא וואהרע און אמתע פרייהייט אויף דיזע וועלט און יענע וועלט — דער שכל מיט'ן קערפער זיינען גלייך וויא א רייטער מיט זיין פערד (דער חומר איז דיא בהמה און דער שכל איז דער רייטער) איז ווען דער רייטער איז דער האר. ער האלט דעם צאם אין האנט און קערעוועט דעם פערד וואו מען דארף קומען זייא ביידע לשלום, אבער ווען דער רייטער האפט שלאפין און לאזט ארויס דעם צאם און דער פערד ווערט דער האר און גייט וואו ער וויל קען מען פאר שטיין צוא וואס פיר אונגליקין זיי קומען ביידע. דער פערד קריכט אראפ פון וועג אין א זומפ און דר טרינקען זיך ביידע, דרום זאלט איר האלטין דעם חומר שטארק איין גיצאמט

ניט

ניט לאזין ארוים טרעטין איין שריט פון דרך התורה ווארום אז איר וועט אים איין מאל נאך געבין זיינע תאוות וועט ער וואס ווייטער וועלין מערער אונ וועט ניט זאט ווערין ביז וואנען ער וועט באנגעין אזעלכע זאכין וואס אונמיגליך אונ וועט זיך פארלירין מיט דעם געטליכין טייל אויך (דאס איז דיא נשמה), אבער אז דער שכל רעגירט אונ האלט איין גיצאמט דיא תאוות אונ דער חומר איז אונטערטעניג ביין שכל פאר לאנגט ער נאר וואס באדערפטיג אונ נויטווענדיג איז, אונ ווערט זאט מיט ווייניג אונ פאר האסט דיא מותרות מיטין לוקסוס. אונ פאר ברייננגט איין זיסין אונ צימליכין לעבין אונ טרייסט זיך מיטין טויט ווארום דענסטמאל וועט ער ערסט אן הייבין צוא לעבין איין אייביגין גליקליכין לעבין — עסט נור מיט דעם גידאנק איר זאלט לעבין (ניט לעבט כדי איר זאלט עסין). אונ דאס מותרות פאר וויסט אונ פאר האסט. איר זאלט ניט מיינען אז דורך אפולע עסין אונ טרינקען וואקסט דער גוף אונ מערט זיך דער שכל אזו וויא אזאק וואס מיא פאקט אים אן מערער ווערט ער דיקער אונ העכער, ניין עס איז גראדע פאר קערט אז מען עסט ווייניגער (ניט גאנץ זאט) האט דער מאגען קרעפטין איין צו האלטין אין זיך אונ דיא נאטירליכע היץ קען עס פאר דאייען, דענסט מאל ווערט דער קערפער פולער אונ גיזינטער אונ דיא פארשטאנד ווערט באזעצטער, אבער אז מיא עסט צוא פיל קען דער מאגען דאס ניט צו נעמען אונ די נאטירליכע היץ קען דאס ניט פאר דאייען דער גוף ווערט פאר מאגערט אונ דער שכל ווערט שוואכער אונ דיא קעסענע ווערט ליידינער. — זייט געהיט איר זאלט ניט עסין ביז וואנען פריערינע עסין איז פאר דייט ווארום אז ניט פאר לירט דאס דעם קערפער מיט דיא קעסענע. אונ באוועגט אייך פארין עסין אונ רוהעט אב נאכין עסין. איר זאלט ניט עסין היילינדיג וויא דיא הונגער קראנקע, אונ ניט אן שפארין אפולע מויל עסין ווארג אדער גיטראנק, פאר האסט דיא אכילות וואס זיינען שעדליך חנם זייא זיינען גישמאק אזוי וויא איינער האט פיינט אנזלן וואס וויל אים טייטין. עסט ניט אין נאס אזו וויא א בהמה אונ ניט אלע מינוט וויא

שרצים נייערט אין אפ געשטעלטע צייטין אונ ביא זיך אין שטוב, פאר מיידט זיך צוא עסין אפטער אין געזעלשאפטין, איר זאלט וויסין אז אויף דיא סעודות פון אויפצאמלונגען ווערט ערקענט דיא ערציאונג פון מענטשין צוא ער איז גוט ערצויגין געווארין צוא ניט. אונ אסך מאל האט געטראפין אז איך בין געוועזין איין גלאדין אין אגעזעלשאפט אונ בין געקומען אהיים הונגעריג אונ דארשטיג מחמת פארכט, זעהענדיג דיא שאנד פון דעם צווייטין — היט זיך אפ פון שטארקע געטראנקען (ויין, בראנפין, ביר) וואס דאס ערמארדעט פילע אונ שטארקע אונ פאר שעמט דיא גרעסטע מכובדים, אונ מיר געפעלט זייער דיא צוואה פון יונדב בן רכב צוא זיינע קינדער (ירמי׳ ל״ח) (איין פונקט איז דארטין זייא זאלין ניט טרינקען קיין וויין) גאר איך קען אייך אזוי וייט ניט פאר זאגין וייל איך האב אייך אזוי ניט איין געוויינט פון קליין וייס אן, נור היט זיך אליין וויא וייט מעגליך איז, טרינקט ניט גאנץ שטארקע אונ אביסעלע בעת עסין אונ וויטער ניט, באדיינקט זיך אז ניט אום זיסט האט דיא תורה פאשריבין דיא מעשה פון נח (בעת ער איז ארויס פון תיבה אונ געפלאנצט אוויין גארטין אונ זיך איין געשיכערט) וואס עס האט זיך פאסירט מיט אים, דאכט זיך דיא תורה פאר שוינט דעם כבוד פון יעדער באשעפענעם אונ בפרט פון אזא צדיק, נאר דאס איז פון אונזערט וועגין צוא נעמען זיך אמוסר צוא וואס אפולע טרינקען ברייגגט, איז דאס ניחא דעם צדיק אז ער איז אביישפיל אונ אלעהרע פאר דער וועלט היטין זייא פון שלעכטם. —

זייט וויסען אז דיא הוצאה פון מענשין ווערט איין גיטיילט אין פיר טייל, א) רוח (פאר דינסט) דהיינו ער גיט אוים געלט אויף מחודה, פון דיא פאר דינסט זאל ער זיך שפייזין אונ דער קרן בלייבט, ווערט דאס גירופין רוח, ב) הפסד (פאר לארין) ער גיט אוים געלט אונ דאס ווערט פארלארין ער נעמט פון דעם גאר ניט צרוים, ג) מאוס, ער גיט אוים געלט אונ עס גייט אוועק אין מאוסע זאכין עס איז ניטא אויף וואס צו קוקען, ד) כבוד (עהרע) ער גיט אוים געלט אונ האט פון דעם עהרע. יעצט איז ער מפורש אז ביי

יעדער מענשען איז אלע הוצאות איין געטיילט אין דיא פיר זאכין
1) רווח (פארדינסט) איז דיא געלט וואס אמענש גיט אויס אויף
צדקות אונ גמילות חסדים דיא פירות פון דעם גיט אים השי"ת אפ
אויף דער וועלט אונ דער קרן בלייבט שטיין אויף יענער וועלט ,
2) היזק , ווערט גירופין וואס מיא גיט אויס אויף שפילעריי דהיינו
קארטין אונ דאס גלייכין וואס דער מענש פארלירט נאר דיא געלט ,
זיין יודין ערדע אונ דיא צייט וואס זיא איז טייערער פון אלץ , אונ
ווען אפילו ער פארדינט פון דעם איז דאס נאר וויא שפין-וועבס
אונ ער מאכט אן אגרויסין שולד אויף זיין נשמה . 3) מאוס , ווערט
גירופין דיא געלט וואס גייט אוועק אויף עסין טרינקען וואס ווערט
פון דעם מאוסע זאכין . 4) כבוד , דיא געלט וואס מען גיט אויס
אויף קליידונג . מיא ווערט דאך באעהרט מיט דעם , עס באדעקט
דיא נאקעטע לייב . דרום מיינע ליבע קינדער באקליידט זיך וויא
אייער פארמעגין , עסט אונ טרינקט ווייניגער וויא אייער פארמעגין
נור וויא צוא לעבין , פאר האסט דיא קארטין שפילעריי אונ ווייכט
אויס פון דיא שפילער . פאר זייט צדקות אונ גמילות חסדים מער
וויא אייער פארמעגין . — זעט אייך איין געשעפט וואס איר זאלט
קענען לעבין פון אים מיט אייערע יונגע פרויען אונ רירט זיך ניט
אן אן אפרעמדע פרויא ווארום אסך אונגליקען איז פון דעם ארויס
אונ זייער פיל דער שלאגענע זיינען פון דיא פרעמדע פרויען , רעכינט
אייך גלייך וויא איר זייט אין נח'ס קאסטין דאס הייסט עס איז נאר
אויף דער וועלט ניטא קיין צווייטע פרויא חוץ אייערע , האט איר
גאר ניט וואס צו טראכטין ארום קיינע , אונ וויא איר שטעקט
ארויס דיא קאפ פון אייער הויז (דאס הייסט צוא אנאנדער פרויא)
פאר פלייצט אייך דער מבול . אונ אפילו מיט אייערע אייגענע פרויען
זאל זיין אין דער צייט אונ וויא אמענש מעמיד זיין קינדער אונ
באשטענדיגין דיא גיזונד , דיא פרויען לוסט איז אזוי וויא אפייער
אז מיא זעצט זיך אויף אים פיל , ווערט מען פאר ברענט , דער
קלוגער נארישט זיך פון ווייטין אונ רירט זיך אן אים אן צייטין
ווייס אונ איז מקבל פון אים אנוץ , ציט אויף זיך ניט ארויף דיא

פרייען לוסט, עס קלעקט וואס דער רצון יאגט אליין דעם מענשן — זייט מכבד אייערע ווייבער ווארום דיא פרויא איז דיא עהרע פון מאן. איר זאלט ניט אפּ לאזין פון מוסערין זייא מיט גוטע ווייכע רייד, פירין זייא אין גוטין וועג איין פלאנצין אין זייא גוטע זיטען מיט גוטין האראקטער ווארום אליין קענען זייא דאך ניט לערנען, דרום דארפט איר זעהן זייא איין גיוואוהנען אין גוטע מדות אונ פרומקייט. אונ לאזט זייא ניט ארויף אז זייא זאלין הערשין אויף אייך, ווארום דאס שאדעט פאר ביידין, דיא עהרע פון א פרויא איז וואס מעהר זיין אין איר אייגענע שטוב ניט ארום שאטייען זיך ווען זייא ווייזין זיך ווייניגער טוען זייא ווייניגער שאדין. אנדעקט פיר זייא ניט דיא פארבארגינעש פון אייער הארצין וואס איינער האט אייך עפּעס פאר טרויט, (הגם איין אשה מיטין מאן זיינען וויא איין קערפּער פון דעסט וועגין אנטקעגין אסוד איז דאס פארט צוויא מענשין אונ ווען צוויא וויסען איז דאס ניט קיין סוד) — דינט אייערע קרובים אונ גוטע פריינד מיט אייער גוף אונ מיט אייער געלט וויא ווייט אייער פארמעגין איז, נאר היט זיך, ניט צוא דינען זייא מיט אייער נשמה ווארום דאס איז דער חלק פון השי"ת: